שנת 1919. אני נמצא בבית ספר עברי מתוקן השוכן „בשול גאס" (רחוב הכנסת). בבית אולפנא זה למדו, נוסף על לימודי הקודש, גם רוסית וגרמנית.
מוסד חינוכי זה הצטיין בסדריו המשופרים, במשמעת וברמת הלימודים הגבוהה. הארגון היה בידי הנהלת הקהילה.

זוכרני יום סיום שנת הלימודים, כשקיבלתי תעודת גמר לתפארת, שבראשה התנוססה שנת „עטרת", היינו תרע"ט, והיתה חתומה ע"י מורי המוסד ובראשם רב העדה, עזריאל זליג קושלבסקי ז"ל.

שנת 1920. ימי שלטון הפולנים. נפתח בי"ס בהנהלתו של המורה ד. בוירסקי, ואני תלמיד במוסד זה. אפשר לציין, כי בית ספר זה היה כבר מודרני, אבל עונש המכות עדיין לא עבר מהעולם. „החוטא" עצמו היה חייב להביא מחדר המנהל את השרביט. לאחר שספג מכה כהלכה ביד, היה עליו לומר „תודה" ולהחזיר את השרביט למקומו. העלבון היה גדול מכאב המכה. המשכתי לימודי במשך שני „זמנים" ב„תלמוד תורה", וסיימתי אותם בבית ספר יסודי פולני, בן שבע כתות. היה זה בי"ס של „לימוד חובה". למדו בו פולנים ויהודים יחד. כאן סבלנו — משנאת ישראל. חברינו ה„שקצים" התנכלו לנו בגלל היותנו יהודים ובגלל שעלינו עליהם בידיעותינו ובכשרונותינו.

יש ודאי בסקירה קצרה זו משום אספקלריה לדרכי הלימוד ושיטות החינוך בימים עברו.

יקרים לי הזכרונות מהזמן ההוא.

חיים בן אבא אורימלנד

בין מלחמה למלחמה



זכורני, בשנת 1915 היה הדבר. הייתי אז ילד כבן 5. מלחמה היתה נטושה באותה עת בין הגרמנים לבין הרוסים. הגרמנים הקיפו את עירנו וניסו לכבשה. ביתנו שכן ברחוב „לאנגע גאס", בקרבת בית הכנסיה הנוצרי, ששימש באותו זמן גם כמקום משכנה של המפקדה הרוסית. זוכר אני היטב את הפצצות ששלחו בעיר הגרמנים. אנו שכבנו במרתף ביתנו והיינו נתונים בסכנה גדולה. כדי ליצור אנדרלמוסיה ולזרוע בהלה בקרב התושבים, הדליקו הגרמנים את היערות שמסביב לעיר. ואמנם הם השיגו את מבוקשם, והקלו על עצמם את כיבוש העיר. התושבים החלו לברוח בכל דרך אפשרית בנסותם להציל את חייהם, מי ברגל ומי בעגלות. הגשר על גבי התעלה, בדרך גרודנו, היה הרוס, ועל הבורחים היה לעשות את דרכם ברגל. באותה שעה נכנסו הגרמנים לעיר מכוון גרייבו. הם הקימו תחנת כח להספקת זרם חשמלי לעיר ופתחו בתי ספר. ב־1918 גורשו הגרמנים ע"י הפולנים שהשתחררו מעול זרים. הנוער המתבגר שהיה עזוב במשך תקופה ארוכה החל עתה לתכנן מחדש את חייו. הקהילה היהודית העמידה בראש פעולתה את הדאגה לנוער, והקימה בית ספר עברי, ו„תלמוד תורה". הממשלה הפולנית גם היא הקימה בית ספר יסודי, בו למדו ילדי היהודים וילדי הגויים ביחד. האנטישמיות הורגשה בבית הספר במלוא התנופה. סבלנו רבות. בקושי רב הצליח ועד הקהילה להשיג הסדר שלא נלמד בשבת. הילדים שלמדו בבי"ס המעורב, ביקרו בשעות אחה"צ ב„תלמוד תורה", או אצל מורים לשעורים פרטיים, כדי לרכוש את לימודי היהדות. האנטישמיות נטעה בנו את ההכרה והמחשבה, שמקומנו בארץ ישראל. הנוער החל להתארגן בארגונים ציוניים. „החלוץ הצעיר" היה בעל השפעה מכרעת בחיי התרבות בעיר. „החלוץ הצעיר" הכשיר את חבריו גם בעבודה חקלאית, בגן הירק שחכרנו ב„רחוב הארוך" ממשפחת שיינצייט. חברי „החלוץ הצעיר" הצטיינו גם בשטח הספורט, ואירגנו קבוצת כדורגל. הפעילות הרבה של בני עירנו בכל השטחים הבליטו אותם לטובה בחיי יהודי פולין עד היום האחרון לקיומם.

לבני ישעיהו (ביאלוביז'צקי)

„תלמוד תורה" (1920 — 1940)

מאת **אלחנן סרביאנסקי**

בנין „התלמוד־תורה" עמד ברחוב קופרניקה. היה זה בית ספר דתי, בו רכשו השכלתם היסודית כמעט כל צעירי העיר.

בתור מנהל ומורה לתורה ולגמרא כיהן ר׳ אפרים וולף. המורה לעברית ולהיסטוריה היהודית היה המורה ר׳ יהושע ברגשטיין. המורים לעברית בכיתות הראשונות — ישראל ישמחוביץ וא. לוינסון. מורה לפולנית, חשבון, היסטוריה וגיאוגרפיה פולנית — זילבר. בשנים האחרונות שימש כמורה גם וסרמן. בבית הספר הכללי הפולני לימדו כמורים דינה סולובייציק וקופלר. מכל המורים האלה לא נשאר אף אחד לפליטה. יהיה זכרם ברוך!

יום אחד ב„תלמוד־תורה"

הפעמון מצלצל. השעה היא בדיוק 8 בבוקר. הילדים נכנסים לכיתה ומתיישבים על הספסלים, כל אחד במקומו. המורה יהושע ברגשטיין נכנס לכיתה, ומיד משתרר שקט. בידים זריזות פותח הוא את היומן, וקורא שמותיהם של תלמידי כיתה ד׳ לפי סדר הא״ב: בורוביץ זליג, ברנר ברוך, ווילקובסקי יקותיאל, זלוטניצקי צבי, לזדייסקי חיים, מורזינסקי עזרא, סרביאנסקי אלחנן, פוזניאק צבי, קולפניצקי פסח, רוזנפלד שלמה, ועוד. משנוכח המורה כי כולם נוכחים, פוקד הוא להוציא מהילקוטים את ספר קורות־העברים חלק ב׳ מאת ש. דובנוב. בין התלמידים היו תמיד כאלה שהפריעו בזמן השעורים: שיחקו, סיפרו בדיחות או ציירו ציורים שונים ומשונים. עינו החדה של המורה נופלת על התלמיד המשחק. מצווה הוא על התלמיד לקום ולספר על מה מדובר בכיתה. כמובן, שלא ידע. המורה היה מגרש, במקרה זה, החוצה, מורט את האוזן, או מרביץ בסרגל עבה מעץ על כף ידו של התלמיד.

עם צלצול הפעמון היו התלמידים רצים החוצה כמטורפים. אחרי ההפסקה חוזרים לכיתה ונכנס המורה זילברג. יהודי חלוש וגיבן היה, אבל מורה יוצא מן הכלל. הוא לימד את השפה וההיסטוריה פולנית, חשבון וגיאוגרפיה — הכל בשפה הפולנית. והיה, אם השעורים לא היו מעניינים, היו התלמידים משתוללים, כי פחד המורה החלוש לא היה עליהם. בהישמע צילצול הפעמון, באה הגאולה לתלמידים ולמורה.

השעות חלפו. השיעור הששי והאחרון: תורה. המורה אפרים וולף נכנס לכיתה. הושלך הס בחדר. מפניו פחדו כולם. בזמן השיעור אפשר היה לשמוע את זמזום הזבובים

במעופם. עם סיום שעור זה, ארזו התלמידים את ילקוטיהם, לבשו את מעיליהם והלכו לבתיהם, כדי לחזור שוב לאחר שעתיים או שלוש לבית־הספר, כדי ללמוד עוד שעתיים גמרא, מפי המורה ר׳ אפרים וולף.

„תפארת בחורים"

באוגוסטוב התקיימה גם קבוצת „תפארת בחורים", שכללה בחורים דתיים חברי המפלגה הציונית הדתית „מזרחי", או נוטים לה בהשקפותיהם. הם מנו מנינים אחדים והתמקמו בבית הרב הדיין ר׳ עזריאל זליג קושלבסקי, ברחוב קרקובסקה (זויב־גאס), ולאחר מכן — בדירה יותר מרווחת, כשמשפחת הרב עברה לגור בבנין החדש של האופה בריזמן. את הקבוצה ייסד הרב עזריאל זליג נח קושלבסקי והרוח החיה בה היה בנו, הרב המנוח ר׳ ישראל אריה — עד לפטירתו.

בחורי „תפארת בחורים" התפללו בקביעות בבית הרב. זכורים לי אחדים מהם והנני לציינם: בן־ציון פיליווינסקי, שעפסעלע בחור־ישיבה (פליט), יעקב בלכרסקי, אהרון כהן, יאשקה גיזומסקי, בורובסקי, משה יודקע גרודזאנז.

הילולת שמחת־תורה בביתו של הרב

מי שלא ראה שמחת־תורה בביתו של הרב ר׳ עזריאל זליג קושלבסקי, לא ראה שמחה מימיו. כבר במוצאי יום־הכיפורים, החלו חברי „תפארת־בחורים" בעזרת כמה מתושבי אוגוסטוב, במצוות הקמת הסוכה על מרפסת דירתו של הרב. כולם עבדו במרץ ובהתמדה, מי בפטיש, מי במשור ומי — שתקע לו מסמר באצבע.

בשמחת־תורה המה בית הרב מאות אנשי העיר, בעלי־הבתים, וסתם אביונים שבאו להיטיב את ליבם. השולחנות הארוכים, שעליהם מפות לבנות ועל ידם ספסלים פשוטים, מסודרים זה על יד זה. על השולחנות — קערות עם אפונה, פול, דגים כבושים, מלפפונים, וכל מיני ממתקים; גם יי"ש, בירה ולימונדה, מקומם לא נפקד כדי לקיים מה שכתוב: „ויין ישמח לבב אנוש". הכל חיכו לאות. כשהרב התיישב, ועל ידו בנו הרב החולה אנוש, תפשו ממולם את מקומותיהם אנשי העיר כולם. הסעודה החלה. הבקבוקים נפתחו, הפקקים של הלימונדה עפו אל־על, היי"ש נשפך לכוסיות והבירה — חציה לכוסות, וחציה — על המפות הצחורות. אחרי היטיבם את ליבם, פצחו פיהם בשירת „וטהר ליבנו", „אדון עולם" וכו׳. מחוגי השעון נעים, ועוד מעט שעת חצות הלילה. הזקנים והחלשים קמים, מברכים זה את זה בברכת „שנה טובה" ובברכת שמחת החג, נפרדים, ויוצאים אל הלילה האפל. המתמידים והצעירים קמים ומורידים מהשולחנות את הכלים הריקים, מזיזים את השולחנות לפינות ומעמיסים על גבם את הספסלים והכסאות. משגמרו מלאכתם, אוחזים זה ביד זה, ופותחים בריקודי־מצווה. הפיות נפתחים לרווחה ובוקעת מהם שירת „ברוך אלוהינו שבראנו לכבודו" וכד׳. הרגלים מורמות מעלה והקהל רוקד, ורוקד, עד שמתעייפים. מחוגי השעון מראים את האשמורת האחרונה. חיש מהר מברכים זה את זה, נפרדים איש מרעהו ונעלמים בחשכת הלילה. עוד מעט יאיר השחר...

אפיית מצות

אמרו חכמינו: „משנכנס אדר מרבים בשמחה". אחת השמחות האלה היתה אפיית המצות. בימינו הדבר פשוט, נכנסים לחנות וקונים חבילות מצות. לא כן היה בימים ההם. אז לא היו מצות בחנות המכולת. אגב, גם צורתן היתה שונה: לא מרובעות היו, כי אם דווקא עגולות. גם קמח מצה ופתיתים מוכרחים היו הורינו להכין במו ידיהם.

גרו בעירנו שני בעלי־בתים שלא היו כלל אופים, אבל בבתיהם אפו, שנה שנה, את המצות. האחד — ר' שמעון אייערהון איש ביאלוברגה; והשני — ר' שמעון איש ראצק.

וזה היה סדר אפיית המצות. כשבוע לאחר חג הפורים, מלאו בתיהם של השמעונים אנשים, נשים וילדים שבאו לגלגל את הבצק כדי לעשותו עגול ודק. כשהבצק קיבל את צורתו הנכונה, העבירוהו אל המנקב שהיה מנקב בו חורים בגלגל מיוחד שבידו. ממנו היה עובר הבצק אל התנור. כעבור כמה רגעים היו מוציאים את המצה מהתנור. פעם היתה יפה ופעם חיוורת, פעם שרופה מעט ופעם שרופה הרבה. הכל היה תלוי באיש הממונה על התנור, במצב רוחו ובתשומת ליבו. אפו את המצות משפחות, משפחות מתוך עזרה הדדית בין שכנים. כשהסתיימה אפיית המצות, החלה הכנת קמח־מצה ופתיתים. זאת היתה עבודת כפיים קשה. הכלי, בו היו מכניסים את המצות להכנת הקמח היה בול עץ עבה שבחלקו העליון היה חלול ו„סטמפה" שמו. החלק השני — גם הוא היה בול־עץ באורך של כ־80 ס"מ ובעובי של כ־25 ס"מ, עגול וחלק ובאמצע יותר דק, מותאם לאצבעות הידים. עם בול־עץ זה היו הולמים בחזקה על המצות בתוך ה„סטמפה", וכעבור זמן מה הפכו המצות לקמח ופתיתים. בזמן אפיית המצות היתה השמחה שרויה בביתו של ר' שמעון אייערהון. היו שרים ומספרים סיפורים ובדיחות כדי לא להרדם מרוב עייפות.

הילדים הקטנים היו נרדמים על מיטותיהם של בעלי־הבית, ושוכבים כך עד סיום מלאכת האפיה. את המצות היו אורזים בזהירות בסלים מיוחדים שגובהם מטר, היו מעירים את הילדים משנתם, ובברכת חג שמח ופסח כשר היו נפרדים איש מעל אחיו.

בראי העתונות

ליקט **מ. צינוביץ**

בית חנוך לתורה ודרך ארץ בשנת תרכ"ד

על תופעה מענינת זו מוסר לנו בשבועון העברי „הכרמל" (שנת 1824) סופר מורה עברי שביקר אז באוגוסטוב הדברים האלה: „גם הלום ראיתי כי אחינו בני ישראל שוקדים לעשות רצון הממשלה, כי בלכתי בדרך סרתי גם פה לבית־הספר אשר לנערי בני ישראל. והנה ראיתי יותר מחמישים נערים יושבים ולומדים לשון רוססיא. והשליכו אחרי גוום את לשון פולניא אשר דבקו בה המה ואבותיהם זה שנים רבות".

האורח הנ"ל שביקר באוגוסטוב ורשם לפניו דבר משמח כזה יודע להדגיש ש„אין אונס" מטעם הממשלה שילדי היהודים ילמדו בבית־הספר הנ"ל. „רק איש, איש על־פי חפצו שולח את בניו ואת בנותיו, כי כל ישעם וכל חפצם למלא אחרי הממשלה הרוממה והדורשת טוב לכל העמים החוסים בצילה".

הכתב מוסיף ש„לוי יצחק פינקלשטיין המורה המשכיל עושה מלאכתו באמונה, ובמספר ירחים למדו תלמידיו לקרוא היטב וגם ראשית לימודי הדקדוק בשפת רוססיא".

הוא מסיים בזו הלשון: „מה נפלאים מחזות כאלה בעיני כל איש האוהב את עמו ישראל באהבה נצחת. תראינה כל הערים מסביב, ותשמענה מוסר לעשות כן גם הם והמורים ישכילו גם הם למשוך לבות האבות והבנים לשמוע לקחו".

על מצב החינוך וההשכלה באוגוסטוב מיספר שנים אחרי זה, מוסר הסופר העברי המקומי י.ז. שפרלינג בשבועון העברי „המליץ" משנת 1879 (מס' 43) בפסבדונים „פלאי": „35 מלמדים נמצאים בעיר, מזה: שני מלמדים המורים מספר „הביאור" לחומש מיסודו של משה מנדלסון וכן מלמדים הם כללי הדקדוק והמליצה. אולם לאלה המלמדים השניים תלמידים מועטים ואין להם די שכר לכלכל בתיהם, ויתרם לומדים — בל"ג ה„חדרים" האחרים".

שפרלינג מתמרמר בכתבתו על האב"ד דמתא (הכוונה להג"ר כתריאל נאטאן), שבדרשתו בשבת שובה תר"ם הוכיח נמרצות מקצת צעירים מבני הקהילה, הקוראים בספרים עבריים של הסופרים המשכילים המלאים אפיקורסות, והטיף נגד לימוד החומש עם הביאורים הנ"ל ודקדוק, וכן נגד הלימוד בגימנסיות של נכרים. ותקף את אלה שלובשים מלבושים קצרים ורוקדים עם בחורות.

קבורת חמור

הסופר שפרלינג מוסר לנו דבר מעניין שקרה באוגוסטוב בימים ההם: „מעשה בבחור, ז. פינקלשטיין, בן י״ח והוא כותב על־יד מזכיר בית שופט השלום, והוא מת. לאדוקים היה זה יום חג וישתו וישמחו ויקברוהו בקבורת חמור״. והסיבה לכך: „הוא התגורר כמה שנים בברלין וידע אשכנזית ורוסית ומלאכת הציגארן, ומשום כך לא קיים מצוות, ואחיו מבקר בבית מדרש המדעים בפטרבורג. צעירי הדור החדש עמדו על המשמר לבלתי יבזוהו יותר״.

הכתב מוסיף: „והמכאיב, שהוא הרב קורא בספרים חיצונים ואף בשבת קודם התפילה כדי להתלמד בהם, ואף על פי כן נוהג הוא רבנותו בזה ברמה ורודף הוא את המשכילים״.

„המליץ״, 1879

אוגוסטוב — הראשונה לקבוע קופסאות למטרת אוסף תרומות לישוב א״י

„זה כתשעה ירחים מאז ניסו בני עדתנו פה לעשות אגודה בשם „דורשי ציון״ ואשר לדאבון לב מנהליה התנהלה בכבידות ולא רבו המשתתפים בה, ואולם בימים אלה אחרי מות משה עבד ה׳ נ״ע (הכוונה לשר משה מונטפיורי, מ.צ.) בראות המנהלים כי יקר מאד בעיני בני עדתנו המוות לרועה ישראל הלזה זצ״ל, עד כי ימאנו להתנחם אחרי עטרת ראשם כי הורמה. ניסו לעשות קופות מרקיעי פחים (קופסאות־פח) והקופה עשויה בתבנית מעוקבת, למען הבדל בינן לבין קופת ר׳ מאיר בעל הנס. ועל כן הדביקו פתקאות בחותם האגודה ומתחת לחותם הכתובת „למזכרת ר״מ מונטיפיורי זצ״ל״. לא עברו ימים אחדים ותתחלקנה הקופסאות כמעט בכל בתי אחינו בני ישראל פה אשר קבלו אותנו בסבר פנים יפות למאד, עד כי רבים באו בעצמם אל בית מנהלי האגודה בבקשה לתת גם להם קופות. כותב הידיעה החותם בשם „יז״ש״ (הלא הוא יוסף זאב שפערלינג) מסיים דבריו במלים נלהבות כאלה: „מעתה יש תקוה, כי אגודתנו הנכבדה תתכונן ברצות ה׳ (ברשיון הממשלה) על יסוד חזק ויורה לנו לדעת כי בנקל תוכלנה כל קהילות ישראל לעשות כזאת ותצמח מזה ישועה״.

„המליץ״, שנת 1885, מס׳ 68

מאכל כשר לחיילים יהודים הנמצאים במחנה צבאי באבגוסטוב

„יוסף צבי קאנטראוויטש מאיהומען (פלך מינסק, מ.צ.) נותן תודתו וברכתו בשם ארבעים וארבעה איש שעבדו באוגוסטוב בחיל המילואים להדיין צדק דשם הרה״ג אליעזר שפירא שליט״א ולבנו זלמן צבי ולשאר הנערים אשר השתדלו בעירנו להאכילנו מאכל טוב וכשר משך שני שבועות. הם השתדלו בעדנו לפני פקידי הצבא לתת לנו רשיון לבשל בעירנו תבשיל כשר במקום תחנות הצבא הרחוקות מן העיר כארבע פרסא ויתנו לנו הרשיון לאכול בעיר ובכל יום ויום השתדלו לבוא בבוקר בבוקר ויכינו בעדנו תבשיל טוב עם בשר לשעה שתים עשרה ביום והם בעצמם הגישו לפנינו את האוכל

כמשרתי בתי האורחים וישיבו את נפשנו בזה וברכה מאתנו לאלה שעמלו עבורנו בזה שישבעו כל טוב".

„היום" (שנת 1886) עתון עברי שהופיע בפטרבורג בעריכת הד"ר ל. קנטור

ניצני הספריה

„ישראל דוב וורהפטיג מודיע מאבגוסטאב, כי בימים האחרונים התעורר החפץ בין משכילי העיר ללמוד שפ"ע (שפת עבר) ולחבבה על כל יודעי ספר וזה מקרוב התעוררו משכילים אחדים מבני הנעורים לייסד בית עקר ספרים עברים ועוד ידם נטויה לאסוף אל הבית הזה כל ספר הנוגע בשאלות היהודים וגם בשפות רוסיה ואשכנז".

„המליץ" שנת תר"ן (1890) מס׳ 154

ב„הצפירה" 1894 (מס׳ 163) כותב בשם כל בני עדת אגוסטאוו ה׳ י"ם בענין „הרופא המצויין הד"ר גאלדבערג, אשר במשך חמש שנות שבתו בעיר הזאת רכש לו לב כל בני העדה לאהבה אותו; אך לרגל התמעטות יושבי העיר מפני רוב היוצאים לארץ החדשה אמר לבקש לו כר נרחב ומקום יותר מוכשר לעבודה ומעשה בחכמת הרפואה".

הקורספונדנט הנ"ל מוסיף ש„אם כי לא אלמנה היא עירנו גם עתה ברופאים. בכל־זאת יזכרו נכבדי העיר בתאוות נפש את שם הד"ר גאלדבערג. גם לב המון העם היה נוהה אחריו וזכרו לברכה בפיהם, כי מלבד היותו נדיב לב ומשתתף בצרת אחרים, הפליא לעשות בהעלותו ארוכה לחולים ומוכים ונגועים גם לאלה אשר יתר הרופאים אמרו נואש למחלתם וילאו לגהות מהם מזור".

מורה מאוגוסטוב פותח בית ספר בלומזה

ב„המליץ" 1895 (68) מודיע פ—נ. כץ מלאמזא, כי הפידגוג הנכבד מר יששכר לווינסקי מאוגוסטוב פתח אצלם בית ספר „מאושר ומקוים מאת הממשלה לנערי אחינו יושבי העיר לנהלם על נאות התורה והדעת, תבונה ואמונה בדרך ישרה. ומלבד אשר התלמידים ישמעו לקח בתורת ה׳ — על פי חוקי השפה ודקדוקה — עוד ילמדו שם שפת רוסיא, אשכנזית, חכמת החשבון, דעת לגלילות ארץ, ודברי הימים לבני ישראל. בי"ס זה בהווסדו הטיל רעש גדול ונורא והקנאים שבמלמדים והמחזיקים בידם הפילו אימה יתרה על מייסדו, כי יכו אותו בשוט לשון וגם ניסו לשלוח כתבי פלסתר לשרי עירנו, אך לא הואילו מאומה, ועתה גם הם יודו בעל כרחם, כי ברכה בו".

*

רשימת הנדבות שנאספו באוגוסטאב מקערות ערב יום הכפורים לישוב ארץ־ישראל בשנת תרנ"ט (1898). סך הכל 10.7 רובל; נאסף ממתפללי בית הכנסת, בקלויז

של רחוב האטליז, בקלויז של רחוב הגשר ובקלויז של הרחוב הארוך. בשמחת תורה נדבו לטובת ישוב ארץ-ישראל: ר' אריה גליקשטיין 2.70 רובל, אברהם מאיר זענעווסקי — 3 (לנטוע אילן „בגן שמואל"), נחום זכריה לעווין — 3, א. גירפאלוביץ — 3.24, אייזענשטאדט נח — 1.50, זאב גליקזאהן, עקיבא גלוקשטיין, יעקב וויזאנסקי, אברהם טריוואש, יחזקאל קאפציאווסקי — כל אחד מהם 1 רובל, מאיר גראסבערג — 95 קאפ, יוסף גליקזאהן — 50 קאפ, ר' ברוך לייב גוטשטיין — 1 רובל, חייקל פעלמאן — 1.50, מאיר עזרא לערמאן — 2 רובל, חיים שלמה לאַפּ, אברהם יצחק סלומון — כל אחד 1 רובל, חייקל אומברג, חיים איילענדער, בעקער, יחזקאל ראטענבערג, שמרל ראטענבערג, יהושע מלצר, אברהם ברוך כהן — כ"א 50 קאפ. אברהם יצחק קפלן — 30 קאפ, נחום ברגלובסקי, זיסקינד פרייסמן, יעקב פרידקאווסקי — כ"א 25 קאפ.

במשתה-הנישואין של מר שאול אליעזר לאַזמאַן עב"ג נאסף בין הקרואים 8.82 רובל. ואלה הם המנדבים: החתן והכלה, זאב, חיים, ישראל יעקב אלחנן, מענדל — לבית לאזמאן. חיים דוב בורובסקי, אבי הכלה, לעוואטינסקי יהודה, נטע בורובסקי, טענענבוים, נובודבורסקי, אברהם סמאלינסקי, אם החתן — רייזל, לאזמאן, אברהם מאיר זענעווסקי, ישעיה הירשוביץ, העלמה העניע חנה לאזמאן, אחי החתן, ביעדאק צבי. סך הכל — 55 רובל. העבירו את כל הכספים הנ"ל לועד הפלסתינאי באודיסה: משה יצחק רעוועל, אהרן פלאטנאווסקי, חיים לאַפּ ובנימין מארקוס.

„המליץ" שנת 1898 גליון 253

ב„הצפירה" 1899 (מס' 228) מובאה ידיעה על פטירת הגביר הנעלה והסוחר הנכבד, עושה צדקה, בעל מידות תרומיות ונפש חנינה, התורני והירא וחרד לדבר ה' ר' דוד ביאליסטאצקי. נולד בעיר אגוסטאב בשנת תקצ"ו ונאסף אל עמיו י"א באלול תרנ"ט, בעיר באד — זאלצברונן (שלעזיען). מצורפת לידיעה זו קינה ארוכה מסוגננת בחרוזים המתארת גודל חשיבותו ופעליו המבורכים של הנפטר.

*

נאסף באוגוסטוב לנגועי הרעב בבסרביה בשנת 1900 על ידי הציונים דשם יותר מ־30 רובל. התורמים: סלוצקי, ז.ל. קאפציאוסקי, י. כהן, י. סטאלאווסקי, ח. מינץ, מ. ערבשטיין, נ.ז. לעווין, בנימין לאַפּ, משה גליקשטיין, ד.מ. מרקוס, אריה לאַפּ, ו. גראסבערג, מ. פיינשטיין, א. פריעדבערג, ד"ר זעלקין, ד. פוליפובסקי, ט. בוראק, צ. דענעמארק, סימא לעווין, שטרנפלד, ל. לעוויטא, ש. לעוויטא, מ. לאזמאן, אריה דעמעראצקי, אלתר דעמעראצקי, א. גרינוואלד, י. ג. שומסקי, ל. גליקשטיין, אברהם שיף, רבקה וויזאנסקי, ש. גלעזער, מ.ח. גליקזאהן, י. גליקזאהן, א.ו. סאלאמאן, ז. שטיין, י. מייזלער, ד. גליקזאהן, יאנאס, א. דוידוביץ, מ. מייזלער, א. דענעמארק, וו. אלכסנדרוביץ, מרדכי ביעדאק, נ. רעכטמאן, א.ו. פוסטאוועלסקי, ר. ראטענבעג, טענענבוים, זענעווסקי, י. באראוויץ, שיינה בורוביץ, ד. וואלף, מ. פריעדמאן, י. שפירא, י. פרענקעל, מרגלית, א. לעווינזאהן, קאנטאראוויץ, פאוועמבראווסקי, ארח,

י. גילדא, ז.צ. גליקזאהן, א. פריעדמאן, ח. גליקזאהן, א. ווידענבוים, א. פינקעלשטיין, י. סטאראזינסקי, ש.ז. בראמזאהן, ש. גרינבערג, צ. באראוויץ, פ. וואלאווסקי, א. לעוויצקי, פ. ליפשיץ, חיענא פרידמאן, ד. לעוויט, שכנא עמפעל, א.מ. סעגאלאוויץ, נ. בלאַכארסקי, ליובעל, שוסטארסקי, קאלמאנאוויץ, ד. וויכנבערג, ל. פרענקעל, א.י. קאפלאן, א. קאנצוק, ש. פריעדמאן, ו. ברומאן, י.מ. לעוויט, ד. דובאווסקי, צ. מעלצער, אסטראוו, ד.י. אוטשטיין, ז. מילקעס, א. לייזעראוויץ, ח. ליפציאנסקי, י. גליקשטיין, נ. וויניצקי, ש.י. ווערגמאן.

„הצפירה" שנת 1900, גליון 78

חברי האגודה „בני ציון" נערים בני י' וי"א שנים אספו ביניהם סך 9.85 רובל בעד הרעבים בבסרביא, ואלה שמות המנדבים: אליעזר קאפציאווסקי, יצחק וואהר־הפטיג, אליעזר גראסבערג, יעקב גראסבערג, שמעון לייב ווארהאפטיג, לייב גליקזאהן, שמחה וויזאנסקי, אליעזר סגל, נתן מינץ, עזריאל כהן, אברהם קאנטאראוויץ, רפאל פרידמן, עזרא סטרענקאווסקי, אהרן אליעזר ראטענבערג, יצחק ראטהבליט, ראַזא מאַרקוס, ראזא פרענקעל. הנערים האלה בקבלם אגורה מהוריהם לקנות מגדנות, הדירו נפשם מן הממתקים והקדישו את זה לטובת הרעבים.

„הצפירה" שנת 1900, גליון 171

במסיבת נשואיו של יהודה ביאליסטוצקי עם שפרה כ"ץ התרימו שמואל כ"ץ ואברהם קפלן את הקרואים לטובת פועלי ארץ־ישראל.


„המליץ" 1901 מס' 218

ב„הצפירה" 1900 (מס' 121) מודיע ר' יוסף חיים ראטנער הש"ץ ושו"ב דמתא אגוסטאב על „שריפה גדולה שפרצה ערב שבועות — תר"ס בעיירה הנ"ל. „יותר ממאתיים משפחות יצאו נקיות מנכסיהן ולא הצילו מכל אשר להן מאומה, כי האש אחזה פתאום עד כי היה כל חלק העיר כמדורת אש נוראה מאד ואלה אשר ניסו להציל מרכושם נכוו באש ויובאו אל בית החולים בפצעים אנושים". הוא מודיע גם כי „בעזרת שר העיר הישר באדם נוסד ועד לאסוף נדבות בעד האומללים" ונותן ברכת תודה ל„נדיבים מהערים סובאלק, סאפאצקין וראצק, אשר הואילו בטובם לשלוח בעד נגועי השריפה עגלת מזון וצידה. המזון נתחלק ליהודים ולנוצרים ללא כל הבדל, ושם שמים נתקדש (בזה) על ידם".

*

בל"ג בעומר תר"פ (1920) ערך ועד הקהילה בעירנו חגיגה נהדרת לכבוד בשורת סאן־רימו. בכרוז שהוציא קרא לכל המוסדות בעירנו ולכל הקהל העברי לבוא לבית־הכנסת להשתתף בחגיגה. בשעה 11 לפני הצהרים נסגרו כל החנויות, תלמידי בתי־הספר והקורסים העבריים עברו בסך את רחובות העיר לבית הכנסת, וכל הקהל —

Augustower Łeben | פרייז 20 גר.



אויגוסטאווער לעבען

דער ערשטער פרוב.

א פרוב איז געמאכט געווארן צו פארוואנדלען לאנגיאריגע חלומות און מחשבות אין א רעאלען טאט׳ שאפן א טריבונע וואו עס זאל קענען גע־בראכט ווערן צום אויסדרוק דאס לעבן און שאפן פון אונזער שטאט. פארשטייט זיך, אז יעדער התחלה פון א שאפנדע זאך, קומט אן מיט שווע־ריקייטן, אבער עס איז פאראן א ש׳ריכווארט «אז אן אנהויב איז א

אונזערע ג

פאלקס־באנק.

ווען מיר טרכא צו, צום באשרייבן די אזוי וויכט׳ ־ אינסטיטוציע, וואס

אחריהם. שם שרו התלמידים שירים עבריים ונאמו: יושב־ראש ההסתדרות הציונית ד. סלוצקי, פטאק, ב. ליברמאן, ב. מרקוס, ד. בויארסקי ור. לווין על ערך היום.

אחרי האסיפה ערך ועד הקהילה סעודה באולם הציוני לתלמידי בתי־הספר והקורסים, שהשתתפו בחגיגה. ועדת קרן הקיימת לישראל ערכה אוסף ממון שהכניס כחמשת אלפים מארק. לפנות ערב התאספו שוב התלמידים והתלמידות ועברו בתהלוכה ברחובות בשירים עבריים. כשהגיעו לאולם הציוני שרו את ה„שבועה" וה„תקוה", קראו קריאות של הערצה לכבוד גדולינו ונתפזרו. אז החלה אסיפה ציונית חגיגית שנמשכה עד שעה מאוחרת בלילה. באסרו חג השבועות ערכה הסתדרותנו אסיפת עם בבית־הכנסת לטובת „קרן הגאולה", שבה השתתפו גם הרב הגאון והמו"צ דמתא. בדברים חמים הלהיבו מעל הבימה את הקהל לנדב לטובת „קרן הגאולה". באותו ערב נאספו כארבעת אלף מרק מלבד חפצים שונים. ביחוד הגדילו הנשים שהסירו תכשיטיהן מעליהן והקדישום ל„קרן הגאולה". כותב הקורספונדנציה הזאת החותם בשם „ציוני" מסיים, כי „קבוץ הממון לטובת ,קרן הגאולה' עודנו הולך ונמשך".

„הצפירה"

תחילת ההגירה מאוגוסטוב לארצות הברית

עוד לפני שנות השמונים במאה שעברה. מ־25 דצמבר 1869 עד סוף יוני 1870, נסעו דרך קניגסברג, על־ידי הועדה המארגנת הראשונה להגירת יהודים מרוסיה, היהודים דלהלן מהעיר אוגוסטוב: ה. הורביץ, מ. הורביץ, א. ירמולינסקי, מ. סינעצקי ו־ס. רייטמן.

„יווא בלעטער" שנת 1956 — ניו־יורק

שמחה לעוו „פרקים פון יידישע געשיכטע", ניו־יאָרק, 1941

אין אוגוסטאָוו ווערן איינגעאָרדענט אומלעגאַלע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען אין יאָר 1903. איינע אַזאַ פאַרזאַמלונג איז דורכגעפאַלן. שרה מאַרקוס איז פאַרמשפט געוואָרן דערפאַר אויף צוויי וואָכן אַרעסט. זי איז איר שטראָף אָפּגעקומען, לויט אַ באַריכט פון סוּוואַלקער גובערנאַטאָר צום מיניסטעריום פאַר אינערליכע ענינים.

פרעות חדשות בפולין

וארשה. — נערכו פרעות ביהודי אוגוסטוב הסמוכה לסובלקי וכן בשירבז. הממשלה טוענת שמנהיגי היהודים שולטים במצב ושהפרעות אורגנו על ידי שונאי הממשלה. מיניסטר הפנים בא לגרודנה לחקור את המצב. הציר היהודי רוטנשטרייך מיחה נגד הפרעות בועדת הסיים.

„הארץ", 16.6.65 במדור „לפני 30 שנה".

באַגריסונג *

שוין אַ לאַנגע צייט ווי אונדזער שטאָט גויטיקט זיך אין אַן אייגענע טריבונע, אַן אויסגאַבע, אין וועלכע עס זאָל קומען צום אויסדרוק דאָס לעבן און שאַפן פון אונדזער שטאָט.

אונדזער שטאָט, אויסער דעם וואָס זי האָט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג, פאַרמאָגט זי וווּנדערלעכע נאַטור־שיינקייט. אירע בערג, וועלדער, יעזיאָרעס, דער באַוווּסטער „אויגוסטאָווער קאַנאַל", דער ניי־אויפגעבויטער יאַכט־קלוב, וועלכער דינט אַלס אָפּרו אָרט פאַר מלוכה־מענער, ווי אויך פאַר צוזאַמענטרעפן מיט אויסלענדישע רעגירונגס־מענער. אונדזער שטאָט ווערט זומער צייט באַזוכט פון טויזנטער קור־געסט; אונדזער שטאָט מיט אירע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און פאַראַנשטאַל־

* דעם 24־טן פעברואר 1939, דערשיינט אין אויגוסטאָוו אַן איינמאָליקע אויסגאַבע א. נ. „אויגוסטאָווער לעבען", אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף גיזאַמסקי. די אַלע אויסצוגן, וואָס זענען באַצייכנט מיט אַ שטערנדל, זענען אַרויסגענומען פון דער דאָזיקער צייטונג.

טונגען, קולטורעלע און מאַטעריעלע גיטער, ווו עס שוויבלט און גריבלט און גריבלט מיט לעבן, זאָל נישט געפינען קיין אָפּקלאַנג?

ענדליך האָט אויסגעשלאָגן די שעה! מיט פרייד און באַגייסטערונג האָב איך אויפגענומען די ידיעה וועגן דער אויסגאַבע „אויגוסטאָווער לעבען". גרויס אויפּזען און דאַנק קומט די איניציאַטאָרן, די הערן: גיזאַמסקי און בן־ציון לעווינסקי. איך ווינטש, אַז דער קערן וועלכן מען האָט פאַרפלאַנצט זאָל זיך פון אירע פיר דרוק־בויגן (ד אמות) שטופּנווייז אַנטוויקלען אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט, און פון בלעטעלע צו בלעטעלע אויסוואַקסן צו גרינע לעבנס־בלעטער, וועלכע זאָלן דורך זייער אָטעם און זאַפט קרעפטיקן און באַשפּייזן נויטווענדיקע פאָנדן און אינסטיטוציעס.

חיה קאַלינסקאַ

רבנות־וואַלן *

אַזוי ווי עס איז אַקטועל געוואָרן ביי אונדזער חשובן און געאַכטעטן רב הרב ר' עזריאל זעליג נח קושעלעווסקי שליט"א — דער געדאַנק צום פאַרלאָזן אונדזער שטאָט און עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל אויף דער אַרויספאָדערונג פון זיין זון הרב ר' יקותיאל שליט"א, רב אין זכרון־יעקב, האָט ער זיך אַנטזאָגט פון זיין רבנות־אַמט.

נעמענדיק אין אַכט די אַנטזאָגונג פון ה' רב, האָט די מאַכט באַאויפטראַגט דעם ועד־הקהלה צו פאַרעפנטלעכן אַ קאָנקורס אויף אַ פרישן רב. פון די עטלעכע און צוואַנציק אָפּערטעס זענען 4 פון זיי באַשטעטיקט געוואָרן צו קאַנדידירן ביי די רבנות־וואַלן.

אַלס רעזולטאַט פון די וואַלן, וועלכע זענען פאָרגעקומען זונטיק דעם 8־טן דעצעמבער פ. י., איז געווילט געוואָרן אַלס אוגוסטאָווער רב — הרב ר' צבי הירש לייטער שליט"א פון טאַרנאָפּאָל.

ספרים פון הרב קושעלעווסקי *

אונדזער חשובער רב קושעלעווסקי שליט"א, טרעט יעצט צו צום דרוקן זיין 3־טן חבור א. נ.: „לבוש עדנים" על מסכת ע"ז.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען און מאַכן אַ איבערבליק איבער זיינע פאָריקע צוויי חבורים. דער ערשטער ספר „עין צופים" אויף הפטורות, ב' חלקים, וועלכע דער מחבר האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר תרפ"ב־פ"ג, האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען און אינטערעס אין דער דרשנים וועלט, געפינענדיק דאָרט אַ שפע פון דרוש־מאַטעריאַל; דער 2־טער ספר „ממעונות אריות" אַנטהאַלט אַ סעריע „הספדים" איבער אַ רייע גאונים, אנשים חשובים און געפאַלענע אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה (1915—20) אין אונדזער שטאָט. אין דעם ספר פון טרערן שפּילט זיך אָפּ די טראַגעדיע פון דעם יידישן פאָלק ווען זי פאַרלירט אירע בעסטע זין.

אויף דיביידע ספרים האָט דער ח' מחבר באַקומען פיל דאַנק־בריוו פון דער געזעלשאַפט „דורשי האוניברסיטה העברית בירושלים" א. א.

דער דריטער ספר „לבוש עדנים" אונטערשיידט זיך פון די א. ד. צוויי חבורים דורכדעם, וואָס דער 3־טער איז שוין אַ הלכה ספר. אויף וועלכן עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג פון באַוווסטן סלוצקער גאון ר' איסר זלמן מעלצער שליט"א, ר"מ ראשי אין ירושלים א. א.

דער זעלבער ספר איז צוזאַמענגעבונדן מיט די חדושים פון זיין זון הרה"ג ר' ישראל ארי' ז"ל.

עס געפינט זיך נאָך ביים חשובן רב אַ כתב־יד אויף אונפאַרשטענדליכע אגדות חז"ל.

כדי צו דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון די לעצטע דערמאָנטע חבורים מוזן ביי אונדז אין שטאָט געשאַפן ווערן אַ געעריקע צאָל פרענומעראַנטן. אגב, האָט שוין אַ געוויסער טייל אַרויסגעוויזן זייער פאַרשטענדניש דורך אַריינטראָגן צום חשובן מחבו דעם פרענומעראַנטן אַנטייל.

דער קבלת פנים *

— — פאר הרב ר' צבי הירש לייטער שליט"א

דאָנערשטיק פ' בא, דעם 26־טן יאַנואַר ה. י. איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער קבלת־פנים לכבוד דעם אָנקומען פון אונדזער חשובן רב ר' צבי לייטער שליט"א מיט זיין פרוי, הרבנית מרת חיה תחי' אין אוגוסטאָוו.

צו עמפּפאַנגען דעם ח' רב זענען געפאָרן צום באַן עטלעכע צענדליק ח' בעלי־בתים, פאַרשטייער פון דער יידישער גמינע און אַ פרויען דעלעגאַציע, צו מקבל־פנים זיין דער חשובער רביצין. ביים אַראָפּשטייגן פון באַן איז ער באַגריסט געוואָרן דורך ה' נתן ווארהאַפטיג אין נאָמען פון דער שטאָט, און ווינטשנדיק אַ האַרציקן מזל־טוב צו זיין איבערנעמען דעם רבנות־אַמט אין אונדזער שטאָט.

נעבן לאָקאַל פון ועד־הקהלה איז דער חשובער רב אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך אַ ריזיקן עולם, וועלכער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם. אָבער גאַנץ פריילעך און אימפּאַזאַנט איז אויסגעפאַלן דער צווייטער טייל פון קבלת־פנים אין רעפּרעזענטאַנץ־זאַל פון ועד־הקהל, וועלכער איז פאָרגעקומען ביי שיין סערווירטע טישן און ביי אַ געהויבענער גייסטיקער שטימונג. דער פרעזעס פון ועד־הקהל ה' וואָלמיר עפנט דעם אָוונט און גיט איבער דאָס וואָרט דעם ח' גאַסט, וועלכער דאַנקט דער שטאָט פאַר איר האַרציקער אויפנאַמע.

עס ריידן ווייטער מעניני דיומא און באַגריסן די חשובע פאַרזאַמלטע: ר' חיים זלמן קאַפּלאַנסקי, שו"ב ר' מאיר לאַזאָווסקי, ר' גדלי' גיזומסקי שו"ב, ר' זאב לאַזמאַן און די ה"ה: דערעוויאַנסקי זאָוול, יערוזאָלימסקי פסח, ד"ר גראַדזיענסקי, הערמאַנ־

שטאָדט נחמי', ה' שבח ארי' פון ועד־הקהל, און ה' חלופיצקי אברהם פון האַנטווערקער פאַריין.

צולעצט ענטפערט אין אַ פּרעכטיקן עברית און אין אַ גייסטרייכער פאָרם, דורכגעפלאָכטן מיט די פּערל פון חז"ל, דער חשובער רב — די באַגריסער, און ענדיקט מיטן דעוויז: אַז עס זאָל הערשן האַרמאָניע אין דער צוזאַמענאַרבעט פון רב און דער עדה אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע געביטן.

איינצייטיק איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער קבלת־פנים פאַר דער חשובער רביצין אין הויז פון פרוי רובינשטיין ביי שיין־געדעקטע טישן, מיטן אָנטייל פון פיל חשובע פרויען.

עס באַגריסט אין נאָמען פון די פרויען די פּרל. לענזינגער דער ח' רביצין, וועלכע דאַנקט פאַרן האַרציקן קבלת־פנים און באַגריסונג, און זאָגט צו איר מיטאַרבעט אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין שטאָט.



כיתת בנות בבית הספר היסודי
עומדות: ... ז. בלאכרסקי, ב. גזומסקי, ש. קולפניצקי, ד. שרמן, ד. בורוביץ.
שורה שנייה יושבות: פ. ארונובסקי, ש. ברלינר ... נקנוביצקי, א. אורימלנד.
שורה שלישית: ... ...

דאָס פאַרגאַנגענע וואָס פאַרגייט נישט

פון **אבא גאָרדין**

מיין געבוירן־פּלאַץ מיכאַלישעק געדענק איך כמעט אין גאַנצן נישט. מיין פאָטער ווערט אָנגענומען פאַר אַ רב אין אוגוסטאָוו. ער גייט אַרויס פון אונטער די פליגלען פון ר׳ סענדערן עקאָנאָמיש און פון ר׳ משהלען, סווירער רב, גייסטיק־אינטעלעקטועל. ער גייט שוין איצט מיט זיין אייגענעם כוח. הכלל, ער שטייט אויף די אייגענע פיס. ער איז אַ גרויסער בעל־דרשן און דערצו אַ רב אַ משכיל, אַזוי אַז ער געפעלט דעם ברייטן עולם, די „פאָלקס־מאַסן״. ער איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער צייט. ער דרשנט נישט בלויז וועגן פרומקייט, נייערט, דערהויפּט, וועגן „נאַציאָנאַלע ענינים און טאַקע וועגן „חיבת־ציון״.

פאַר אים איז אין אוגוסטאָוו געווען אַ רב פון אַלטן שניט, ר׳ כתריאל; ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס בקיאות. ער האָט געהאַט אין שטאָט אַ גאָר שטאַרקן צד, וואָס איז באַשטאַנען פון אייגענע משפחה־לייט. צוליב אַ מחלוקת, אַ פּלאָג, פון וועלכער דאָס יידישע לעבן אין די שטעטלעך האָט שטאַרק געליטן, האָט ער געמוזט אַוועק. ער האָט געקראָגן אַ רבנות־שטעלע נישט ווייט פון אויגוסטאָוו, אין גאָר אַ ברעקל שטעטל, וואָס לגבי אים איז אוגוסטאָוו געווען אַ כרך, אַן עיר ואם בישראל. די גבירים פון שטאָט און די פּני זענען געווען ר׳ כתריאלס נאָענטע קרובים, אָבער „עמך״ האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד; די בעלי־מלאכות מיט חברה־קדישא בראש האָבן זיך צעבונטעוועט און זיי האָבן אויסגעפירט. ממילא זענען די גבירים געווען די שונאים פון נייעם רב. זיי האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז זיי וועט זיך איינגעבן אַ דריי צו טאָן דאָס קהלה־רעדל אויף צוריק, באַנייס ברענגען ר׳ כתריאלן און רעסטאַווירן זיין און זייער מלכות... וועגן דעם אַלעם האָב איך, וואָס איז בסך־הכל אַלט געווען צוויי יאָר, גאָרנישט געוווסט. די קהלשע ענינים זענען מיר ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען.

איינע פון די גאָר ערשטע זאַכן פון שטעטל, וואָס האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק, און האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן איז געווען אַ טשיקאַווער ברונעם. ער האָט זיך געפונען אין שכנותדיקן הויף, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון הויף, אין וועלכן מיר, דער רב און פאַמיליע האָבן געוווינט, מיט אַ פּאַרקן מיט פאַרשפּיצטע שטאַכעטן. דער ברונעם איז געווען מאָדנע מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ צודעק אויף זאַוויעסעס, עלעהיי אַ טירל, און איז געווען פאַרשלאָסן.

דער בעל־גוף, צו וועמען עס האָט געהער׳ט אי דער הויף און אי דאָס הויז אין דער טשיקאַווער ברונעם, איז געווען דווקא אַ ייד, אָבער אַ בייזער, אַ מרה שחורהדיקער נפש, ממש אַ כמאַרע. ער איז געגאַנגען אין שטיוול מיט הויכע כאַליעוועס, געטראָגן אַ היטל מיט אַ לאַקירענעם דאַשיק, ווי אַ גוי. ער איז געווען אַזאַ קאַרגער און אַזאַ מענטשנפיינט, אַז ער האָט נישט פאַרגינען, אַז די שכנים און שכנות זאָלן געברויכן זיין וואַסער. צוויי מאָל אַ טאָג פלעגט אָט־דער קמצן גיין אָפּשליסן דעם ברונעם, אָנשעפּן פאַר זיך צוויי עמער וואַסער און אים גלייך פאַרשליסן. זיין הויף איז אויך געווען אַן אָפּגעשלאָסענער, דער טויער פאַרמאַכט און די קאַליטקע האָט זיך פון דרויסן נישט געעפנט מיט דער קליאַמקע, ווי ביי לייט.

*

מיר האָבן געביטן די דירה. זיך אַריבערגעצויגן אין אַ גרעסערער און שענערער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ מויער, וועלכע איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק. די פענצטער, גרויסע ליכטיקע, האָבן זאַלבעדריט טאַקע אריינגעקוקט אין מאַרק אַריין, אַליין געזען אַלץ, וואָס דאָרטן קומט פאָר, און געלאָזן מיר זען. יעדע זאַך, וואָס איך האָב געזען, איז געווען אַזוי אין־לשערדיק אינטערעסאַנט: אָט הענגט דער שטאָט־זייגער אויפן טורעם פון ראַטהויז; אָט איז דער שטאָטגאָרטן אַן אַרומגעצאַמטער מיט אייזערנע שטאַכעטן, אַן אויסגעלייגטער מיט אַלייען, מיט טונקעלע, קוסטעס־באַוואַק־סענע, ווינקעלעך, וואָס זענען ווונדערבאַר פאַר שפּילן אין באַהעלטעניש. אין סאַמע מיטן פאַרק שטייט אַן עסטראַדע פאַר אַן אָרקעסטער. זומער פלעגט דאָ שפּילן יעדן אָוונט די מיליטערישע קאַפּעליע. צו דער זייט פון פאַרק האָט זיך צוגעהעפט אַ קאַטעדראַלע מיט שטאָלצע קופּאָלן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גיגאַנטישע ציבעלעס אדער ריבן.

אין שכנות מיט אונדז האָט געוווינט אַ יונג פּאָרפאָלק, שיינע יהודיתעס עלטסטע טאָכטער, אסנת, מיט איר מאַן. זיי האָבן געהאַט אַ הורטאַוונעם באַקאַליי־סקלאַד, און פון הינטן האָבן זיי געהאַט זייער וווינונג, צוויי גערױמע צימערן מיט אַ קיך, רייך מעבלירט. דער קאָרידאָר, וואָס איז אַרויס אין הויף, און אויך דער גאַנעק, איז געווען אַ בשותפותדיקער פאַר ביידע וווינונגען.

*

שיינע יהודית, פאַרשטייט זיך, האָט געהאַט אַ מאַן, ווי באַלד זי האָט געהאַט אַ שוין אויסגעגעבענע טאָכטער און אַ זון מיטן נאָמען ניסל, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט דריי יאָר. אָבער די הויזן האָט זי געטראָגן. זי איז געווען אַ שם־דבר אין אוגוסטאָוו. זיי האָבן געהאַנדלט מיט תבואה, געהאַט אַן אָנגעפּילטן שפּייכלער. איך פלעג אַהין קומען זיך שפּילן מיט ניסלען. איבערהויפּט האָבן מיך צוגעצויגן צום שפּייכלער דער טוכלער גערוך, די האַלב־פינצטערניש, דער מעל־שטויב, מיט וועלכן

די לופט איז געווען אָנגעזעטיקט, די שפּינוועבס־פּאַרוועבטע ווינקלען, ווו עס זענען געשטאַנען זעק פול־אָנגעשאָטענע מיט קאָקורוזע, מיט ווייץ, גערשטן, קאָרן. צווישן די זעק פלעג איך, וואָס בין געווען גאָר קליינגעוויקסיק און בייגעוודיק, האָלט האָבן זיך צו פאַרשטעקן, און מ׳פלעגט מיך נישט קענען געפינען, אָבער דעם גרעסטן צוצי־כוח האָט פאַרמאָגט די זאסיקע פון אַרבעס. איבער די אָנגעשאָטענע אַרבעס פלעג איך זיך קאָלערן און האָבן הנאה פון פילן אַן אַרבעס אונטערן העמד ביים סאַמע לייב און אויך אין די שיכלעך.

אין זייער היי־שטאַל אויפן בוידעם האָב איך זיך געשפּילט מיט מיין יונגסטער שוועסטער מאַשע און אַ פּאָר פון אירע חברטעס אין „טאַטע און מאַמע״. אַמאָל פלעגט מיין שוועסטערל, אַמאָל אַן אַנדער מיידעלע גיין צו קינד, און איך בין געווען דער טאַטע און דאָקטאָר־אַקושער, העלפן אַן עופעלע קומען אויף דער וועלט און דערנאָך עס האָדעווען.

שיינע יהודית איז געווען אַ פרומע יידענע און אין שטעטל איז אַרומגעגאַנגען אַן איבערגעב, מיט אָפּשפּעטערישע כוונות, פון איר פרימאָרגנדיקער ווענדונג צום רבונו של עולם פון דער ווייבערשער־שול אַרויס. זי פלעגט קומען גאַנץ פרי נאָך איידער די מנינים אין דער מענערישער שול האָבן זיך אָנגעפאַנגען. מיטן אויבערשטן האָט זיך שיינע יהודית געהאַלטן זייער היימיש־פאַמיליאַר, געווען מיט אים אויף „דו״ נישט בלויז אין תפילות, נאָר אויך אין טאָג־טעגליכן לעבן, אין שטענדיקן קאָנטאַקט.

— איך, דיין דינסט, שיינע יהודית, בין שוין דאָ. מיין מאַן, צבי הירש, איז נאָך אין די גאַטקעס, ער וועט באַלד קומען.

*

איך בין געווען אַן אָפטער באַזוכער אין בית־מדרש. דאָרט פלעג איך אַרומלויפן, מיט קינדער פון מיין עלטער, אַרום דער בימה און נישטערן אין דעם באַרג „שמות״, וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעקליבן. דער בית־מדרש אין אוגוסטאָוו אין יענע יאָרן איז געווען תמיד פול מיט מענטשן. עס איז געווען דאָרטן פריילעך, בשעת די מנינים זענען אָנגעגאַנגען — איז דאָך אָפּגערעדט, נאָר אפילו נאָך די מנינים. די שטאָטישע בחורים, באַלעבאַטישע קינדער, ווי אויך די באַלעבאַטים, זענען דאָרט געזעסן ביי די לאַנגע טישן אָדער ביי שטענדערס און געלערנט אויפן קול מיט אַ ניגון. עס זענען אויך געווען אָרעמע בחורים־לערנערס פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן „געגעסן טעג״, צווישן זיי אויך אַ פּאָר פּרושים. איבער די טישן האָבן געהאָנגען בליצלאָמפּן; אויף די שטענדערס זענען געווען צוגעטריפט ליכטלעך און ביי זייער שיין האָט מען געלערנט און געלייענט די דראָבנע אותיות פון רש״יס כתב.

דער בית־מדרש איז געווען פול מיט לערנען־זינגעריי און אויך שטיפעריי. ער איז געווען מער ווי אַ געבעטהויז און מער פון אַ שטודירפּלאַץ, ער איז געווען בפועל ממש, אויך אַ פאָלקסקלוב. דאָ הינטערן און אויפן קאַכלנעם אויוון זענען געשלאָפן אורחים, אָרעמעלייט אָנגעפאָרענע פון אַנדערע שטעט, וואָס זענען געגאַנגען איבער די הייזער.

דאָ אויפֿן אויוון איז געשלאָפֿן אויך דער שטאָט־משוגענער קלמן „טומאה וטהרה״״. ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אָפּגעריסענער און אַן אָפּגעשליסענער; קויטיקע טראַנטעס זענען געהאָנגען פֿון אים און דורך די לעכער האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטיקער לייב. די האָר פֿון קאָפּ און באָרד זענען געווען שוואַרץ ווי סמאָלע און צעקאָלטנט. זיין פּנים מיט די צוויי בליציקע אויגן איז געווען פֿאַרצוקט, פֿאַרצאָרנט און פֿאַראומערט; ער איז אַרומגעגאַנגען און געמורמלט צו זיך, און אַלץ וואָס מען האָט געהערט פֿון אים אַרויסגעבראַכט אַרטיקולירט קלאָר, זענען געווען די צוויי ווערטער „טומאה״ און „טהרה״.

*

אין מיטן מאַרק, פּונקט אַנטקעגן דעם מיטלסטן פֿענצטער פֿון רב׳ס דירה, האָט מען מושטירט די רעקרוטן, זיי געלערנט גיין ווי געהעריק, דאָס הייסט שטעלן „געגדז טריט״, שטיין אויסגעצויגענע ווי סטרונעס און פֿאַרשטיינערטע באַוועגלאָז ווי סטאַטועס. מע האָט זיי אויך געלערנט ווי צו האַלטן אַ ביקס, ווי זי צו טראָגן אויפֿן אַקסל, ווי צו שטעכן אַ שפּיז אין אַ שטרויענעם מענטשן. אוגוסטאַוו, ווי אַ שטעטל וואָס איז געלעגן נישט ווייט פֿון דער דייטשער גרענעץ, האָט געהאַט אַ גרויסן גאַרניזאָן.

*

אין שטעטל זענען איינגעשטאַנען קאָזאַקן־אָפּטיילונגען און צווישן זיי האָבן זיך געפֿונען, דערהויפּט דענשטשיקעס, משרתים, ביי די אָפֿיצירן, קאַלמיקעס מיט אויערינגלעך.

איך בין נישט געווען גלייכגילטיק צו די זעלנערשע פּאַראַדן, וואָס פֿלעגן פֿאָר־קומען אין די „טאַבעלנע טעג״. די זעלנער מיט די אָפֿיצירן פֿלעגן אַלע אַריין אין דער רעכטגלויביקער (פּראַוואָסלאַוונער) קאַטעדראַלע, זיך דאָרט זאַמען אַ שעה און אַ מאָל מער. איך מיט קינדער פֿון מיינע יאָרן און אויך גרעסערע און עלטערע זענען געשטאַנען אינדרויסן, אין מאַרק, און געוואַרט געדולדיק אויף זייער אַרויסקומען. זומער איז דאָס געווען נישט צו שווער, אָבער ווינטער, אין די ברענענדיקע פֿרעסט, איז דאָס וואַרטן געווען אַן אמתע אָפּקומעניש. די אויערן האָבן געפֿראָרן, פֿון נאָז האָט גערונען, די פֿיס זענען געוואָרן ווי קלעצלעך, די פֿינגער פֿון די פֿיס האָבן גענומען גליווערן, ס׳האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, אָבער איך האָב אויסגעהאַלטן און זיך דערוואַרט. דער ספּעקטאַקל, וואָס קומט איצט, איז ווערט געווען די אַלע עינויים קשים.

די זעלנער, די אָפֿיצירן און די פּאָלקאָווניקעס זענען אַרויס, זיך אויסגעשטעלט אין גראַדע שערענגעס. אָט מושטירט מען זיי און זיי פּאַראַדירן אַדורך דעם פּלאַץ אַהין און צוריק. עס פֿאַרנעמט אַן אויג; דער מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט, די פּייקלערס מאַרשירן פֿאָרויס און קלאַפּן אין די פּויקן, דער זאַפּיעוואַלע (דער פֿור־זינגער) פֿאַרציט אַ ניגון מיט אַ זעלנערישן פּזמון און די גאַנצע קאָמאַנדע ענטפֿערט

אָפּ. אויף מיר איז גאָר אַ גדולה, איך זינג מיט און גיי אונטערשפּרינגענדיק טאַקע פּאַזע דעם פּייקלער. איך באַגלייט די זעלנער דורך דער שטאָט און אַ שטיק מהלך הינטער דער שטאָט, ביז זיי גייען אַריין אין זייערע קאַזאַרמעס. ערשט דעמאָלט, אַ הונגעריקער, אַ פאַרפראָרענער, קער איך זיך אום אין שטאָט אַריין און לויף גלייך אַהיים, עפּעס נעמען אין מויל, דאָס האַרץ אונטערלענען. איך וואָלט נישט איבערהיפּן קיין זעלנערישן פּאַראַד פאַר קיין זאַך אין דער וועלט.

*

די מגיפה, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, האָט מיט איר שוואַרצן פליגל אָנגערירט דאָס שטעטל אוגוסטאָוו. אַ פּחד איז באַפאַלן גרויס און קליין: מע שטאַרבט, כאָלעריע בושעוועט אין שטאָט און זי הרגעט מענטשן; זיי נעמען ברעכן, זיי קריגן אַ שלשול, קראַמפּן אין בויך — און פאַלן ווי די פליגן. אַזוי ריידן די דערוואַקסענע און די קינדער חזרן איבער די אייגענע רייד מיט אימה, מיט שרעק.

מען דאַרף זיך היטן. מע לאָזט מיך נישט עסן קיין רויעס, קיין גרינס און קיין פּרוכט; מע לאָזט מיך נישט טרינקען קיין אומגעזאָטן וואַסער.

איבערן גאַנצן שטעטל הויערט אַ שרעק, וועלכע האָט ווי עפּעס אַ מאָדנעם גערוך, וואָס קיצלט מיר די נאָזלעכער: עס איז דער גערוך פון קאַרבאָל און זשעגעכץ. די רינשטאָקן זענען אויסגעקאַלכט, באַגאָסן מיט קאַרבאָל, אין די אָפּטרעטן איז אָנגעגאָסן אויף די דילן, אויף די ווענטלאַך — קאַרבאָל.

מיין טאַטע איז עפּעס ווי געוואָרן אַן אַנדערער. ער זיצט מער נישט אין דער צווייטער העלפט פון שטוב און „שרייבט תורה“; ניין, ער גייט אָנגעטאָן אין אַ מאָדנעם כאַלאַט, וואָס איז אַרומגעבונדן מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק אַרום די לענדן. ער גייט אַוועק פרי אין קלויז. איך גיי אים נאָך פונדערווייטנס. דאָרט אין קלויז וואַרט אויף אים אַ כאַפּטע יידן. זיי גייען איבער די הייזער, זיי טראָגן מיט זיך אַ פעסעלע ספּירט און פאַרשיידענע מכשירים, אָבער איידער זיי גייען אַרויס צו אָט־דער „אַרבעט“ דאַווענען זיי אויף שנעל און זאָגן אָפּ אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים. זיי גייען באַזוכן די חולאים; זיי רייבן זיי איין מיט אַלקאָהאָל און אַ סך פון זיי ראַטעווען זיי אָפּ און זיי בלייבן לעבן. אָט יענע יידן זענען אַלע אַזעלכע שטאַרקע, הויכע און פאַר דער „כאָלעריע“ האָבן זיי גאָר קיין מורא נישט. זיי זענען אַומדערשראָקן און אומדערמידלעך. מיין טאַטע קומט אַהיים שפּעט און אויך פון אים שמעקט מיט קאַרבאָל.

צום מאַרק־צו, אײַנגאַנצן אַ פּאָר הייזער פון אונדזער וווינונג, איז פאַראַן אַ קליין קלייטל. אויף אַ גאַנעק מיט אַ פּאָר הויכע טרעפּלעך האָט מען אַהין געדאַרפט אַרויפ־קריכן. דאָרט אין קלייטל איז געשטאַנען אַן עלטערע יידענע און פאַרקויפט לעדער אויף זוילן פאַר שטיוול, פאַר קאַמאַשן, אויך פאַר אַ כאָמעט און אַנדערע הצטרכותן.

זייער זעלטן פלעגט זיך ווייזן אויך איר מאַן. ער איז געווען אַ ייד אַ זקן, אַ סופר. איך האָב אים גוט געקענט; איך פלעג זיך אַריינשטעלן אין דער אינעווייניקסטער אָפענער טיר פון קלייטל און אַריינקוקן אין שטוב אַריין, וואָס איז באַשטאַנען פון איין

צימער און אַ קיך. דער סופר פלעגט זיצן איינגעוויקלט אין טלית און תפילין און שרייבן מיט אַ געגנדזענער פעדער. ער האָט געהאַלטן אין מיטן שרייבן אַ ספר תורה, גאָר נישט ווי מיך טאַטע, וואָס פלעגט „שרייבן תורה" אויף בייגעלעך ווייס פּאַפּיר מיט אַ שטאָלענער פען. דער סופר האָט געשריבן אויף געלבלעכן פּאַרמעט און דאָס געשריפט איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערס.

ער איז געווען אַן אַלטער און אויסגעדאַרטער מאַן. אַ סך קנייטשן ביי אים אויפן פּנים, וואָס איז געווען באַזוימט מיט אַ שיטער בערדל. איך האָב געוווסט, אַז דער סופר איז זייער אַ פרומער ייד און אַז ער טוט אַ הייליקע אַרבעט; ער שרייבט אַ ספר־תורה, וואָס מען האַלט אָנגעטאָן אין אַ מענטעלע אין ארון־קודש אין בית־מדרש און מען נעמט אַרויס אין מיטן דאַוונען און מען לייגט אים אַוועק אויפן שולחן אויפן באַלעמער, און מען רופט אויף צו אים מענטשן־דאַוונערס, מען „גיט עליות" און מען לייענט פון אים אַרויס; און נאָכדעם הייבט מען אים אויף און מען ווייזט אים דעם עולם דאַוו־נערס, און מען זאָגט און מען זינגט און מען טראָגט אים אָפּ מיט גרויס אָנזען צוריק צום ארון־קודש און מען שטעלט אים אַריין. און דאָרט שטייט ער פאַרמאַכט און אַריבערגעצויגן מיט אַ פּרוכת. ער שטייט נישט אַליין; דאָרט שטייען מיט אים נאָך עטלעכע ספרי־תורות, אַלע אָנגעטאַענע אין שיינע אויסגעהאָפטענע מענטעלעך.

אָט אַזאַ ספר־תורה האָט דער סופר, ר' זעליג, געשריבן.

איז דער סופר קראַנק געוואָרן. איך האָב זיך דערוווסט וועגן דעם פון די רייד ביי אונדז אין שטוב. דאָס קרעמל איז געווען צוגעמאַכט. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט גיין זען ווי איינער קריגט אָט־די טשיקאַווע כאָלעריע, אָבער די מאַמע און זעלדע * האָבן מיך נישט געלאָזן. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען דעם סופר צוגענומען. פון הויז, אים אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם. די יידענע, וואָס פלעגט שטיין אין קראָם, האָט געוויינט אויפן קול.

נאָך דעם ווי מען האָט דעם מת צוגענומען, האָט מען פאַרברענט דאָס בעטל, אויף וועלכן דער סופר איז קראַנקערהייט געלעגן, און אויך דעם שטרויענעם סיעניק און די קישנס און די קאָלדרע, מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעדעקט. איך בין געשטאַנען פונדערווייטנס און האָב זיך צוגעקוקט, נאָענט האָב איך נישט געטאָרט צוגיין. איך חידוש זיך: צו וואָס פאַרברענט מען עס? איך פרעג אַן עלטערן ייִנגל, וואָס איז אויך געשטאַנען דערביי און באַטראַכט די טשיקאַווע סצענע. יענער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די „כאָלעריע" איז אַ קלעפּיקע און זי קלעפּט זיך צו אפילו צום בעטגעוואַנט.

איך ווייס שוין איצט, אַז אויפן שול־הויף, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט פרישן גרינעם גראָז ווי די בעסטע לאָנקעס און וואָלט געקענט דינען פאַר מיר און חברימלעך ווי אַ שפּילפּלאַץ, געפינט זיך אין אַ שטעלכל דאָס „טהרה־ברעט" און די „מיטה", צוויי זאַכן, פאַר וועלכע איך און אַלע קינדער ציטערן, ווייל זיי האָבן אַ שייכות צום טויט און טויטע. איך ווייס שוין אויך, אַז עס איז פאַראַן אַ מלאך־המוות, וואָס גייט

---

* די דינסט.

אַרום מיט אַ שווערד. ער איז פול מיט אויגן, און ער טויט עס די מענטשן און פאַר אים דאַרף מען זיך היטן.

איך האָב זיך אויפן שול־הויף קיינמאָל נישט געשפּילט. נישט נאָר האָב איך מורא פאַרן טהרה־ברעט און מיטה, נאָר איך בין פול מיט פּחד פאַר דער שול גופא. זי איז אַ ריזיקע געביידע פון שטיין און ציגל, מיט ברייטע טרעפּ אַרויפצוגיין און אַריינקומען אין פּאַליש. פון פּאַליש ווידער רחבותדיקע טרעפּ אַרונטערצוגיין, ווי אַ קעלער, אין שול. די שול איז געווען אַ מאוימדיקע זאַך. דאָרט דאַוונען אַלע נאַכט די מתים. דער אַלטער שמש, איך האָב אים גוט געקענט, האָט געהאַלטן די שול פאַרשלאָסן. דאָס האָט נאַטירלעך נישט געשטערט די טויטע צו קומען און דאַוונען אין איר. אַלע אינדערפרי האָט זיך דער שמש נוהג־געווען אָנצוקלאַפּן דריי מאָל מיטן שווערן שליסל אין דער מאַסיווער טיר פון שול און בעטן די מתים, זיי זאָלן אָפּליידיקן דאָס פּלאַץ. ער האָט דערביי דריי מאָל איבערגעחזרט די ווערטער: גייט אין אייער רו אַריין, ערשט נאָך דעם אַוועקגייען פון די מתים האָט ער געוואַגט צו עפענען די שול פאַרן ערשטן וותיקים־מנין.

איך בין געגאַנגען אין שול מיטן טאַטן, ר׳ יהודה לייב, בלויז יום־כיפּור. אַ גאַנץ יאָר בין איך נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן אין בית־מדרש אַריין. אַז דער רב איז פאַרביי־געגאַנגען, האָבן זיך די מענטשן אויפגעשטעלט. איך האָב געהאַט הנאה פון דעם, וואָס מע גיט אָפּ כבוד מיין טאַטן.

אין שול בין איך געקומען דאַוונען יום־כיפּור ביי דער נאַכט צו „כל־נדרי״. פאַר „כל־נדרי״ האָט מיין פאָטער, דער רב, געהאַלטן אַ קורצע דרשה פול מיט התעוררות. אַ יאָמער האָט באַגלייט זיין רוף צו תשובה. איבערהויפּט פלעגן זיך לאָזן הערן די ווייבער מיט זייער געוויין און געקלאָג אויף זייערע באַגאַנגענע עבירות. אין שול האָבן געברענט זייער אַ סך הענגלייכטער און הענגלאָמפּן און אָן אַ שיער ליכט. די שול איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. עס איז געווען אַזוי הייס און שטיקנדיק, אַז מיר האָט ממש פאַרפעלט לופט צו אָטעמען. די שטיינערנע ווענט האָבן געשוויצט. איך האָב געהאַלטן צוגעלייגט דאָ איין באַק דאָ אַ צווייטע צו דער פאַרשוויצטער וואַנט, אַזוי האָב איך זיך אַ ביסל אָפּגעקילט און געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אַ נישט וואָלט איך געפאַלן אין חלשות.

*

פון דער טרעוואָגע האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט. אָבער אַזוי ווי דאָס פייער האָט געפלאַקערט אויפן צווייטן עק שטאָט, האָט מען זיך באַרויקט און צוריק איינגעשלאָפן. מיר האָט זיך געוואָלט אַהין צולויפן און צוקוקן זיך צו דער שריפה, אָבער מע האָט מיך נישט געלאָזן. עס האָבן אָפּגעברענט אויף זויב־גאָס די שפּייכלערס פון די תבואה־הענדלערס. איך בין אַוועקגעלאָפן אַהין גאַנץ פרי. פאַרזאַמט דאָס פייער, וועל איך כאָטש אָנזעטיקן די אויגן מיט די רואינעס; אייניקע האלאַוועשקעס האָבן נאָך אַ ביסל אונטערגערויכערט, פון אַנדערע האָט נאָך געשלאָגן אַ האָרעלע פאַרע. קערנער גאַנצע

בערגלעך זענען אומעטום געווען אַנגעשאָטן, אויך ציגל פון די צעבראָכענע פונדאַ־מענטן האָבן זיך געוואַלגערט. אַלץ איז מיר געווען טשיקאַווע.

*

דער רב האָט ווידער געביטן די דירה שוין צום דריטן מאָל. אַז דער רב איז געגאַנגען באַקוקן אַ דירה, האָט ער זי אויספּרובירט מיט זיין שטים; אויב די אַקוסטיק איז געווען גוט, זיין שטים האָט אין איר גוט אָפּגעקלונגען, זי האָט געגעבן אַ גוטן רעזאָנאַנס, האָט ער געגעבן זיין הסכמה און מען האָט זיך אַהין אַריבערגעצויגן.

אין שכנות מיטן רב האָט געוווינט אַן אָרעמע אלמנה. זי האָט געהאַט צוויי יינגעלעך. דער יינגסטער איז געווען בלויז מיט איין יאָר עלטער פון מיר. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסענע און כסדר הונגעריקע. איך בין אַרומגעלאָפן מיטן יינגערן, מיר האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען און איך האָב זיך געטיילט מיט אים מיטן לעצטן ביסן, ווען איך האָב נאָר געהאַט עפּעס עסנוואַרג מיט זיך. אַז איך האָב זיך פאַרשפּילט, האָב איך פאַרגעסן אין עסן און טרינקען, אַזוי, אַז דאָס אַוועקגעבן די שפּייז, וואָס זעלדע האָט מיר מיטגעגעבן אויף מיינע שפּיל־עקסקורסיעס, האָב איך געטאָן מיט אַ לייכטן האַרצן.

איך האָב געוויינטלעך אַרומגעפּאַדעט אַ גאַנצן לאַנגן זומערדיקן טאָג. צו פאַרנאַכט־צו בין איך געקומען אַהיים אַן אויסגעשעפּטער, בין אַנידערגעפאַלן אויף דער שוועל און איינגעשלאָפן. דער שלאָף האָט דעמאָלט געהאַט פאַר מיר טעם גן־עדן, זיסער ווי דאָס בעסטע איינגעמאַכטס.

מיין מאַמע, די רביצין, חיה אסתר שרה, האָט אַרויסגעהאָלפן דער אלמנה מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט: מיט אָנטועכץ פאַר די קינדער, מיט שפּייז, אָבער דערהויפּט מיט קרעדיט: זי האָט גאַראַנטירט פאַר איר און געבעטן טרויען דער אלמנה אַ גאַנצן פעסל הערינג. די אלמנה פלעגט זיך שטעלן אין מאַרק אין די יריד־טעג, אויספאַרקויפן דאָס פעסל הערינג און ברענגען דער רביצין דעם פדיון. דער הורטאָווניק, וואָס האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער רביצין גייט דאָ אין טאָן אַ מצווה און אַרויסהעלפן דער אלמנה מפרנס זיין אירע יתומים, לכן דאַרף ער אויך האָבן איינזעעניש און עפּעס אַרונטערלאָזן פון פּרייז.

אין די פאַלן בין איך געווען דער שליח צו דער מצווה־זאַך; מיט שמחה, מיט דעם פולן באַוווסטזיין, אַז איך טו אַ גוטע זאַך, בין איך געגאַנגען זאָגן מאַרקוסן, אַז די מאַמע איז ערוב פאַרן פעסל הערינג, וואָס די אלמנה רבקה וועט ביי אים נעמען אויף באָרג.

מאַרקוס איז געווען אַ שיינער ייד, געשמט פאַר אַ למדן, געווען אויך אַ יחסן. ער האָט געהאַט אַ קראָם פון כל־טוב, אַלערליי געטריקנטע פרוכטן, געווענדזעלטע פיש און אויך פעסלעך הערינג.

מיט גרויס פאַרגעניגן און מיט אַ געפיל פון באַפרידיקונג, וואָס אַ גוטע זאַך איז דורכגעפירט געוואָרן מיט מיין הילף, האָבנדיק אַ וויכטיקן חלק אין איר, האָב איך

געטראָגן דאָס ברודיקע זעקל, פול מיט פאַרשמאַלצענע פּיאַטאַקעס און פּיעמס, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן דער גערוך פון הערינג, צו מאַרקוסן גלייך אַויף מאָרגן פרי נאָכן יריד.

*

טאַטע און מאַמע האָבן באַשלאָסן אָפּצוגעבן מיך אין „חדר" צו אַ מלמד־דרדקי. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף חיים קוקוריקו. אַזוי האָט מען גערופן דעם מלמד פאַר אַנפאַנגער. זיין צונעמעניש האָט ער געקראָגן צוליב זיין הייזעריקער שטים, ווייל ער האָט כסדר געכריפּעט און „געזעגט" מיטן האַלדז, האָבן אים די קינדער־תלמידים באַשאַנקען מיט דערדאָזיקער גאָר נישט פייגעלדיקער איבעררופעניש. אין שטעטל האָט האָט מען אים אַזוי גערופן און קיינער האָט זיין פאַמיליע־נאָמען נישט געוווּסט, און ווען אפילו יאָ געוווּסט, נישט געברויכט.

אַט־דער קוקוריקו איז געווען אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, אַ שטרענגער דיס־ציפּלינאַר. זיין דיסציפּלין האָט ער געבראַכט פון דער קאַזאַרמע און זיין מיליטער־דינסט. ער פלעגט שלאָגן די תלמידים מכות־רצח. ער האָט איינעם צעקיילט און צעביילט, דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן, אָפּגעקרענקט אַ פאָר וואָכן און אַוועק פון דער וועלט. אָבער אָט די ריידעריי, און דאָס איז נישט געווען קיין פּוסטע באַריידעריי, נאָר אַן איבערגעב פון אַ מעשה שהיה, האָט נישט געשעדיקט זיין רעפּוטאַציע פון אַ „פּעדאַגאָג" — עס האָט געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. ער האָט געקראָגן אַ נאָמען פאַר אַ גרויסן „בעל־פּעולה". ער איז געווען זייער גוט פאַר אויסלערנען „עברי", און נישט שלעכט פאַר חומש און נביאים ראשונים. אי וואָס ער „ממיתט" די קינדער — קען מען דען די מזיקים, די קונדסים, אַנדערש לערנען?! די תורה אויפן באַרג סיני האָט מען דאָך אויך געגעבן איבערגעוואָלד, אַריבערגעבויגן דעם באַרג ווי אַ פעסל: „אָדער איר נעמט אָן די תורה, אָדער איר ווערט באַגראָבן דאָ אויף אָן אָרט".

די רביצין האָט אָבער מורא געהאַט, איך בין אַ שוואַך קינד, און אויב איך כאַפּ אַריין איין „סאָלדאַטסקן" קלאַפּ פון „חיים קוקוריקו" בין איך אַ פאַרטיקער. האָט דער רב גערופן צו זיך דעם מלמד און אין מיין דערבייזיין אים אָנגעזאָגט מיט די ווערטער פון מלאך צו אברהמען: זאָלסט נישט אויסשטרעקן דיין האַנט אויפן יינגל און זאָלסט אים גאָרנישט טאָן; און טאָמער פאָלגט נישט דער מלמד, האָט ער, דער טאַטע, באַפוילן מיר, איך זאָל גלייך קומען און דערציילן, און ער וועט מיך צונעמען פון חדר. הכלל, דער רבי זאָל אויף מיר קיין האַנט נישט לייגן.

חיים קוקוריקו באַגריפט גאַנץ גוט, אַז זיין מעמד ווי אַ מלמד קריגט צו חשיבות און פּרעסטיזש פון דעם, וואָס דער רב האָט אים אָפּגעגעבן זיין זון; דאָס איז דאָך אַ הסכמה און גוטהייסונג פון די מעטאָדן צו לערנען, וואָס ער ווענדט אָן אין זיין „חדר". ער פאַרשטייט אויך גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ נידערלאַגע זיין קנעלעכץ וועט ליידן, ווען דער רב וואָלט אין מיטן זמן צונעמען זיין יינגל. לכן נעמט ער אָן די באַדינגונג פון נישט שלאָגן, מיט אַ פאַרשטשעמעט האַרץ. הגם ער קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן

ווי אַזוי מען קען לערנען אַ יינגל אָן קלעפּ אָדער, אַמווייניקסטן, דעם פּחד פאַר אַרייַנכאַפּן קלעפּ; ווי איז עס גאָר מעגלעך, אַז אַ קינד זאָל וועלן זיך לערנען, ווען דער קאַנטשיק הענגט נישט איבער אים. אָבער פאַרפאַלן, ער גייט איין אויף דעם רב׳ס באַדינגונגען, כאָטש ער האַלט זיי פאַר אַבסאָלוט אומזיניק.

מען האָט מיך אויסגעריכט אין „חדר" אַריין. מיך האָט אָפּגעפירט זעלדע. זי האָט מיך געהאַלטן ביי דער האַנט און צוגעפירט צו דער שוועל. אַריבערטרעטן די שוועל האָט זי מיר געלאָזן אַליין, זאָל איך נעמען ווערן אַ חדר־יינגל און אומאָפּהענגיק פון איר.

איך בין אַריין און געבליבן שטיין ביי דער טיר. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ צאָרנדיקן רבין, וואָס האָט געהאַלטן אין שרייען, און אַ כאַפּטע קינדער פון מיין עלטער און אויך עלטערע פון מיר, אַ געמיש פון יינגלעך מיט מיידלעך. דער רעש און טומל האָט מיך פאַרטויבט.

דער רבי האָט מיך אויפגענומען נישט איבעריק פריינטלעך. ער איז געווען אַנטוישט, וואָס דער תלמיד האָט אים געבראַכט די דינסט און נישט די מוטער פון קינד, די רביצין.

דער רבי האָט מיך אויפגענומען נישט איבעריק פריינטלעך. ער איז געווען לעבן די פענצטער. איך האָב נישט געוואָלט זיך אַריינזעצן צווישן ווילד־פרעמדע קינדער, דערצו נאָך דער געפּילדער, וואָס האָט דאָ געהערשט און מיר שיער די אויערן נישט צעריסן. איך בין געווען צעשראָקן, אַ קליינטשיקער דניאל, וואָס מע האָט אַריינגוואָרפן אין אַ לייבנגרוב.

אָן זעלדען וועל איך דאָ נישט בלייבן. איז זעלדע מיט מיר געבליבן. אָבער פאַר ביידן איז נישט געווען גענוג פּלאַץ אויף דער באַנק. האָט פאַר אונדז די רביצין צווישגעשטעלט צוויי בענקלעך.

זעלדע איז געגאַנגען מיט מיר אין „חדר" אַ גאַנצע וואָך. אין משך פון אָט־דער ערשטער וואָך האָט מיך דער רבי גאָרנישט געלערנט. איך בין געזעסן און זיך צוגעקוקט און צוגעהערט וואָס אַרום מיר קומט פאָר. צוביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוווינט צו דער נייער סביבה, איך האָב זיך גענומען חברן מיט די איבעריקע קינדער פון „חדר" און זיך אויפגעהערט צו שרעקן פאַר זיי.

איך שטיי אין ווינקל פון צימער, קוק אָן מיין רבין און ציטער מיט אַלע גלידער, כאָטש איך ווייס אַז וועגן קריגן געשלאָגן פון אים קען קיין רייד נישט זיין. דער רבי מיינער וועט פאָלגן דעם רב. אַלע מוזן פאָלגן מיין טאַטן, דעם רב פון דער גאַנצער שטאָט, פאַר ווען ער גייט פאַרביי, שטעלן זיך אויף. דאָך ציטער איך, ווייל פאַר אַ רבין דאַרף מען ציטערן און פלאַטערן און אויך פאַרהערלעכן, אַזוי האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַזוי האָט מיר זעלדע געזאָגט, אַזוי האָט מיר אויך דער טאַטע, דער רב, געזאָגט: דעם רבין דאַרף איך טייער האַלטן ווי דעם אייגענעם פאָטער, ווייל ער לערנט מיט מיר תורה, גאָטס תורה.

פון דער צווייטער וואָך אָן קומט דער באַהעלפער נאָך מיר, פירט מיך אין „חדר" אינדערפרי און פאַרנאַכט ברענגט ער מיך צוריק אַהיים.

דער „חדר״ האָט זיך געפונען אין אַ זייטיקן געסל, וואָס איז געווען גאָר נישט ווייט פון עק שטאָט. ווי מ׳גייט אַריבער דאָס געסל צו מערב־זייט הייבן זיך אָן גערטנער פון שאר ירקות; נאָך ווייטער אַראָפּצו געפינט זיך דאָס באָד, און נישט ווייט פון באָד איז גאָר נאָענט צום עק פון דער וועלט.

מיט גרויס געלוסטעניש און בענקעניש קוק איך אַהין צום באָד און איבערן דאַך פון באָד. אין אַ קליינעם מרחק פון באָד איז שוין סוף וועלט. איינמאָל בין איך אפילו צוגעקומען צום באָד. אָבער אַז איך בין אַהין דערגאַנגען, האָט זיך דער עק פון דער וועלט אָפּגערוקט אויף אַ היפּשער שטרעקע, און זיך לאָזן ווייטער גיין — האָב איך מורא. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מיני חיות־רעות עס לויערן דאָרט, און אפשר טשאַטעווען דאָרט שקצים, וואָס זענען נאָך ערגער פון חיות?

דער „חדר״ איז געווען אַ גערױמער צימער. דאָס מעבל איז באַשטאַנען פון אַ צאָל „סקאַמייקעס״, שולבענק, אַ לאַנגן טיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער, פון ביידע זייטן טיש בענקלעך און אויבנאָן אַ שטול פאַרן רבין. די גאַנצע דירה איז באַשטאַנען פון נאָך אַ צימער און אַ קיך. אין יענעם צימער האָבן געוווינט דער רבי, די רביצין, צוויי קינדערלעך, מיידעלעך. איינס ביי דער ברוסט, דאָס צווייטע איז אַרומגעקראָכן; דערצו אַ דריי־פיר הינער.

דער „חדר״ איז נישט געווען איבעריק ריין, אָבער דער צווייטער צימער איז געווען שוידערלעך שמוציק. עס האָט זיך געטראָגן פון דאָרט אַ שטינקעניש פון „פאַרמלאכהטע״ ווינדעלעך, יללות פון קינד און אַ קוואַקטשעריי פון די הינער.

דער „מאָדערניזם״ פון „חדר״ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען אָפּגעגעבן, כאָטש נישט אינגאַנצן, צו דער קנעלונג באַשעפטיקונג, דער רבי מיט דער רביצין זענען אין אים נישט געשלאָפן. אָבער אַ גאַנצן טאָג איז די רביצין מיט אירע קינדער און הינער אַרומגעגאַנגען איבערן חדר, ווייל זייער שלאָפצימער איז געווען צו ענג פאַר זיי. דאָס וויגל און דאָס בעט מיט די קישנס און פערינעס, אַ פּאָר הינקעדיקע שטולן און אַ קאָמאָד, און אַ קופערט האָבן אים אָנגעפילט, אַזוי אַז דאָרט איז נישט געווען ווו אַ ריר צו טון זיך. אויסער דעם האָט דער חדר געהאַט נאָך אַ „מערקווערדיקייט״ און דאָס איז אַ פּאָרטרעט פון קייסער, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ בכבודיקן פלאַץ אויף דער מזרח־וואַנט.

פאַר דעם פּאָרטרעט האָב איך ממש געציטערט. די חדר־יינגלעך צווישן זיך האָבן אָפּט גערעדט וועגן קייסער. זיי האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס אָפּשיי, ווי צו איינעם, וואָס שטייט נאָענט צום הימלשן מלכות, געפינט זיך אונטער אַ באַזונדער השגחה פון גאָט אַליין. איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַ באַשעפעניש, וואָס שטייגט אַריבער די מדרגה פון אַ מענטשן, ער איז אפילו וויכטיקער פון אַ רב; ער געפינט זיך ערגעץ צווישן די מלאכים. די ווערטער מלאך און מלך, וואָס זענען ענלעך אין זייערע קלאַנגען, האָבן מיר סוגעסטירט אָט־דעם רעיון מכוח דער קרובהשאַפט.

די קינדער פלעגן ברענגען מיט זיך עסנוואַרג אונטערצולענען זיך דאָס האַרץ. כאָטש עסן וואַרעמס איז מען געגאַנגען אַהיים. איך בין געווען אַ קנאַפּער עסער און

מער ווי אַ קאָפּיקע איינצוהאַנדלען עפּעס אַ נאַשעריי פלעג איך מיט זיך נישט מיטנעמען.

דאָס עסנוואַרג איז, אין ס׳רוב פאַלן, באַשטאַנען פון בולקעס צעשניטענע אין דער העלפט און דיק באַשמירטע מיט פּוטער. געהאַלטן האָבן עס די קינדער אין די אָפענע סקאַמייקעס. דער שמוץ און די שפּייז האָבן צוגעצויגן גאַנצע מחנות פליגן. אַזוי אַז אין חדר האָט זיך איבער אַלע אַנדערע קלאַנגען געהערט אַ זשומען און אַ זשוזשעריי. די פליגן האָבן באַלאַגערט די פענצטער, געמאַכט אַקראָבאַטישע אַרויף־און אַראָפּ־פלי־איבונגען אויף די שויבן.

די שעהן אין חדר זענען געווען זייער לאַנגע, פון אינדערפרי ביז גאָר בין־השמשות. אַז דער לאַנגוויל איז אַריבער אַלע גרענעצן האָט מען זיך אַרויסגעכאַפּט אין הויף מיטן אויסרייד, אַז מע גייט אויף „נקיות״. אין אָפּטרעט, אָדער צווישן די קלעצער, איז מען געזעסן מיט אָפּגעשפּילעטע הויזן און געשמועסט. מע האָט זיך גאָרנישט געאײַלט אָפּצופּאַרטיקן זיך און גיין צוריק. אָבער צו לאַנג האָט מען זיך נישט געקענט פאַרזיצן, ווייל דער רבי פלעגט קומען זען, וואָס מיר טוען און אונדז אַריינטרייבן צוריק אין „חדר״.

*

אויפן צווייטן זמן איז אָנגעקומען אין „חדר״ אַ גאַנצע כאַליאַסטרע מיידלעך, אַלע פון דער ברייט־צעצווייגטער קיינאנעס־משפחה. בלאָנדע מיידלעך מיט רויטע בעקלעך, שיין, ריין, כמעט אויסגעפּוצטע ווי ליאַלקעס; אַזוי האָבן זיי אויסגעזען אין מיינע אויגן. זיי פלעגן ברענגען מיט זיך גרויסע קוכנס, אָנגעשמירטע דיק מיט פּוטער; אויך פלעשלעך מילך. גלייך פאַר פרי פלעגן זיי זיך אַ נעם טאָן צו דער אכילה; זיי האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט, נישט מחמת הונגער, נייערט לשם פּוסטער באַרימעריי, צו ווייזן, אַז זיי זענען רייך און קענען זיך פאַרגינען צו האָבן דאָס בעסטע.

איך האָב זיי פיינט געהאַט בכלל און אויך פאַר זייער זיך־אויספּיינען. מיין שוועסטער, רחל, וואָס האָט איצט געלערנט מיט מיר אין „חדר״ און איז געזעסן אין דער אָנפאַנגערס כיתה, האָט זיי אויך נישט האָלט געהאַט. צווישן איר און די קיינאנעס מיידלעך זענען פאָרגעקומען אָפטע קריגערייען און איך, פאַרשטייט זיך, האָב זיך תמיד אַנגענומען פאַר מיין שוועסטער. די אָננעמעכץ איז געטאָן געוואָרן נישט מיט די הענטלעך, מחמת קיין גבר בין איך נישט געווען, נאָר מיטן מויל. עס זענען אָנגעגאַנגען מויל־שטרייטערייען, זידל־קאַמפּאַניעס. דאָס הויפּט־געווער, וואָס מען האָט דאָ אָנגעווענדט מיט אַ פאַרניכטנדיקן עפעקט, איז געווען צונעמעניש־געבעכץ.

עס איז מערקווירדיק, וואָס די פיינטשאַפט, וועלכע האָט געהערשט צווישן די עלטערן, האָט זיך איבערגעגעבן צו די קינדער.

אַ שטענדיקע אומאויפהערלעכע מחלוקת איז אָנגעגאַנגען צווישן די קיינאנעס מיידלעך און מיין שוועסטער און איך, ווי איר ברודער און באַשיצער, בין ממילא אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַלע מויל־געפעכטן. אַזוי ווי די הויפּט־קריגערס זענען

געווען מיידלעך, איז צו קיין פויסט־געשלעגן קיינמאָל נישט דערגאַנגען, כאָטש די שנאה האָט געפלאַקערט אַ גאַנצן זמן און נישט אויסגעזוכן זיך אויסצולעשן.

די קיינאַנעס מיידלעך האָבן געהאַט גוטע קעפּלעך און האָבן שוין געזאָגט „עברי" גאָר נישט שלעכט און הויך, קלאָר און דייטלעך, מיט אָנגענעמע קולכלעך, און איך וואָלט געהאַלטן פון זיי. איך האָב אָבער זיי נישט געקענט פאַרגעבן זייער פּוסטע גאווה, זייער גרויסהאַלטעריי, זייער זיך אַרויסשטעלן מיט זייערע קאָסטיומען, באַטיסטענע קליידלעך מיט שיינע אוקריינישע אויסהעפטעכצן.

*

צייט צו שפּילן זיך איז געווען אַ זייער באַגרענעצטע, סיידן בין־הזמנים, ווען עס פאַלן אויס די גאָר חשובע יום־טובים. אין מיטן זמן זענען די שפּילערייען פאָרגעקומען הויפּטזעכלעך פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, ווען מען איז געווען פריי פון „חדר". דעמאָלט האָט מען זיך געשפּילט ערגעץ אויף אַ הויף, וואָס ווייטער פון אייגענעם פלאַץ און הויז און אויג פון טאַטע־מאַמע.

איך האָב זיך געשפּילט, ווי אַלע קינדער פון מיין עלטער, אין זעלנערס, אין געריכט. מען פלעגט כאַפּן אַ גזלן, א גנב און אים משפטן און פאַרמשפּטן. איך האָב זיך פרי אויסגעצייכנט אין „פּאַליאַן"־שפּיל, אַ פאַרווייליונג, מיט וועלכער אויך עלטערע קינדער פון מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן.

מ׳לייגט אַוועק צוויי ציגל, מ׳לאָזט אַ שטיקל ריווח צווישן זיי. אַ העלצל פאַרשפּיצט פוןביידע זייטן לייגט מען אַוועק אויף די ציגל מיט איין שפּיץ אויף איינעם מיטן צווייטן — אויפן צווייטן; מיט אַ פלאַך, שמאָל ברעטל גיט מען אַ קלאַפּ אויפן פאַרשפּיצטן קלעצל, אַזוי אַז עס גיט אַ שפּרונג פון אָרט. דאַן כאַפּט מען עס אונטער און מען גיט אים אַ געזונטן זעץ און עס טראָגט זיך אַוועק אויף אַ היפּשן מרחק. מען מעסט אָפּ דעם שטח פון זיין אָפּפלי. דער צווייטער, דער מיטשפּילער, דאַרף אים כאַפּן מיט די הוילע הענט און אַ וואָרף טאָן אויף צוריק. וואָס נענטער צו דער פּאָזיציע פון די ציגל עס קומט צו — אַלץ בעסער.

איך האָב אויך האַלט געהאַט אַרומצוגיין מיט ניסלען, שיינע יהודיתעס בנאָק, איבער די פעלדער, אומפאַרבויטע פלעצער און אומפאַרצאַמטע הויפן און קלייבן שטיינער, וועלכע איך האָב געטראָגן אין שיינע יהודיתעס הויף אַריין. ביי מיר איז עס געווען שפּיל לשם שפּיל, ריינע פאַרווייליונג אָן קיין אַנדערע אַבזיכטן, אָן קיין תכלית. נישט אַזוי האָט, אָבער, געקוקט אויף דעם ניסל. אַז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּשע גרודע שטיינער האָט ער פאַרקויפט פאַר זַ פּאָר קאָפּיקעס צו איינעם, וואָס פלעגט קומען מיט אַ האַנטוועגעלע. אַמאָל אויך מיט אַ פערד־און־וואָגן און צונעמען די שטיינער. אַז איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מיין שפּיל־פּראַצע ווערט פאַרשוועכט דורך אַ מקח וממכר טראַנסאַקציע, האָט עס מיך זייער געערגערט. איך האָב אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם חשק צו קלייבן און שלעפּן די שטיינער; איך האָב ניסלען מער נישט געהאָלפן. דער גאַנצער ענין פון פאַרקויפן און קויפן איז מיר אָרגאַניש געווען דערווידער.

איך האָב געהאַט אַ חבר, וואָס האָט געוווינט אויף דער אַנדערער זייט פון פּאַרק. זיין פֿאָטער האָט געהאַט אַן אייזנקראָם. דאָס ייִנגל האָט פֿאַרמאָגט אַ וועלאָסיפּעדל אויף דריי רעדלעך: איין גרויס רעדל פון פאָרנט, און צוויי קלענערע פון הינטן. אויף דעם וועלאָסיפּעדל איז ער אַרומגעריטן, ווי להבדיל אויף אַ פערדל, איבערן גאַנצן הויף. ער איז געווען אַ גוטער חבר און פון צייט־צו־צייט האָט ער צוגעטיילט דעם פאַרגעניגן אויך מיר, געלאָזן זיך אַרויפזעצן און אָפּפאָרן אַ שטיקל מהלך אויף זיין „שטאָלענעם פערדל״. איך בין געווען אויפן זיבעטן הימל. דאָס רייטן האָט געהאַט אַלע טעמ׳ן. איך האָב אָנגעקוואָלן און זיך איבערגעגאָסן פון פאַרגעניגן. איך האָב זיך ביז איצט גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער גוטער גורל קען צושטעלן צו די קליינע מענטשנקינדער אַזעלכע פאַרשיכורנדיקע תענוגים. אַלע פרייטיק, ווי נאָר איך האָב זיך אָפּגעפּטרט פון „חדר, בין איך געלאָפן הענדום־פּענדום צום חבר, כדי צו קריגן כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט די געלעגנהייט צו רייטן.

*

שבת פלעגט דאָס שפּילן זיך ס׳רוב פאָרקומען אין הויז. אין די הויפן האָט מען קיין סך נישט געקענט אויפטאָן. ס׳רוב זאַכן, מיט וועלכע מען וואָלט זיך געקאָנט שפּילן, זענען געווען מוקצה, מען האָט זיי אין האַנט נישט געטאָרט נעמען. אין די קעשענעס האָט מען קיין זאַך נישט געטאָרט טראָגן. אַזוי, אַז דאָס בעסטע איז שוין געווען זיך פאַרוויילן אין שטוב.

דאָס שפּילן זיך איז פאָרגעקומען אין „זאַל״, דאָס גרעסטע, שענסטע און ריינסטע צימער אין גאַנצן הויז. אַהער איז כמעט קיינמאָל קיינער נישט אַריינגעקומען. עס איז געווען שיער נישט דער „קדשי־קדשים״ פון דער וווינונג. עס איז געשטאַנען ליידיק כמעט אַ גאַנצן יאָר. בלויז אַ גאָר געהויבענעם גאַסט האָט מען דאָרט אויפגענומען. אויף די ווענט זענען געהאָנגען גרויסע שפּיגלען. דאָס מעבל איז באַשטאַנען פון אַ האַלבן טוץ אויסגעבעטע שטולן און צוויי סאָפעס באַזאָרגט מיט צודעקעכצן קעגן שטויב, אַ רונדער טיש צוגעדעקט מיט אַ טישטוך; אויף די פענצטער־שוועלן זענען געשטאַנען גוט צוגעזייענע און פיין־צעוואַקסענע וואַזאָנעס.

דאָ זענען די קינדער זיך צוזאַמענגעקומען אונז — געקרוינט אַ קעניג, אַ יידישן קעניג. פאַרוואָס האָבן די גויים אַ קייסער און די יידן נישט?! די יידן דאַרפן אויך האָבן אַ מלך און זיין פּאָרטרעט זאָל הענגען אויף דער וואַנט. אַז מיר זענען אין גלות איז וואָס ? !

אַ פאַטערשטול האָט געדינט פאַר אַ געהויבענעם טראָן.

וועמען האָט מען אויסגעקליבן פאַר אַ מלך? דעם יינגסטן, משהקען. עס שיקט זיך נישט אַ קעניג אָן אַ קעניגין, האָט מען דעם מלך פאַר אַ מלכה געגעבן זיין יינגסטע שוועסטערל, מאַשקען. פאַרוואָס האָט מען געזאַלבט פאַרן קעניג דווקא משהקען? עס איז פאַראַן אַ שכל דערביי. ער איז געווען דער יינגסטער און פאַר קיין אַנדער ראָלע, וואָס וואָלט פאָדערן פאַרשטענדעניש, האַנדלונג, איניציאַטיוו האָט ער זיך לחלוטין

נישט אויסגעטויגט; צו זיין אַ קייסער האָט ער גאָרנישט געדאַרפט טאָן, ווי בלויז זיצן אויפן טראָן און בלאָזן פון זיך ווי אַן אינדיק. און דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט געקענט; ער האָט געהאַלטן שטאָט מיט גרויסן אָנשטעל.

איך בין צוליב וועלכן־עס־איז טעם באַשטימט געוואָרן פאַר דעם שעף פון דער אַרמיי, וואָס האָט נישט עקזיסטירט, אַזוי אַז איך בין געווען אי דער שעף און אי די גאַנצע אַרמיי.

הגם אין שפּיל איז נישט געווען וואָס צו טאָן, דאָך האָבן מיר זיך אָפּגעשפּילט אַ גאַנצן טאָג און עס איז אונדז נישט לאַנגווייליק געוואָרן. אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט צו טאָן איז היטן דעם טראָן און זיך בוקן און קניען און ווידער בוקן און קניען פאַרן גרויסן קעניג און פון דעם, פון דער דאָזיקער הכנעה, האָבן מיר זיך געפילט דערהויבן: מיר זענען קרובים למלכות.

*

איך קום פון „חדר" שפּעט אין אָוונט. עס איז שוין קאַלטלעך, די טעג זענען קורצע, אין די גאַסן איז אַ שליאַכאַטע. דאָס גיין אַהיים איז מעין אַ פּאַראַד אָדער פּראָצעסיע. מע גייט מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס; די לאַמטערנעס זענען פּאַפּירענע, אייגן־געמאַכטע. די קינדער האָבן אַליין אויסגעקנייטשט דאָס פּאַפּיר, אַזוי אַז עס האָט זיך באַקומען אַ סקעלעט פון אַ לאַמטערנע. מען האָט געדאַרפט אַריינשטעלן אַ דעק, די לאַמטערנס האָבן זיך צעצויגן און זיך אויפגעלייגט, עלעהיי אַ האַרמאָשקע אָדער אַ גוט אויסגעשמירטע כאַליעווע. צו מאַכן דאָס פּאַפּיר דורכזיכטיק, אַז דער שיין פון ליכטל זאָל קענען דורכדרינגען דורך אים און באַלייכטן דעם וועג, האָט מען עס אויסגעווייקט אין פעטס אָדער אין קעראָסין.

מען האָט מיך, פאַרשטייט זיך, צוגעפירט ביזן הויף, דאָ האָב איך אַליין געדאַרפט דורכלויפן די קליינע שטרעקע אין דער פינצטערניש. די לאַמטערנע האָט בלויז צעררייצט און צעהודערט אַ ביסל דעם חושך פון דער נאַכט. פאַרזינדיקט יענע גוטע צייטן ווען דער יעדוואַבנער, אַ בחור אַ לערנער, פלעגט מיך קומען אָפּנעמען און ברענגען צו פירן אַהיים. איך בין אַריינגעפאַלן אין שטוב אַ פאַרסאָפּעטער, אַ האַלב־לעבעדיקער.

קיינער קוקט זיך אויף מיר נישט אום; נישט ווי אַלע מאָל, וואָס ווי נאָר איך האָב זיך באַוויזן, האָב איך אַרויסגערופן אינטערעס ביי די קינדער און זעלדע האָט מיר גלייך צוגעטראָגן עסן.

איך חידוש זיך, אין שטוב, שפּיר איך, הערשט עפּעס אַן אָנגעשטרענגטקייט, אַ פאַרשטיקטקייט, אָבער נישט פון טרויער, נייערט, פאַרקערט, פון אונטערדריקטער, אין זיך פאַרבאַהאַלטענער שמחה. דאָס האַרץ איז פול מיט פרייד, אָבער מ׳האָט מורא זי אַרויסצוווייזן פאַר אַ זייטיקן.

איך פאַרמאָג אַ שאַרפן חוש־הריח. איך דערשמעק, אַז עפּעס וויכטיקס און גוטס האָט פּאַסירט.

וואָס איז עס?

מיין שוועסטערל, רחקע, וואָס איז מיט מיר דעם זמן נישט געגאַנגען אין „חדר" און זי איז געווען אין שטוב, קלערט מיך אויף:

— דו ווייסט? דער קייסער איז געשטאָרבן.

— פונוואַנעט ווייסטו עס?

— דער טאַטע האָט געזאָגט.

— דאַרף מען זיך פרייען?

— אַוודאי, ער איז געווען שלעכט צו יידן.

מיט אַ שעה צוריק האָט דעם רב באַזוכט דער בירגערמייסטער. ער איז געווען אַ פּאָלאַק, אַ פּאַטריאָט, אָבער זיין פּאַטריאָטיזם האָט ער געהאַלטן אונטער שלאָס און ריגל. ער איז אַריין מיט אַ געמאַכטער טרויעריקער מינע:

— אונדזער אימפּעראַטאָר איז געשטאָרבן — זאָגט ער אָן די ידיעה אין אַ שטים וואָס איז אָנגעלאָדן מיט פאַרשטיקטער פרייד און געמאַכטן מכלומרשטן אומעט.

— מע דאַרף דערקלערן פון מאָרגן־אָן טרויערטעג.

דער רב שטימט מיט אים איין, אַז דאָס פאָטערלאַנד האָט געליטן אַ גרויסן פאַרלוסט.

דער רב, ר׳ יהודה ליב, איז געווען אַ טאָפּלטער: אי עכטער רב און אי „קאַזיאָנער" ראַבינער. דאָס הייסט, ער האָט אָנגעהאַלטן אַ ברעקל רעגירונגסאַמט.

די פּאָלאַקן אין שטעטל האָבן זיך געפרייט און זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז די יידן פרייען זיך נישט ווייניקער פון זיי, אָבער איינער פאַרן אַנדערן האָט מורא געהאַט אַרויסצוווייזן די פרייד; נאָך מער האָט מען זיך געשראָקן פאַר די מיליטערלייט, פאַר די באַאַמטע, פאַר די „קאַצאַפּעס", וואָס האָבן זיך געפונען אין שטעטל.

איך בין געווען מלא שמחה, מאָרגן דאַרף איך נישט גיין אין „חדר" און נישט אָנקוקן דעם פאַרהאַסטן פּרצוף־פּנים פון מיין ערגסטן שונא, דעם רבין.

ווען אַלע טאָג שטאַרבט אַן אַנדער גוי־רשע, יאָ קעניג, צי נישט קעניג, וואָלט דאָך געווען „ליהודים". איך האָב פיינט געהאַט מיין רבין, אָבער דעם טויט האָב איך אים נישט געוווּנטשן... מע טאָר נישט שילטן קיין יידן, און אַ רבין אוודאי נישט, ווי שלעכט ער זאָל נישט זיין.

דער רב־רבינער האָט גלייך געלאָזט וויסן אַלע באַלעבאַטים פון שטעטל, אַלע גבאים פון די שולן און אַלע שמשים.

אויף מאָרגן האָט מען אָנגעצונדן ליכט אין אַלע קלויזן. דער רב האָט אָנגעזאָגט, מע זאָל זאָגן תהילים, קאַפּיטל ק״ט.

אָראָפּגעקומען די גאַנצע „נאַטשאַלסטוואָ" פון שטאָט.

דער גרויסער בית־מדרש איז געווען געפּאַקט. דער רב אַליין האָט געזאָגט מיט אַן אומעטיקער פאַרזיפצעטער און פאַרקרעכצטער דביקות, אויף די גאָר הויכע טענער פון זיין באַריטאָן, די פּסוקים פון תהילים:

„זיינע קינדער זאָלן ווערן יתומים און זיין ווייב — אַן אלמנה. און וואָגלען זאָלן זיינע קינדער, בעטלען און זוכן ברויט... קיינער זאָל נישט נויגן צו אים קיין גנאָד און קיינער זאָל נישט לייטזעליקן זיינע יתומים... פאַרוואָס ער האָט אָפּגעזאָגט דעם אָרעמאַן און

דעם אביון... ער האָט ליב געהאַט די קללה, זאָל זי קומען צו אים. ער האָט נישט געוואָלט קיין ברכה — זאָל זי זיין ווייט פון אים, זאָל ער אָנטאָן די שילטעניש ווי אַ מלבוש לויט זיין מאָס, און זי זאָל אַריין אין זיין אינעווייניקייט ווי אַ וואַסער און ווי בוימל — אין זיינע ביינער. זי זאָל זיין פאַר אים ווי אַ בגד, אין וועלכן מען וויקלט זיך איין, און ווי אַ גאַרטל זאָל זי אים אַרומנעמען..."

דער רב האָט אָפּגעזאָגט דעם גאַנצן קאַפּיטל תהילים און דער בירגערמייסטער איז שיר נישט צעגאַנגען געוואָרן אין טרויער...

*

איך בין אָנגעקומען צו אַ נייעם רבין, אַ גמרא־מלמד, אַ באַיאָרנטער ייד מיט אַ שיינעם איידעלן הדרת־פנים, מיט אַ גרויער באָרד. ער איז געווען אַ מזג־טוב, אַליין אַ חלוש — ער האָט געליטן אויף די פיס. אויך די רביצין איז געווען אַ בנעימותדיקע, איידעלע פרוי, וואָס האָט זיך אין „חדר" כמעט קיינמאָל נישט געוויזן. זי איז געזעסן אין איר קאַמער, אָדער געטאָן איר אַרבעט אין קיך. דער רבי האָט געהאַט אַן איידעם און ער האָט געוווינט מיטן רבין. דאָס פאַרפּאַלק האָט געהאַט אַן אַלקער פאַר זיך. דער איידעם פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג און אַרבעטן, מאַכן לעדערנע זאַכן: טייסטערס, פּרויען־הענטשקעס וכדומה. זיין אַרבעט איז געווען ריין, שיין, עלעגאַנט. ער האָט אָבער קיין „פּאַטענט" נישט געהאַט, דאָס הייסט, ער האָט נישט געצאָלט דער רעגירונג פאַר דער דערלויבעניש צו אַרבעטן און פאַרדינען אויף ברויט פאַר זיך און זיין ווייבל, דעם רבינס טאָכטער. האָט מען געמאַכט אָבלאָוועס גאַנץ אָפט. פּאָליציי פלעגט זיך אַריינרייסן, פּרובירן אים כאַפּן ביי דער אַרבעט. דער רבי פלעגט בעת אַזעלכע איבערפאַלן ציטערן ווי אַ בלאַט. דער איידעם האָט אויף גיך פאַרשטעקט די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן און אויך דאָס ביסל רויע מאַטעריאַל. קיין סך איז נישט געווען וואָס צו באַהאַלטן, און אַליין האָט ער געמאַכט פליטה דורכן פענצטער פון אַלקער, וואָס איז אַרויס אין אַ הויף. די הויז־זוכונגען און איבערפאַלן האָבן זיך ס'רוב געענדיקט מיט אַריינשטעקן אַ ריכטיקע מטבע. דעם שטייער־באַאַמטן און דעם פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים באַגלייט. די שרעק איז געווען גרויס, אָבער דער רבי האָט נישט מפסיק געווען דאָס קנעלן; ער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן, אַז אים איז די זאַך נוגע, מען זאָל זיך נישט טשעפּען צום „חדר" און האַלטן אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די חטאים פון איידעם.

מיר איז אין אַזעלכע איבערפאַלן דאָס האַרץ שיר נישט אַרויסגעפאַלן פון פחד. עס האָט זיך פאַרטליעט אין מיר אַ שנאה צו דער פּאָליציי און טאַקע צו דער רשעות־דיקער רעגירונג. ס'טייטש, וואָס ווילן זיי פון מיין שטילן, גוטן רבין! פאַרוואָס שרעקן זיי אים איבער?

דאָס געפיל פון ליבע, וואָס אַ יידיש קינד שפּירט געווייינטלעך צו זיין גייסטיקן פאָטער, וואָס לערנט אים תורה, מצוות און מעשים טובים און וועלכע איך האָב נישט געקענט אָפּגעבן מיין ערשטן רבין, האָב איך אַצינד אָפּגעגעבן ווי אַ חוב מיט פּראָצענט מיין צווייטן רבין, איך האָב אים ממש פאַרהערלעכט.

דאָ, אין חדר, האָט געלערנט אויך ניסל, שיינע יהודיתס. ער איז געווען הויכ־געוויקסיק און מיט דריי יאָר עלטער פון מיר, און געקענט אַ סך וויניקער פון מיר אין די שוואַרצע פינטעלעך. און גאָר קיין וווּנדער נישט. ניסל האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעהערט ווי דער רבי טייטשט די ווערטער אין „אלו מציאות" אָדער אין אַ קאַפּיטל ישעיהו. ניסל האָט בשעתן לערנען געהאַלטן די הענט פאַררוקט אין „סקאַמייקע" און עפּעס געמייסטרעוועט, פאַרריכט אַ צעבראָכענעם חפץ, אָדער איינגעבונדן ביכלעך. ער האָט פאַר זיי קונדן און האָט געקראָגן באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט. דאָס לערנען איז אים אין קאָפּ נישט געקראָכן, ער האָט תמיד געהאַט עפּעס בילכערס צו טאָן.

ניסל איז געווען, אייגנטלעך, וועלפקעס * חבר, הגם וועלפקע האָט געלערנט ביי אַן אַנדער גמרא־מלמד, פון די געהויבענע, וועמען מע האָט געהאַלטן פאַר אַ שטיקל למדן. ער איז געווען אַ שוואַרצלעכער, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ קורץ אונטערגעשאָרן בערדל; געווען אַ קרענקלעכער. זיין נאָמען איז געווען ר׳ אבא, אָבער די תלמידים האָבן אים גערופן דער „שטרויענער קאָזאַק".

*

דער „חדר" האָט געהאַט אַ גרויסן בשותפותדיקן קאָרידאָר מיט אַ שניידער. זיין נאָמען האָט געקלונגען אין מיינע אויערן אַ ביסל טשיקאַווע: „קושמענדער". מעגלעך, אַז דאָס איז גאָר קיין נאָמען נישט געווען, נאָר אַן איבעררופעניש, וואָס האָט אין זיך אַריינגענומען אַ טייל פון „שמענדריק". אָבער מיטן שניידער האָב איך נישט געהאַט קיינע פאַרבינדונגען און זיין נאָמען צונעמעניש וואָלט מיר אינגאַנצן נישט אינטערעסירט, ווען ער האָט נישט אַ זון, וואָס האָט געלערנט אין איין „חדר" מיט מיר.

דער זון איז געווען אַ בן־יחיד, מיט אַ צוויי יאָר עלטער פון מיר. דאָס ייִנגל האָט געהאַט אַ שווערע תפיסה, אָבער זיין טאַטע, דער שניידער, האָט געגלויבט, אַז תורה איז אַזאַ זאַך, וואָס מען קען עס אַריינקלאַפּן איינעם אין קאָפּ אָדער איינגעבן איבער־געוואַלד עלעהיי אַ ביטערע רפואה. אים האָט זיך דווקא געוואָלט מאַכן פון זיין תכשיט אַ „לערנער". אַזוי ווי ער איז געווען אַ באַלעבאַטישער שניידער, האָט גוט פאַרדינט און האָט זיך געקענט לאָזן קאָסטן אויף שכר־לימוד, האָט ער אָפּגעגעבן זיין בן־יחיד אין אַ גוטן „חדר", טאַקע צו מיין רבין, אים אָנגעבאָטן גוט משלם צו זיין. האָט ער געבעטן דעם רבין, ער זאָל אויף זיין זון אַכטונג געבן, און פאַר דער ספּעציעלער השגחה וועט ער באַקומען עקסטראַ באַצאָלט חוץ דעם באַדונגענעם באַלוין.

מיט פּשוטערע ווערטער מיינט עס, אַז ער האָט דעם רבין בפירוש אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל קיין פּעטש נישט קאַרגן, „שינדן די פעל", אַבי פון ייִנגל זאָל ווערן אַ לייט.

דער רבי האָט געהאַט אין „חדר" אַ כיתה, מיט וועלכער ער האָט געלערנט אי גמרא און אי נביאים־אחרונים און אויך משלי פון די כתובים. האָט דער רבי, וואָס האָט נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פון דעם אָנלאָקנדיקן אָנבאָט מצד דעם שכן, קושמענדערן,

---

* אבא׳ס ברודער.

אַריינגענומען זיין זונדל אין אָט דער כיתה, וואָס איז געווען צו אַדוואַנסירט פאַרן יינגל מיט זיינע קנאַפּע קענטענישן אין די „שוואַרצע פינטעלעך".

אַ גאַנצע וואָך איז דאָס לערנען געגאַנגען כשורה אין „חדר". פּרייטיק אָבער, ביים איבערחזרן און, אַזוי צו זאָגן, „עקזאַמינירן", האָט זיך געטאָן חושך. דאָס יינגל קושמענדער האָט נישט געוווּסט דעם פּירוש המלות פון די אָפּגעלערנטע קאַפּיטלעך. די עברי איז ער דורכגעקראָכן אָן שוועריקייטן, אָבער מיטן טייטש איז געווען געברענטע צרות. די עקזעקוציע האָט זיך אָנגעפאַנגען גלייך פונדערפרי, און זי האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָך האַלבן טאָג, ווען דאָס לערנען האָט זיך געענדיקט. פאַר יעדן קאַפּידרעך פאַרטייטשטן וואָרט זענען געפאַלן פּעטש ווי שפּענער, היליכיקע פּעטש, פּרעסק אין די ציינער.

דאָס שלאָגן האָט לחלוטין גאָרנישט געקענט אויפטאָן; דעם רבינס קלעפּ זענען געווען אַרויסגעוואָרפן; עס האָט געהאַט אַזאַ זינען, ווי שמייסן די באַנק, שלאָגן אַ באָק, ער זאָל געבן מילך. איך מיט מיין פּעדאַגאָגישן חוש האָב ווייטיקדיק-פאַרדראָסלעך געפילט, אַז דאָ איז נישט געווען קיין פראַגע פון יינגלס נישט וועלן לערנען, ער האָט פּשוט מיט זיינע ווייכע ציינדלעך נישט געקענט איינבייסן די צו האַרבע און האַרטע רייד פון נביא, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן פאַר אַ בעסערן און העברעיש-באַהאַוונטן עולם. די אויסדרוקן — צו שיין, צו געפליגלט, צו הויך. דער יונגער קושמענדער האָט געדאַרפט לערנען די נביאים-ראשונים, זיי וואָלט ער דורכקריכן מיט אָנשטרענגונג.

מעגלעך, אַז דער רבי האָט עס באַגריפן, אָבער אָפּזאָגן זיך פון פעטן פינאַנציעלן ביסן, מישטיינס-געזאָגט, ביי זיין אָרעמקייט, האָט ער נישט געקענט. אינגאַנצן לאָזן דאָס יינגל ביי זיין נישט-ווייסן און נישט-פאַרשטיין איז אים געווען אומפּאַסיק; ער קריגט דאָך באַצאָלט טאָפּלט אי פאַרן קנעלן מיט אים און אי פאַרן אונטערטרייבן; האָט ער געטריבן דעם לאָשעק מיט דער בייטש, האָפנדיק אפשר טאָמער וועט פאַרט פּאַסירן אַ נס, און דער לאָשעק וועט אַ שלעפּ טאָן דעם איבערגעלאָדענעם וואָגן, וואָס איז איבער זיינע כוחות. אויספראַווען פאַר אים אַ באַזונדער וועגעלע מיט אַ לייכטער משא, דאָס הייסט, לערנען מיט אים באַזונדער, און לייכטערע קעגנשטאַנדן, איז ער נישט געווען ביכולת אי מחמת מאַנגל אין צייט און אי מחמת דעם, וואָס זיך אַרונטערלאָזן וואָלט זיין קעגן זיין פּאַרנומענער פּאָזיציע אין דער היעראַרכיע פון מלמדות: אַ גמרא־מלמד וועט נישט ווערן קיין חומש-מלמד, דאָס באַטייט דאָך אַ ירידה. זאָל ער צוליב דעם איין „פּויער" זיך אַראָפּלאָזן און ווערן אַ דרדקי־מלמד! איז אים געבליבן איין אויסוועג: שמייסן און פּאָרן, און אולי ירחם — ער קריגט דאָך שכר פאַרן ברעכן די ביינער.

איך בין געווען אַ רך־לב. איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן די עקזעקוציעס. פרייטיק, אין די שעהן, ווען דער רבי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קושמענדערס יינגל, פלעג איך אַרויסגיין אויף נקיות און זיך זאַמען אַזוי לאַנג ווי נאָר מעגלעך.

דער רבי האָט פיל פאַרלאָרן אין מיינע אויגן פאַר זיין שפּילן די ראָלע פון אַ שלעגער, אַ ראָלע, וואָס האָט זיך גאָרנישט געפּאַסט פאַר אים.

*

דער „חדר" האָט געהאַט אַ צוגאָב צום רבין און דאָס איז געווען דער רוסישער לערער. ווי איז געווען זיין נאָמען? די קינדער האָבן אים ביים נאָמען נישט גערופן. ער איז געווען אַ קליינגעוואַקסיקער, אָבער אַן אָנגעגאָסענער ווי אַ פעסל, אַזוי אַז ער איז געווען „ברייטער ווי לענגער", ווי דאָס ווערטל גייט. די יינגלעך תלמידים האָבן אים גערופן „בולקע". זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין קומען אין חדר אויף אַ שעה אָדער צוויי און לערנען מיט חדר־יינגלעך רוסיש לייענען און שרייבן און אויך חשבון, אַביסל אַריטמעטיק.

ביידע לימודים האָבן זיך מיר געגעבן זייער לייכט. רוסיש איז מיר נישט געווען פרעמד. איך האָב געקאָנט פאַרשטיין די „ערלים", די פאַראַבקעס אין זיידנס הויף, און זיי האָבן גערעדט אַ לשון, וואָס איז געווען זייער ענלעך צום ביכלשן רוסיש וואָס „בולקע" האָט מיך געלערנט. אָבער ממש פאַרליבט בין איך געווען אין חשבון. איך האָב זיך לייכט אויסגעלערנט צוזאַמענשטעלן אַ כפל־טאַבעלע, וואָס איז דערגאַנגען ביז הונדערט. די ציפערן זענען געווען אויסגעשטעלט אַזוי, אַז אַן רעכענען האָט מען גלייך געקראָגן דעם ריכטיקן ענטפער. אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן, איז אַ קוק טאָן אויפן נומער אין דער האָריזאָנטאַלער און ווערטיקאַלער ליניע און אין דעם פונקט, וווּ אָט־די צוויי האָקן זיך איבער, איז געשטאַנען דער ענטפער. ווען איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, האָב איך אַוועקגעשטעלט לעבן בעט אַ שטול און אויף אים, אויפן גוזעס־פּלאַץ, האָב איך „געלייזט" אַריטמעטישע „פּראָבלעמען", אויפגאַבעס (זאַדאַטשעס) פון אַ ביכל מיטן נאָמען דער „אויפגעבער" (זאַדאַטשניק).

מיט צוויי יאָר צוריק. איך בין נאָך אין „חדר" נישט געגאַנגען, פלעג איך אָבער גיין באַגעגענען וועלפקען, ווען יענער קומט אַרויס פון אַבאַ׳ס, דעם שטרויענעם קאָזאַקס „חדר". איך באַגעגען וועלפקעס חברים, זיי גייען עסן וואַרעמעס.

— ווּ איז מיין ברודער?

— „בולקע" האָט אים פאַרהאַלטן, אָפּגעשטעלט אָן וואַרעמעס פאַר אַ שטראָף.

— אַזוי גאָר? — בין איך פאַרחידושט.

די יינגלעך ריידן מיך אָן, איך זאָל אַריין אין „חדר", ווּ בולקע לערנט איצט מיט אַ צווייטן קלאַס, און צוגיין צום לערער און זאָגן צו אים בזה הלשון:

— „בולקע, פאַרוואָס לאָזט איר נישט מיין ברודער, וועלפקען, גיין עסן"? און דאָס וועט העלפן און ער וועט וועלפקען באַפרייען.

וואָס טוט מען נישט פאַר אַן אייגענעם ברודער?! איך האָב נישט געוווּסט, אַז „בולקע" איז אַ צונאָמעניש, טוּ איך וואָס די יינגלעך הייסן מיך.

איך בין אַריין און האָב זיך געווענדט מיט דער פראַגע צום לערער און אים אָנגערופן „בולקע".

דער לערער איז געוואָרן רויט ווי אַ בוראַק. דער „קלאַס" האָט זיך געשטיקט מיט געלעכטער. די תלמידים האָבן דערלעבט אַ נקמה אין פאַרהאַסטן לערער.

איך האָב גלייך געגומען חושד זיין, אַז איך האָב דאָ עפּעס אָפּגעטאָן אַ שרעקלעכע

זאַך. הגם איך האָב נישט געקענט באַגרייפן, וואָס דאָס איז געווען. אַ דערשראָקענער בין איך אַרויסגעלאָפן פון חדר און אַוועק אַהיים.

אין אַ שעה אַרום, איך זע „בולקע" איז דאָ. ער האָט מיך פאַרמסרט פאַרן טאַטן; ס'טייטשט, איך האָב אים מבייש געווען פאַר אַ גאַנצן קלאַס ייִנגלעך.

דער טאַטע האָט מיר אַפילו נישט אויסגערעדט. ער איז געווען זיכער, אַז איך האָב עס געטאָן אין פולער אומשולדיקייט, ווי די זאַך איז טאַקע געווען, אָבער מיר, ווען איך האָב זיך דערוווסט, וואָס איך האָב אין מיין תמימות אָפּגעטאָן, האָט מיין האַנדלונג שטאַרק פאַרדראָסן; איך האָב פאַרשעמט אַ לערער, וואָס איז אַ חצי־רבי.

נאָך אָט־דעם דורכפאַל בין איך געוואָרן פאָרזיכטיק. איך האָב גענומען טראַכטן, אַז מען דאַרף נישט אויספּאָלגן אַלץ, וואָס די עלטערע ייִנגלעך הייסן אָדער ראַטן מיר צו טאָן.

*

וועלפקע איז אַוועק מיט דער אלמנהס ייִנגל, וואָס איז געווען אין זיינע יאָרן; איך בין אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ קעלבל נאָך אַ קו, צום טייך, ריכטיקער, צו דער בריק, וואָס איז געהאָנגען אויף קייטן איבערן טייך נעטטא. דאָרטן איז געווען אַ קאַנאַל. דער טייך איז פון איין זייט בריק געווען אויף דער פלאַך מיט דעם ערד־ניוואָ, אויף דער צווייטער זייט איז ער געפלאָסן אין אַ טיפן טאָל, דער אַראָפּזינק איז געווען אפשר פון אַ הונדערט פוס. ווען נישט די בריק און די שליוזעס, וואָלט דאָ געווען אַ היפּשער וואַסערפאַל. אַז עס פלעגן אָנקומען פליטן און זיך דערנענטערן צו דער בריק, האָט מען אָנגעפילט דעם קאַנאַל מיט וואַסער אַזוי, אַז עס איז געווען אויף איין פלאַך מיטן טייך. מען האָט אַריינגעלאָזט די פליטן אין קאַנאַל און מ'האָט בהדרגה געלאָזט אַרויס־פליסן דאָס וואַסער, ביז דער וואַסערשפּיגל האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן טייך אין טאָל. איצט האָט מען געעפנט די שליוזעס־טויערן, אַרויסגעלאָזט די פליטן און זיי זענען אַוועקגעשווומען בשלום.

*

איך בין געווען אַ גאָר שוואַכער עסער. קוים מיט צרות האָט מען ביי מיר געפּועלט איך זאָל כאָטש אויסטרינקען אַ האַלב גלאָז מילך איידער איך גיי אַוועק אין „חדר".

כדי איך זאָל אינגאַנצן נישט פאַרחלשט ווערן, האָט מען מיר מיטגעגעבן אין „חדר" אַריין אַמאָל אַ גאַנצן פּיאַטאָק, פינף קאָפּיקעס, אַמאָל בלויז אַ פּייעם, איך זאָל האָבן פאַרוואָס צו קויפן עסנוואַרג און אַ נאַשוואַרג.

איך בין אַוועק אינדערפרי אין חדר, גאָר אָן באַגאַזש. איך דאַרף נישט טראָגן מיט זיך קיין ספרים; דער סידור, תנ"ך און גמרא לאָז איך איבער אין „חדר" אַריינגערוקט אין דעם שול־בענקל.

עס איז אַ שײנער זומערדיקער יריד־טאָג. אָן אַ שיר פורן אָנגעשטעלט אויפן מאַרקפּלאַץ. די פערד אויסגעשפּאַנט, די האָלאָבליעס אויפגעהויבן; זײ זעען אויס ווי צווייגלאָזע אויסגעטריקנטע ביימלעך. דער מאַרק שווימלט מיט גויים און מיט ייִדן. מיט שווערקייט שנייד איך מיר דורך אַ שטעג אין קאָכעדיקן זידנדיקן מענטשן־ים.

איך האַלט דעם פּייעם פאַרקוועטשט אין האַנט, ער זאָל נישט אַרויספאַלן און פאַרלאָרן ווערן אין דעמדאָזיקן הוהאַ. איך טראַכט, וואָס זאָל איך קויפן פאַר מיין געלט, איך האָב באַשלאָסן דאָס מאָל נישט צו קויפן קיין נאַשעריי, נאָר עפּעס צום עסן.

איך גיי פאַרביי אַ שרענגע שטייערקעס, מאַרק־ייִדענעס מיט זייערע טישלעך; אויף די טישלעך כל־טוב. איך שטעל זיך אָפּ, באַטראַכט די נאַשערייען, די פרוכטן, די פאַרשיידענע יאַגדעס. שווער בייצושטיין דעם נסיון און זיך האַלטן ביי מיין באַשלוס. איך קווענקל זיך: וואָס זאָל איך אויסקלייבן? זאָל איך נאָכגעבן דעם יצר־הרע און קויפן אַ נאַשעריי? ניין, איך וועל אים נישט נאָכגעבן. מיין אויג פאַלט אויף די קעזלעך. אַ ווילדע מציאה: אַ פּייעם אַ שטיק. איך בין אַ בקי אין די פרייזן. איך בין דאָך אַ געניטער שטענדיקער קויפער; אַזאַ מציאה גדולה וועל איך נישט דורכלאָזן — איך קויף אַ קעזל.

אין „חדר" ווייז איך מיין בחצי־חינם איינגעהאַנדלטע שטיקל סחורה די חברים. אַלע באַוואונדערן מיין קניה. אייניקע פון די חדר־ייִנגלעך פרעגן מיך פאַנאַנדער, ווו איך האָב עס געקויפט, זיי וואָלטן אויך זיין בעלנים כאַפּן אַזאַ מציאה. אָבער פאַרלאָזן דעם „חדר" אויף אַזאַ לאַנגער צייט, וואָס וואָלט נעמען דאָס גיין, אפילו דאָס לויפן, אַהין און קומען צוריק, דאָס קענען זיי נישט טאָן. ווייטער זענען זיי גאָר נישט זיכער, אַז די קעזלעך האָט מען שוין נישט אויספאַרקויפט. עס איז דאָך אַ „יריד" מיט אַזויפיל אָנגעפאָרענע קונים.

איך עס מיין קעזל. אייגנטלעך האָב איך עס בלויז פאַרזוכט. עסן האָב איך עס נישט געקענט. גלייך נאָך די ערשטע ביסנס האָב איך זיך דערפילט איבערזעטיקט. איך קוק אויפן קעזל, וואָס איך האַלט אין האַנט, און קלער: וואָס זאָל איך טאָן מיט אים? מער עסן קאָן איך נישט. ברענגען אים מיט זיך אַהיים פון חדר האָט קיין זינען נישט. עס פעלט דען וואָס צו עסן אין הויז? און די מאַמע וועט זיכער אָנשרייען אויף מיר, הלמאי איך האָב געקויפט עפּעס צום עסן און עס דאָס נישט. אַרויסוואַרפן? מע טאָר נישט מבזה זיין גאָטס גאָב, און איך וועל עובר זיין אויף בל־תשחית. בלייבט פאַר מיר אָפּן איין איינציקער אויסוועג: זיך טיילן מיט חברים. איך צעטייל דאָס קעזל אויף פיר גלייכע חלקים. די ערשטע פאַרציע קריגט ניסל. אַלע פיר חברים עסן די חלקים פון קעזל און פאַסמאַקעווען זיך, האָבן שטאַרק הנאה פון דער אכילה און גיבן מיר אַ צוזאָג, אַז ווען זיי וועלן קויפן קעזלעך, וועלן זיי זיך מיט מיר אַזוי חבריש טיילן ווי איך מיט זיי. מידה כנגד מידה.

*

דער טאַטע האָט פונקט צו דער צייט באַדאַרפט גיין מיט אַ באַזוך צום מיליטערישן דאָקטער. מיין פאָטער, ווי אַלע רבנים אין שטעט און שטעטלעך, האָט זיך פאַרנומען,

צווישן אַ סך אַנדערע צרכי־ציבור באַשעפטיקונגען, מיט אַרויסראַטעווען וויל־קענעוודיקע יונגעלייט פון „יוונישע“ הענט. ער האָט נישט דערלאָזן, אַז אַ בחור אַ לערנער זאָל אָפּגעריסן ווערן פון תורה־לערנען און אַוועקגיין „דינען דעם קייסער“ און פּטרן דריי יאָר אויף מיליטערדינסט. אַרויסנעמען פון זעלנערײַ איינעם נאָכדעם ווי ער איז שוין אין געוואַנט, אויף סלוזשבע, האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע מעלה; זײַן ניצול ווערן האָט קיין אַנדער יידן קיין שאָדן נישט גורם געווען. יעדעס שטעטל האָט געמוזט צושטעלן אַ באַשטימטע קוואָטע רעקרוטן. לכן, אַז מען האָט, דורך אונטערקויפן די דאָקטוירים און דעם הויפּט־באַאַמטן, באַפרייט איין יידן, האָט אַן אַנדערער געמוזט גיין אויף זײַן פּלאַץ. אַזוי איז פון דער טובה פאַר איינעם אַרויסגעקומען אַ רעה פאַרן צווייטן. נגידישע קינדער האָבן זיך באַפרייט מיט דער הילף פון שוחד־געבן. אָרעמע לערנערס האָט מען באַפרייט אויפן זעלביקן שטייגער. פרומע יידן פלעגן זיך צונויפלייגן און שאַפן די נייטיקע סומעס, אַזוי אַז די לעכער אין דער קוואָטע האָט מען פאַרשטעקט מיט אָרעמע בחורים און עם־הארצים.

מיין פאָטער האָט דעריבער אַזוי געהאַנדלט: מע טאָר נישט זיין קיין גוטער אויף יענעמס חשבון. וואָס ער האָט גערן געטאָן, איז אַרויסנעמען אַ לערנער פון פּאָלק; דאָס איז געווען אַ כשרע זאַך לכל הדעות. קיינער, דאָס הייסט, קיין אַנדער יידישער יונגערמאַן, האָט פון דעם נישט געליטן. מיין פאָטער האָט מיט דערדאָזיקער מצווה פון „פדיון שבויים“ זיך אָפּגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט לייב און לעבן. ווען עס איז געווען אַ ריזיקע דער־ביי האָט ער עס סיי ווי געטאָן און זיך גרינג געמאַכט דאָס האַרץ מיט דער פאַרזיכערונג: די שטאָט וועט נישט דערלאָזן מע זאָל מיך פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע אין סיביר.

די אַרויסראַטעוואונג־פּראָצעדור איז געווען אַ פשוטע. דער רעקרוט סימולירט אַ חולאת און פאַרלאַנגט, אַז דער פּאָלק־דאָקטער זאָל אים אונטער זוכן. דעם הויפּט־דאָקטער גיט מען אין יד־אַריין פאַר דער אונטער־זוכונג און ער טאַפּט שוין אָן די קראַנקייט... דער נוסח, וואָס דער רב, ר׳ יהודה לייב, האָט אין אַזעלכע פאַלן געברויכט, איז געווען אַ באַשטימטער און איינפאַכער:

„איך בעט אייך, דאָקטער, טוט פאַרן רעקרוט־חולה אַלץ, וואָס איר קענט טאָן אין די גרענעצן פון געזעץ“ (וו׳פּרעדיעלאַך זאַקאָנא). אָבער סיי די גרענעצן און סיי דאָס געזעץ זענען געווען עלאַסטיש; זיי האָבן זיך געלאָזט ציען ווי גומע, ווען דעם דאָקטער האָט עס געלוינט.

די באַגעגענישן פון רב מיטן רעגימענט־הויפּטדאָקטער זענען תמיד פאָרגעקומען אין געהיים, ביי נאַכט, שפּעטלעך, און ביים דאָקטער צו־הויז. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען בעסער, ווען אַ תירוץ פאַר דעם ביינאַכטיקן וויזיט איז געלעגן אין קעשענע אַ פאַרטיקער. מיין קראַנקהייט האָט איצט געדינט פאַר דעם אויסרייד. דעם מיליטערישן דאָקטער האָט מען געהאַלטן פאַר אַ גוטן רופא. הגם אין שטעטל צו ציווילע קראַנקע האָט מען אים זעלטן גערופן, און מעגלעך, אַז ער וואָלט גאָרנישט וועלן גיין.

ר׳ יהודה לייב האָט מיגנענומען מיך, זיין בן, און איז אַוועק צום דאָקטער.

הגם איך בין דאָך געגאַנגען מיטן פאָטער, בין איך פאָרט געווען אַן איבערגע־

שראָקענער, ווען איך האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער רייך־מעבלירטן זאַל פון דאָקטער, ווו דער פאָטער האָט מיך איבערגעלאָזן, און זיך מתיחד געווען מיטן דאָקטער אין אַ חדר־מיוחד.

דער זאַל האָט פאַרכאַפּט אַן אויג. ער איז געווען באין־ערך שענער ווי דער זאַל, אין וועלכן מיר האָבן געקרוינט משהקען פאַר אַ קעניג. אַפילו דאָקטער גאָלדבערגס דירה האָט אויסגעזען נעבעכדיק אין פאַרגלייך מיט דערדאָזיקער אויסגעפּוצטער רחבות. אויף די ווענט זענען געהאָנגען אַזעלכע גרויסע שפּיגלען, אַז לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז דער זאַל האָט נאָך אַ זאַל. איך בין געווען איבערוועלטיקט פון גלאַנץ און ציר אַזוי, אַז איך האָב ממש מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן פון שטול, אויף וועלכן דער פאָטער האָט מיר אַנגעוויזן זיך צו זעצן. די טעפּיכער אויפן דיל זענען געווען אַזעלכע דיקע און ווייכע, אַז מיין טראָט ביים אַריינגיין און צוגיין צום שטול איז אינגאַנצן פאַרדושעט געוואָרן, און דאָס נישט הערן מיין אייגענעם טראָט האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן, ממש, אַ פּחד.

*

1896. אין אמת טיפן טרויער האָט זיך דעם רבס הויז איינגעוויקלט, ווען עס איז אָנגעקומען ד ידיעה, אַז ר׳ יצחק אלחנן ספּעקטאָר, דער קאָוונער רב, איז נפטר געוואָרן. איך האָב געזען דעם פאָטער וויינען מיט זודיקע טרערן, אַ זאַך, וואָס איך האָב ביי אים באַאָבאַכט בלויז ערב יום־כיפּור פאַרנאַכט ביים בענטשן די קינדער. די מאַמע איז אויך געווען אַ פאַרטרויערטע און אַ פאַרוויינטע, ווי עס וואָלט געשטאָרבן איינער פון אונדזער אייגענער משפּחה.

איך האָב געוווּסט, אַז ר׳ יצחק אלחנן איז געווען אַ גרויסער גאון. עפּעס אַ מין אַלגעמיינער יידישער טאַטע. מיין פאָטער, ר׳ יהודה לייב, איז געווען אין קאָוונע מיט אַ באַזוך ביי ר׳ יצחק אלחנן און אַז ער איז געקומען צוריק, האָט ער פיל גערעדט פון אים, פון גאון, און פון דער האַרציקער אויפנאַמע, וואָס ער האָט אים געשאָנקען.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז געווען אַ טריקעניש, שיר נישט דערגאַנגען צו אַ הונגער; אַז עס איז געקומען דער יום־טוב פּסח, האָבן די אָרעמע לייט נישט געהאַט וואָס צו עסן, נישט געווען גענוג מצה.

ביי אונדז אין הויז איז קיינמאָל נישט געווען קיין דוחק אין מצה. דער זיידע, ר׳ סענדער, האָט יעדעס יאָר צוגעשיקט מצה־מעל, אי מצה־פאַרפעלעך און דערצו דריי פּ״ד מצה שמורה. ר׳ סענדער האָט אַליין אַכטונג געגעבן אויפן ווייץ בשעתן שניידן, בינדן אין גאַרבן און טריקענען און דערנאָך מאָלן עס און באַקן. מיר האָבן געהאַט מצה די והותר. מיר האָבן פאַרטיילט מצה שמורה צו די ערשטע סדרים אַלע באַלע־באַטים, וואָס האָבן עס נאָר געבעטן, אָדער אפילו נישט געבעטן בפירוש, נאָר בלויז צוגעשיקט כיבוד יום־טוב אין דער פאָרם פון געלט, וויין און טאָרטן. דורך דעם אייגענעם שליח האָבן מיר צוריקגעשיקט צו טעלעכע מצות שמורה, און נאָך די אַלע פאַרטיילענישן האָט געקלעקט מצה פאַר די קינדער אויף אַ גאַנצן יאָר.

אָבער די אָרעמעלייט אין שטעטל האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן, אַזוי האָב איך געהערט איבעררײדן אין הויז. דער פאָטער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח, האָט פיל נאָכגעטראַכט און „געשריבן תורה" און לסוף אַרויסגעקומען מיט אַ היתר אויף קוקורוזע־מעל און אַרבעס.

ביי שיינע יהודית'ן אין שטוב האָט מען זיך געפרייט, ווען זיי האָבן זיך דער־וווּסט וועגן היתר. זיי האָבן געהאַט אַ פולן שפייכלער מיט קוקורוזע, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט פון ערגעץ ווייט. זיי האָבן געהאָפט עס איינגאַנצן צו פאַרקויפן פאַר געהעכערטע פרייזן און כאַפּן אַ גוטן פאַרדינסט.

אָבער ר' יהודה לייב האָט נישט געוואָלט שטעלן אויף זיך, נעמען די פולע אחריות פאַרן היתר; האָט ער וועגן דעם צוגעשיקט אַ שאלה־ותשובה צו ר' יצחק אלחנן און האָט געקראָגן פון אים אַ צושטים־ענטפער.

דער ענטפער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ וויכטיקער געשעעניש אין אונדזער הויז. ר' יצחק אלחנן האָט אין זיין ענטפער שטאַרק גערימט ר' יהודה לייבס לומדות, חריפות און בקיאות אַזוי, אַז דער בריוו האָט היפּש געהויבן דעם רבס פּרעסטיזש אין שטעטל אויף צעפּיקעניש זיינע קעגנערס. ר' יצחק אלחנן'ס בריוו האָט מען באַוויזן אין שטעטל צו די לומדים און צו די באַלעבאַטים חשובים. איך האָב אויך געזען דעם בריוו. איך האָב באַוווּנדערט די גאָר שלעכטע האַנטשריפט פון גאון. אָנשטאָט אותיות — קאָטשערעס און פּאַמעלעס. איך האָב געהאַט אַ שיינעם כתב; שיין שרייבן האָט מיך געלערנט חיים קוקוריקו, און דער זיידע און באָבע האָבן זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן פון די בריוו, וואָס איך האָב זיי געשריבן; דאָס מיינט, איבערגעשריבן פון דעם, וואָס די מאַמע האָט פאַר מיר אָנגעשריבן. צוויי מאָל אַ יאָר, ערב פסח און ערב ראש השנה. איך האָב געמיינט, אַז אַ גאון דאַרף קענען שיין שרייבן.

*

אין שטעטל אוגוסטאָוו איז געשטאַנען, אין קאַזאַרמעס ספּעציעל אויסגעבויטע פאַר דעם צוועק, אַ גרויסער גאַרניזאָן, אַ דיוויזיע, אין וועלכער עס גייען אַריין פיר רעגימענטן.

אין גאַרניזאָן האָט זיך געפונען נישט קיין קליינע צאָל ייִדן־זעלנער, האָט מען זיי גענומען ווי אורחים אויף שבת און יום־טוב. אַנדערע פון זיי זענען געוואָרן איינגייערס אין ייִדישע באַלעבאַטישע הייזער. האָט זיך פאַרלאָפן אַזאַ געשיכטע: אַ זעלנער האָט בשעת אַ שמחה'לע אין איינעם פון די הייזער פון די „שווידאַקעס" גענומען אַ רינגל און האָט עס אָנגעטאָן אויף דעם פינגער פון אַ מיידל, אַ בגרות, און האָט דערביי געזאָגט די צויבער „ווערטער": „הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל", אין דעם דערבייזייך פון עטלעכע חברים סאָלדאַטן, ווי עדות.

אַ „שווידאַק" האָט געמיינט, איינער, וואָס גייט אַוועק אויף אַ צאָל חדשים אין יאָר קיין שוועדן פּעדלען. אַזעלכע זענען אין אוגוסטאָוו געווען עטלעכע משפחות, און אַלע גאַנץ באַלעבאַטיש פאַרמעגלעך.

דאָס שטעטל איז אַוועק כּאַדאַראַם. קינד און קייט האָט געערדט פון דעם פאַל. דעם מיידלס מאַמע האָט געקלאָגט און געוויינט; דער טאַטע, דער שווייִדאַק, איז נישט געווען אינדערהיים. אָבער מע האָט אים געלאָזט וויסן און ער איז הענדום־פּענדום געקומען פון שוועדן. דער שידוך האָט זיי גאַרנישט געשמעקט. וואָס טוט מען? איז מען געקומען צולויפן צום רב, ער זאָל זיי אַרויסראַטעווען פון אומגליק, פון דער חרפה און בושה. די טאָכטער איז געווען אַ בת־יחידה און דער זעלנער אַ פּראָסטער גראָבער יונג, פון פּראָסטע עלטערן אין אָדעס.

אין שטעטל האָט געקאָכט מיט דער פאַרלויפעניש. מע האָט מורא געהאַט אַריינצולאָזן יידישע זעלנער אין די הייזער, ווו עס זענען געווען דערוואַקסענע מיידלעך.

איך האָב געוווּסט וועגן אַלע איינצלהייטן פון דער געשעעניש. איך בין געווען שטאָלץ מיטן באַוווּסטזיין, וואָס בלויז מיין טאַטע קען ראַטעווען די סיטואַציע.

מע האָט דעם זעלנער אָנגעבאָטן געלט, אַז ער זאָל צושטימען צו געבן דעם מיידל אַ גט. ער האָט דעם אָנבאָט אָפּגעוואָרפן. ווייטער: ווען ער זאָל איר געבן אַ גט, וואָלט זי דאָך שוין געקראָגן דעם סטאַטוס און נאָמען פון אַ גרושה, און וועלכער באַלעבאַטישער בחור וועט וועלן חתונה האָבן מיט אַ גרושה! וועט זי דאַרפן, גאָט באַהיט, דאַרפן זיצן ביזן גרויען צאָפּ, אָדער חתונה האָבן מיט אַ גרוש אָדער גאָר מיט אַן אלמן. הכלל, דער אומגליק איז געווען גרויס און נישט קלענער איז געווען דער בזיון.

בלויז איינער האָט זיי געקענט מציל זיין און דאָס איז געווען דער רב, דער מרא דאתרא.

האָט דער טאַטע זיך פאַרשלאָסן אין בית־דין־שטיבל, ער האָט נאָכגעקוקט אַ סך ספרים און ער האָט „געשריבן תורה", אָנגעשריבן אַ גאַנצע שאלה ותשובה. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אַנולירט, מבטל געווען די קידושין דורך דעם איינפאַל פון פסלען די זעלנער־עדות. מע האָט זיי געזען רויכערן אום שבת, הייסט עס, זיי האָבן מחלל שבת געווען בפרהסיה, זיי האָבן געגעסן טריפות פון רעגימענטס קעסל און זענען געווען אויסגעלאַסענע יונגען.

אָבער ווידער דאָס אייגענע: דער רב האָט אויף זיך אַליין נישט געוואָלט שטעלן. האָט ער זיין שאלה ותשובה, דאָס הייסט, זיין פסק־דין פון קידושין־ביטול, אָפּגעשיקט צו ר' יצחק אלחנן. און ס'איז דאָס מאָל ווידער געקומען אַ הסכם־ענטפער אַדרעסירט צום רב מיט אַ גאַר געהויבענער טיטל־ווענדונג: הרב הגאון ה"ג, וואָס לייענט זיך „הגדול", אַ קאַפּיטשקע אָפּגעדונגען, דאָס האָט ווייניקער באַטייט, ווי ווען דאָס וואָרט „הגדול" שטייט אָנגעשריבן פול. אַזוי, אַז ר' יצחק אלחנן איז געוואָרן דער באַשיצער און באַשירעמער פון יונגען רב. ר' יהודה לייב האָט געקראָגן פון גדול הדור פולע אָנערקענונג.

איך, ווי יונג איך בין נישט געווען, האָב זיך שוין פונאַנדערגעקליבן אין דער רבנישער היעראַרכיע.

בקיצור, ר' יצחק אלחנן איז ביי מיר געווען פאַררעכנט שיִר נישט ווי אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע, ווי אַ מין גייסטיקער זיידע מיינער, און איך האָב טיף געטרויערט אויף זיין פטירה. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געגאַנגען אַ פאַרטרויערטער, אַ שרוי

בצער, אין בית־המדרש הערן ווי דער פאָטער וועט מספּיד זיין דעם אָפּגעשיידטן גדול הדור. דער בית־המדרש איז געווען געפּאַקט. אויך די ווייבער־שול איז געווען אָנגעפּראָפּט. נישט בלויז ווייבער, אפילו מיידלעך זענען געקומען. ר׳ יהודה לייב האָט געהאַלטן דעם הספד; דער עולם האָט געוויינט, די ווייבער האָבן געקלאָגט און מיט זיי איך, און נאָכן וויינען האָב איך זיך דערפילט דערלויטערט, ווי אַ הימל־בלוי נאָך אַ רעגן.

*

איך בין צוגאָסט ביי דעם זיידן.

— אַ יונגערמאַן איז געקומען. ער האָט געבראַכט אַ בריוו פון דער מאַמען. ער קומט אַזש פון אוגוסטאָוו.

די באָבע איז געווען פאַרעוסקט און פאַרדאגהט: ווי וועט זי זיך ספּראַווען; אַזוי פיל זאַכן צו באַזאָרגן און מ׳דאַרף אין אַ שעה צוויי שוין בענטשן ליכט און זיך „אויספּוצן" לכבוד יום־טוב.

— גיי שוין, גיי, וואָס האָסטו אויסגעטראַכט? — זי רייבט זיך די הענט, ווישט זיי אָפּ אָן פאַרטעך, זיי זאָלן זיין כאָטש טרוקן און כאַפּט־אַרויף אַ געבלימלט טיכל אויפן קאָפּ.

— נישט אויסגעטראַכט. ער שטייט אין דרויסן ביים גאַנעק.

די באָבע גייט מיר נאָך.

דער יונגערמאַן דערלאַנגט דעם בריוו.

איך לייען אים פאַר דער באָבען.

דער בריוו איז קורץ. הפּנים געשריבן אין איילעניש. עס זאָגט זיך אין אים, אַז זיי קלייבן זיך אַריבער פון אוגוסטאָוו קיין אָסטראָוו, לאָמזער גובערניע. דאָס איז אַ גרויסע שטאָט און אויך אַ געהויבענערע רבנות־שטעלע.

*

מיך האָט דער פאָטער געבראַכט קיין אָסטראָוו.

איך האָב דערזען פאַר זיך גאָר אַנדערע יידן. זיי זענען נישט געווען ענלעך צו די, וואָס איך האָב געקענט אין אוגוסטאָוו; זיי האָבן גערעדט אַנדערש, זיי זענען געווען אַנדערש געקליידט. אָבער ווי באַלד דער טאַטע איז ביי זיי רב, הייסט דאָך עס, אַז זיי זענען עכטע יידן, אמתע יידן. אָבער זיי האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען זייער משונה: זיי זענען געווען אַזעלכע אָפּגעלאָזענע, פאַרוואַקסענע מיט ווילדע צעקלאַטשעטע בערד און נאָך ווילדערע פּיאות און אַלע זענען זיי פאַרשליומפּערטע, פאַרזשאַווערטע, פאַרמורזשעטע.

אָבער טשיקאַווע: לויט ווי איך זע און פאַרשטיי עס, קוועלט דער טאַטע דווקא אָן פון אָט־די מאָדנע יידן. זיי טלאָטשען זיך כסדר ביי אונדז אין הויז; זיי קומען און גייען; די טיר מאַכט זיך נישט צו. הפּנים, זיי נייטיקן זיך כסדר אין מיין טאַטן, אין

זיינע עצות; זיי זענען זייער פרומע יידן, אַזוי זאָגט מיר די מאַמע, און דער־בער געפעלן זיי אַזוי דעם טאַטן.

אָבער מיר געפעלן זיי שוין גאָר נישט. ווי אַזוי זאָלן זיי מיר געפעלן ווען איך געפעל זיי נישט. זיי קוקן אויף מיר קרום, שפּיזלען מיך מיט די אויגן און רופן מיך „דייטש״.

איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי און מיט וואָס בין איך, אַ יידיש יינגל פון נישטאַנישעק, מיכאַלישעק, אוגוסטאָוו, אינמיטן דערינען געוואָרן גאָר אַ „דייטש״; אַז מע ווערט געבוירן „יידיש״ אין אַ רב׳ס אַ שטוב, קען מען דען ווערן עפּעס אַנדער־ש? ווי שיקט זיך עס? איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קענען זיי אויסטראַכטן אויף מיר אַזאַ מאָדנעם בלבול.

איך גיי אַרויס אין גאַס — די יינגלעך פון מיין עלטער ווייכן פון מיר, קוקן מיך אָן, ווי איך וואָלט געווען אַ פאַרזעעניש. זיי טראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס; די פּאָלעס פּלאָנטערן זיך צווישן די פיס, זיי זענען זיכער אַ שטער צום לויפן שנעל; אויף די קעפּ אַזעלכע מיתה־משונהדיקע היטלען מיט דענקעס. איך פיל זיך זייער אומהיימלעך אין גאַס, זיך איך שוין בעסער אין שטוב און ווייז זיך נישט פאַר קיינעם; איך שעם זיך מיט מיין „הילוך״.


די מאַמע האָט שוין געשיקט רופן אַ שניידער. ער האָט גענומען מיין מאָס און אין אַ פּאָר טעג וועל איך שוין האָבן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, ווי אַלע. איך וויל נישט זיין אַנדערש פון אַלעמען, אַז מע זאָל אויף מיר טיקען מיט די פינגער. איך וועל זיך אויך פאַרלאָזן פיאות, וועט מען אויפהערן קוקן אויף מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ סטראַשידלע.

מע האָט מיך אויסגעשטאָט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אָנגעטאָן אַ לאַנגן טלית־קטן, אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ טשיקאָווען היטעלע. איך גיב אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל — אסור צי איך קאָן זיך דערקענען. איך טראַכט: ניט איך אַליין האָב זיך געביטן; דער עלטערער ברודער, וועלפקע, האָט זיך דאָך אויך געביטן. גוט איז די שוועסטער, זיי זענען געבליבן די זעלביקע.

*

אוגוסטאָוו האָט געהאַט אַ היפּשע צאָל משכילים. אין שטאָט איז געווען אַ העברעישע און יידישע ביבליאָטעק; אפילו צוויי שרייבערס האָט די שטאָט פאַרמאָגט. איינער, מיטן נאָמען פרענקעל, איז געווען אַ שניטקרעמער, געהאַט זיין שטאָט אין מזרח־וואַנט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּילשורה׳קע פּאָעמע אין העברעיש, אין וועלכער ער מאַכט חוזק פון אַ פאַנאַטישן רב, וואָס איז זיך מפלפל וועגן דעם זאַץ אין גמרא „נפל מראש הגג ונתקע באשה״. דער צווייטער, שפּערלינג, איז געווען דער געהילף פון קאַזיאָנעם רב, געפירט די ביכער פון די מעטריקעס, פאַרשריבן חתונות, בריתן און גטן און האָט איבערגעזעצט אויף העברעיש פון פראַנצויזיש זשול ווערנס (1828—1905) אוטאָפּיע אונטערן נאָמען „במצולות־ים״, אין וועלכן דער מחבר באַשרייבט, זאָגט פאָרויס דעם אָנקום פון אַ אונטערוואַסער־שיף.

אבא גאָרדין



אבא גאָרדין איז געבוירן געוואָרן אין 1887. זיין פאָטער, ר׳ יהודה לייב, אַ באַוווסטער רב, אַ גאון אין תורה און אַ משכיל.

אין יאָר 1905—1906 נעמט אבא גאָרדין אָנ־טייל אין דער רוסישער רעוואָלוציע און ווערט אַרעסטירט. אין 1908 גרינדעט ער (צוזאַמען מיט זיין ברודער וו. גאָרדין) אַ חדר מתוקן „עבריה״ אין סמאָרגאָן, ווו עס ווערן געמאַכט אינטערעסאַנטע פעדאַגאָגישע עקספּערימענטן. אין 1917 באַטיי־ליקט ער זיך אין דער אָקטאָבער־איבערקערעניש אין מאָסקווע און ווערט שווער פאַרווונדעט. ער רעדאַקטירט די טעגלעכע צייטונג „אַנאַרכיאַ״ (רו־סיש), באַקעמפט דעם באָלשעוויזם. ער ווערט פאַר־משפּט צום טויט פון טשעקאַ. לענין ראַטעוועט אים אַ שעה פאַרן דערשאָסן ווערן. ער פאַרלאָזט רוס־לאַנד אומלעגאַל. דורך מאַנדזשוריע, כינע, יאַפּאַן קומט ער אָן אין 1926 אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ער שרייבט העברעאיש, יידיש, ענגליש און רוסיש. באַטייליקט זיך אין אַ צאָל צייטשריפטן, צווישן זיי: „יידישער קעמפער״, „צוקונפט״, „הדואר״, „מבוע״, „מגילות״, „ספר השנה״, „רעפלעקס״ (ענגליש), „באַפרייאונג״ (רוסיש). אין די יאָרן 1941—1946 רעדאַקטירט ער „יידישע שריפטן״. אין 1948—1950 — די פערטל־יאָריקע שריפט „פּראָבלעמס״ (ענגליש). זיינע ווערק:

גן תיאטרוני, מסדרת הילדים, אלפון משחק, יונג־מענטש (דראַמע אין פערזן), ספר הגולה, יידישע גראַמאַטיק, אַ סיסטעם פון מאַטעריעלער און רעלאַטיווער נאַטור־מעסיקייט (רוסיש), די אימיטאַטיווע ראַציאָנעלע מעטאָדע (רוסיש) (אַט־די ווערק צוזאַמען מיטן ברודער וו. גאָרדין).

די בשורה פון איבערפאַרשטאַנד (פּאָעמען, רוסיש), אַנאַרכיע פון גייסט, עגאָטיק (לידער), אונטעראינדיווידואַליזם, צוויי בענד (רוסיש), קאָמוניזם דעמאַסקירט (ענגליש), יידישע עטיק, גרונט־פּרינציפּן פון יידישקייט, די פרוי און די ביבל, יידישער יועלט באַנעם, מאָראַל אין יידישן לעבן, סאָציאַלע אַבערגלויבעריי און קריטיק, די יסודות פון דער געזעלשאַפט, זכרונות און חשבונות, צוויי בענד, דרייסיק יאָר יידיש לעבן אין ליטע־פּוילן, אין געראַנגל פאַר פרייהייט, דענקער און דיכטער, עסייען, יידיש לעבן אין אַמעריקע, ש. יאַנאָווסקי ((ביאָגראַפיע), היסטאָרישער ראָמאַן „משה״.

סוף 1958 באַזעצט ער זיך אין ישראל. רעדאַקטירט אַ צוויי־חודש־שריפט „פּרובלימות — פּראָבלעמען״ (העברעיש—יידיש). דערשינען: בעיות החברה, המהר״ל מפראג, האר״י, רש״י, די לעצטע דריי. געשטאָרבן, אין עלטער פון 77 יאָר, 21.8.1964.

אויפן אַלטן דרך...

פון **אליעזר אראנאווסקי**

בעת ברוך ביילע־דאָבעס איז געגאַנגען איבערן גאַס, האָט מען פון דערווייטן געקענט מיינען, אַז עס גייט אַ מענטש אַן אַ קאָפּ. זיין נאַקן איז געווען אויסגעבויגן, פון זיצן יומם ולילה על התורה ועל העבודה. דער קאָפּ — איינגעוואָקסן האָריזאָנטאַל, ווי די תורה וואָלט אים צוגעצויגן צו זיך מיט איר ליכט, מיט אירע פאַרבאָרגענע שטראַלן אַזוי ווי די זון — דעם פלאַנץ און געוויקס.

דעם יאָך פון חיונה האָט געשלעפּט אויף זיך די גאַנצע יאָרן, פאַרן מאַן מיט די פיר פּיצלעך קינדער, זיין פרוי, ביילע־דאָבע. זי איז געווען אַ כוואַטסקע אידענע; געזונט און פעסט געבויט, האָט זי אַנגעפירט מיט דער בעקעריי. ווען די קינדער זענען אונטערגעוואָקסן האָבן זיי איר גענומען אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט. זייערע געבעקסן האָבן געהאַט אַ שם, איז געווען פרנסה בהרחבה. אין זייער שטוב האָט זיך געפירט א קליינשטעטלדיקע, רייכע באַלעבאַטישקייט.

די דריי שוועסטער האָבן אויסגעזען ווי גוט־אויסגעבאַקענע בולקעס מיט פאַר־ברוינטע בעקלעך. צוויי — שאַטינקעס; די דריטע — אַ ברונעטקע, מיט צוויי שוואַרצע אויגן, ווי קוילן, וואָס האָבן זיך אַריינגעקנאַטן אין דעם טייג און פאַרבליבן אויף אייביק. גליט אין זיי שטענדיק אַזאַ פייער, וואָס באַשיינט איר געזיכט און פאַרשטעלט איר מום. זי איז געווען אַ קאַלעקע אויף אַ פוס. מיט אירע בליקן האָט זי געצוואונגען אַלעמען צו קוקן איר גלייך אין פּנים אַריין און נישט אויף איר אונטערהינקן.

זעלטן ווען מען האָט רב ברוך'ן געזען אין שטוב. זיין אָרט איז געווען אין בית־מדרש. זיין אַריינגאַנג האָט שטענדיק געבראַכט מיט זיך אַן איבערבייט פון דער אַטמאָספערע; אַ גרוס פון אַן אַנדער וועלט — פון תורה און קדושה; פון יראת הבורא, פון מצוות און מעשים טובים. זיין באַגריסונג איז געווען — נאָך אַן אָנשטרענגונג פון פאַררייסן דעם קאָפּ, ווו מען האָט דערזען פאַר זיך אַ פּאָר ווייכע, הימל־בלויע, מילדע אויגן — ברוכים היושבים. ביים עסן, ווען אימיצער איז אַריינגעקומען, איז זיין איינלאַדונג געווען : — מ'בעט מיט־עסן. ווי נישט ער וואָלט געווען דער באַלעבאָס. ווי דאָס אַלץ וואָלט נישט געהערט צו אים און צו זיין הויזגעזינט, נאָר צו דעם וואָס שפּייזט אַלע ברואים און מענטשן אויף דער וועלט. ער — וואָס גיט אים און אַלעמען זיין טעגלעך ברויט; ער, בעט מיט־עסן... דורך זיין מויל, ער איז מער נישט ווי אַ **שליח...**

נחת פון די קינדער, קען מען זאָגן, האָט ער יאָ און נישט געהאַט. זיין עלטסטע טאָכטער, חוה, וועלכע האָט אויסגעזען שטענדיק ווי אַ שבתדיקע חלה .נאָר וואָס פון אויוון אַרויס — ברוין און פריש, וואָס בעט זיך צו מאַכן אַ ברכה — איז יונג געוואָרן אַן אלמנה. איר מאַן, דער רב, איז אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה געשטאָרבן, און קיין קינד אפילו נישט איבערגעלאָזן. איז זי געקומען צוריק צו די עלטערן.

די צווייטע טאָכטער, חנה, האָט קיין מזל נישט געהאַט צו קיין שידוכים. זאָל זיין, אַז איר פּנים בלאַס, אַ נישט דערבאַקענער, ווי דער פלאָם פון אויוון וואָלט ארויסגעצויגן די בלוט פון איס, און איר זויערער שמייכל, ווי אָנגעשמירט מיט אַ לימאָן, האָט אָפּגעשטויסן פון זיך. פאַר דעם איז איר קערפּער געווען שלאַנק, בויגעוו־דיק, פוללעך — מיט אַ ווייצענעם הינטן. אַ גוטע — איינע אין דער וועלט, אַ בריה און אַ טייערע נשמה.

אמת, שוין טאַקע אַ ביסל צו שפּעט — אָבער זי האָט פאָרט אַ מאַן געקראָגן. געוועזן איז ער אַ ישיבה־בחור, רב חיים־זרח, האָט מען אים גערופן. אויסער אָרעמקייט האָט ער אין זיין לעבן גאָרנישט נישט פאַרמאָגט.

מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַזאַ באַלעבאַטישע היים — קיכלעך און טאָרטן אין וואָכעדיקע טעג; ווייסע חלה און בולקע פריש יעדן פרימאָרגן; הייסע קריסטאַלענע גלעזער מיט טיי און וואַרעניע, וואָס דער קייסער מעג עס טרינקען. איז ווי זאָגט מען זיך אָפּ פון אַזאַ היים?

בפרט ער דאַרף נישט דאגהן פאַר חיונה, קען זיך זיצן, ווי דער שווער על התורה ועל העבודה, און צו דער־צו גיט מען נאָך עטלעכע טויזנט דאָלער נדן. אַ חוץ דעם איז ער אויך געווען אַ קנאַפּער פאַרשוין: אַ געלער, מיט אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרינקעלאַך, אָט ווי די קיכל מיט צימערינג באַשאָטן, און די אויגן סקראַפּלדיקע, אויסגעקראָכענע ווייעס, וואַסערדיקע, אויסגעלאָשענע, קוים וואָס זיי זעען. איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך.

עטלעכע מאָנאַט נאָך דער חתונה, און מען קען אים קוים דערקענען. ער האָט זיך אויסגעפּאַשעט, דיקער געוואָרן; דער קאָרג — פעטער, ווי אַ שמאַלציקער רייף; די אויגן — קליינער, טיפער, פאַרזשמורעט, די באַקן שטאַרצן אַרויס, דער פּנים ברייט, קיילעכדיק, ווי אַ רויז פון וועלכן מען האָט אַרויסגענומען די שוואַרצע יאָדרעס. בלויז צוויי אויגן, נישט קיין רייפגעוואָרענע, זענען פאַרבליבן.

שוין עטלעכע יאָר ווי ער האָט חתונה געהאַט, און ער ווייס נאָר איין וועג — פון שטוב אין בית־המדרש און פון בית־מדרש אין שטוב.

ער איז געזעסן און געלערנט איינער אַליין— כאָטש קיין גרויס חשק נישט געהאַט. איינזאַם, עלנט, בענק און סטענדערס, אַ הילצערנע שטומקייט אַ גאַנצן טאָג. זיין ניגון ווערט פאַרלאָרן אין חלל, ווי געגאָסן וואַסער אין אַ רינענדיקן עמער... אין ישיבה האָט זיין ניגון זיך פאַרפלאָכטן מיט נאָך צענדליקער ניגונים פון הייסע, צאַפּלדיקע, ישיבה־לייט און עס איז געוואָרן אַ שירה — אַ געזאַנג פון גלויביקע; און דאָ — אַ קול קורא במדבר. די איינציקע טרייסט זיינע — וואָס זיין ווייב האָט אים אָפּגעהיט ווי די אויגן אין קאָפּ, און דאַנקט גאָט פאַר'ן זיווג.

די צייט איז געלאָפן, מ׳זוכט שידוכים פאַר רבקה׳ן. אמת, זי איז אַ קאַליקע, נו, ווייניק קאַליקעס האָבן חתונה און קריגן מענער נאָך בעסערע פאַר די גלייכע... איז אָבער, וואָ טוט מען אַהין דעם איידעם? צוויי איידימס אין איין שטוב — איז ווי צוויי קעץ אין איין זאַק. מוז מען זוכן אַ מיטל, אַז חיים־זרח זאָל אַרויסגיין פאַר־זיך; אַ גאַנצע וועלט מיט יידן האַנדלען, פאַרוואָס זאָל ער נישט קענען? מען האָט אים גענומען צורעדן ביסלעכווייז צו דעם געדאַנק, אַז ער זאָל טאַקע ווייטער לערנען ווי ביז איצט, נאָר בלויז עטלעכע שעה אין דער וואָך, אין די מאַרק טעג, זאָל ער אַרויסגיין אין גאַס און פּרובירן איינקויפן דאָלאַרן, אַזוי ווי אַ סך טוען עס.

הונדערטער פּאָליאַקן זענען געקומען אין שטעטל און אין די דערפער אַרום פון אַמעריקע, זינט פּוילן איז געוואָרן צוריק אַ מלוכה, און ביי זיי קען מען שטענדיק פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס, ווען די סומע זיין אַ קליינע — ווען ער עס פאַרקויפן דאָ אויפן אָרט, צו די וואַליוטניקעס; ווען די סומע זיין אַ גרעסערע, ווען אים לוינען צו פאָרן קיין וואַרשע און קריגן אַ צוואַנציק־דרייסיק פּונקטן מער.

חיים־זרח האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, אָפּגעבענטשט, אָנגעטאָן דעם מאַנטל און איז אַרויס מיט דער פּאָדערטיר גלייך אין מאַרק אַריין.

די ערשטע מינוטן איז ער געוואָרן ווי פאַרלוירן. שוין יאָרן ווי ער איז נישט געווען אויף קיין מאַרק. דער געשריי און דער געפּילדער, דער ליאַרעם און דער טומל האָבן אים ווי באַטויבט. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די וועגענער. אַן אָגער האָט זיך צעהירזשעט אויף דער העכסטער אָקטאַווע ווי ער וואָלט אויסגעלאַכט אַלץ און אַלעמען. חזירים האָבן געקוויטשעט געבונדענע אין די וועגנער; הינער, קאַטשקעס און גענז האָבן געזוכט איבער־צושרייען די מענטשן פון די געשטעלן, וואָס האָבן אויס־גערופן זייערע מציאות. ער האָט קוים זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון די וועגנער און אַרויף אויפן טראָטואַר. ער גייט אַרום, זוכט און נישטערט מיט די אויגן, צו דערשנאַפּן אַן אַמעריקאַנער פּאָליאַק, און ווי אויף צו להכעיס, מען זעט נישט קיין איינעם אויף קיין רפואה. ער זוכט די לאַנגע שפּיצן פון די אַמעריקאַנער שיך — דער סימן מובהק פון די אַמעריקאַנער צו יענער צייט — נאָר נישט מען זעט און נישט מען הערט. אימיצער, וואָס זעט אויס ווי אַ פּריצל, דרייט זיך אַרום אים, אַלע פערטל שעה, ביים אַרומקרייז פון מאַרק; ער קוקט אים עפּעס אַזוי אַריין אין פּנים — נאָר ער איז נישט זיכער צי ער איז אַן אַמעריקאַנער. יענער, פילט ער, ציט אים צו צו זיך מיט זיינע בליקן, מאַכט זיך אים היימיש, צוטרוילעך, שוין עטלעכע מאָל, ווי ער האָט אים געוואָלט אַ פרעג טאָן, צי ער האָט צו פאַרקויפן דאָלאַרן, נאָר ער פאַרלירט זיך, און גייט ווייטער. ווי לאַנג, אָבער, קען מען זיך אַרומדרייען אין גאַס און צו קיין באַשלוס נישט קומען? וואָס וועלן זיי זאָגן אין שטוב אויף דעם נייעם סוחר? מ׳וועט דאָך אים אויס־לאַכן; זאָגן אויף אים, אַז ער קען קיין קאַץ קיין וויידל נישט פאַרבינדן... וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן, אַז ער וועט נאָכן אַרומדרייען זיך אַ האַלבן טאָג אויפן מאַרק קומען צוריק און זאָגן, אַז ער האָט קיין איין אַמעריקאַנער נישט געטראָפן?

אַזוי קלערנדיק האָט ער באַמערקט ווי דער פּריצל שטייט שוין ווידער נעבן אים,

ווי ער וואָלט וואַרטן ער זאָל אים רופן. ער האָט זיך אָנגערופן מיט מוט און אים אַ פרעג געטאָן:

— מאָטשע, מאַטשע טאַליאַראָוו פשעדאַטש?

יענער האָט געגעבן אַזאַ כיטרן בליק און אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. זיי זענען אַריין אין נאָענטסטן הויף, אַרונטער הינטערן טויער, זיך געדונגען און משווה געוואָרן. דער כריץ האָט אַרויסגענומען אַ צוואַנציק דאָלאַר־טשיק, חיים־זרח האָט אים באַטאַפּט און באַקוקט פון אַלע זייטן צי ער איז נישט קיין פאַלשער, אים באַצאָלט מיט זלאָטעס און זיי זענען בײדע אַרויס צוריק אויפן גאַס. דער פריץ האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט און געבעטן, ער זאָל מיטגיין מיט אים...

פון אָנהויב האָט חיים־זרח נישט געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, ער האָט געמיינט, אַז ער רופט אים צו פאַרקויפן נאָך אַ פּאָר דאָלאַר. ווען ער האָט אים באַוויזן זיין לעגיטי־מאַציע, אַז ער איז אַ געהיים־אַגענט, איז אים ווייך געוואָרן די קנעכלאַך, ער האָט גענומען ציטערן און זיך בעטן ביי אים אויף האלב־פּויליש און האַלב־יידיש, על זאָל אים אָפּלאָזן.

דער געהיים־אַגענט האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער, פון זיין פּויליש רעדן, און ווי אַ קאַלטער גזלן אים אַריינגעפּירט אין פּאָליציי סטאַנציע.

— אַ נייעם וואַליוטניק האָב איך אייך היינט געבראַכט! — האָט אויסגערופן מיט זיגערישן שטאָלץ דער געהיים־אַגענט.

אַנטקעגן, נעבן שרייבטיש, איז געזעסן מיט אַ פלאַקסענע פאַרקאַמטע קאָפּ אַ סאַרזשאַנט, וואָס האָט אים אויפגענומען מיט אַ מינע, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זיינע. פון וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט דער „אַלטער" מיט די לאַנגע וואָנצעס — פּילסודסקי, נעבן אים, פון אַ צווייטן בילד — דער געפּגרטער הענדל — דער עמבלעם און סימבאָל פון פּוילישער אומאָפּהענגיקייט...

אויף אים, אויף רב חיים־זרחן, האָבן ביידע געקוקט מיט בייזקייט ווי דער סאַרזשענט, פאַר זיין פאַרברעכן פון האַנדלען מיט וואַליוטע...

ער האָט געפּרובירט זיך פאַרענטפערן, מיט זשעסטיקולאַציע און גרימאַסן מער ווי מיט רייד, אַז ער איז נישט קיין וואַליוטניק, היות זיין שוועסטער פאָרט קיין אַמעריקע, האָט זי אים געבעטן צו קויפן דאָלאַרן.

זיי האָבן נאָך מער געחוזקט פון אים:

— זשידאָווסקי קאָפּ!... אויף אַלץ האָבן זיי אַ תירוץ...

חיים זרח איז געזעסן אין געהאַקטע ווונדן אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק. ווען ער קען, נעמט ער זיך אַליין און צערייסט זיך אויף שטיקער, אַבי נישט אַדורכצולעבן די חרפּה, וואָס פון אלע טויזנטער גויים, וואָס דרייען זיך אויפן מאַרק, האָט ער אויסגעקליבן פּונקט דעם געהיים־אַגענט!...

חנה, זיין ווייב האָט גענומען איבערקלערן... צו לאַנג זאַמט ער זיך אויפן מאַרק. עפּעס, האָט איר דאָס האַרץ געזאָגט, איז נישט גלאַטיק... זי האָט אַרויסגעשיקט איר ברודער, ראובן, ער זאָל גיין אין מאַרק געוואָר ווערן.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, האָבי אים די יידישע קרעמער דערציילט, דאָס זיי

האָבן געזען זיין שוואַגער גייענדיק מיטן געהיים־אַגענט. ער איז אַוועק אין פּאָליציי־סטאַנציע און געטראָפן אים זיצנדיק אַ בלאַסן, אַ האַלב־טויטן, אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַריין.

נאָכן באַזוכן איינעם פון די מאַכערס, וואָס איז געווען אויסגעבונדן מיט דער פּאָליציי, האָט מען צו די צוואַנציק דאָלער צוגעלייגט נאָך אַ צוואַנציקער און מען האָט אים באַפרייט.

דעם טאָג האָט שוין חיים־זרח קיין ביסן אין מויל נישט אַריינגענומען, בלויז אַ גלעזל טיי מיט ציטרין. די בלוט אין אים האָט געזאָטן, דער פּנים — געפלאַמט: אַלע זומער־שפּרינקלעך האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן פלאַמיקן שפּרינקל. קוים וואָס מען האָט אַרויסגעזען די פאַרצערטע מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן.

די גוטע חנה, די טייערע נשמה, זיין ווייב, האָט אים געטרייסט ווי מען טרייסט אַ קראַנקע קינד, אים געלאַשטשעט און געגלעט, געזוכט אים צו באַרואיקן.

— מער וועט דאָס שוין נישט געשען — האָט זי מוטערלעך געפּליסטערט מיט אירע ליפּן. דיין אָרט איז אין בית-מדרש. איך וועל גיין אַרבעטן פאַר דיר, אַזוי ווי מיין מאַמע, איך וועל זוכן אַ געשעפט, וואָס איך וועל אים פירן, און דו וועסט זיך קענען זיצן און לערנען. דאָס איז דער דרך פון מיין טאַטן און דאָס איז דיין דרך. ווי אַזוי איז עס מיר נישט איינגעפאַלן פריער? וווּ איז מיין קאָפּ געווען וואָס האָב איך דיר געלאָזט אַרויסגיין אין מאַרק אַריין? נו, גוט, מער וועט עס שוין קיינמאָל נישט געשען!

אירע רייד, ווי דאָס וואַרעמע פון אַ שטילע טויב, האָט געווירקט אויף זיינע נערוון און איינגעשטילט זיין צערודערטן געמיט. די פאַרנאַכטיקע שטראַלן וואָס האָבן אַריינגעשיינט דורכן פענצטער האָבן זיי ווי געמוטיקט. שוין צייט צו גיין דאַוונען מנחה. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געזאָגט אַ גוטן טאָג און אַוועק דורך דער הינטער־טיר אין בית-המדרש אַריין.

דורכן פענצטער, האָט אים חנה באַגלייט מיט פאַרטרערטע, צער־פולע אויגן. פון איר גאַנצן וועזן האָט אַרויסגעשטראַלט אַ פאַרבאַרגענע ליכט פון אַ ריינער נשמה, וואָס האָט געאָטעמט מיט ברכה און צדקות. אירע ליפּן האָבן געציטערט ווי זי וואָלט אויסגעקושט יעדן טראָט וואָס ער איז געגאַנגען נענטער צום בית-מדרש, אויפן אַלטן דרך — דער דרך פון דעם אייביקן ייִד.

מאָטינקע דער זיסער

מאָטינקע דער זיסער איז איינער פון די זין פון דער משפחה קוריק. די משפחה קוריק איז געווען אַ ברייט פאַרצווייגטע געערטנער פאַמיליע. פּראָסטע, געזונטע מענטשן; ברייטע פּלייצעס, רויטע, גוישע פּנימער. דאָס רוב בלאָנדע מיט זומער־

שפּרינקלעך באַשפּרינקלט, גראָבע פּיס, ווי סטעמפּעס, וועלכע זענען געגאַנגען פעסט און זיכער.

פון זיי האָט זיך שטענדיק געהערט דער ריח פון פעלד, פון גאָרטן און סאָד. זיי האָבן אַליין געאַקערט, געזייט און געבראָגעט אין פרילינג; באַגאָסן מיט וואַסער די בייטן, געצופּט און געריסן יעדעס ווילדע גרעזעלע, גיכאַליעט יעדן נייעם שפּראָץ, יעדן קנאָספּ ווי אַ לעבעדיק וועזן, ביז די בייטן זענען אויפגעגאַנגען אין פולער רייפקייט פאַרשאָטן מיט גרינסן.

דער גאָרטן איז שטענדיק מיטגעגאַנגען מיט זיי אין שטוב אויף די באָרוועסע פּיס פון די פרויען, אויף די שטיוואַליעס פון די מענער, צוזאַמען מיט די מערעלעך, רעטעכלעך, אוגערקעס און קאַרטאָפל, וואָס זענען געלעגן אויסגעשאָטן אויף דער ערד נעבן טיש, נעבן די שטולן, אין די ווינקלען, אונטערן בעט, איז געלעגן אויך די ברוינע פעטע ערד, ווי דער גאָרטן אַליין וואָלט זיך אַריינגעצויגן אין דער היים און געהויזט צוזאַמען מיט זיינע באַלעבאַטים.

מאָטינקע דער זיסער איז געווען אַ בראָנעטער, פון מיטעלן וואוקס, גאָרנישט געראָטן אין זיינע פיר ברידער, וועלכע זענען אַלע געווען בלאָנדע; גיכער איז ער געווען געראָטן אין די אַנדערע צוויי שוועסטער, וועלכע זענען אויך געווען בראָנעטקעס.

מאָטינקע האָט זיך אויסגעקליבן אַ מיידל פון זיינס גלייכן, אַ שוואַרצע, אַ קיילעכ־דיקע, אַ פעטלעכע מיט וועלכע ער האָט חתונה געהאַט אין אַ מזלדיקע שעה, און צו די 9 מאָנאַט האָט זי אים געשאָנקען אַ מיידעלע.

אַ חוץ וואָס ער האָט געאַרבעט און געהאַנדלט מיט גערטנעריי, האָט ער אויפגע־עפנט אַ פּרוכט געווועלבל. זומער צייט האָט מען אויך געקענט קריגן אַ קאַלטע גלאָז סאָדע וואַסער. די ערשטע פאַר יאָר האָט עס געפירט די ווייב, שפּעטער צו זענען צוגעקומען נייע אָנגעשטעלטע: זיינע אייגענע טעכטער. גאָט האָט אים געהאָלפן — זיין ווייב האָט אים, כמעט, אַלע יאָר געבוירן אַ קינד, און דאָס קינד — איז אויף צו להכעיס זיי, וואָס האָבן געוואָלט אַז עס זאָל זיין אַ יינגעלע — געווען אַ מיידל. וואָס אַן אמת, מ׳האָט זיך מיט זיי געקענט איבערנעמען. איינע און איינע, ווי געטאָקט: שוואַרצינקע אויגעלעך, פעך שוואַרצע הערעלעך, אָט אַזוי ווי יידישע קינדער דאַרפן זיין.

זיין פּרוכט־געווועלבל איז וואָס אַ יאָר געוואָרן אַלץ פולער און לעבעדיקער. זיינע אייגענע צעל מיידן זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט הינטערן טובאַנק, ווי אַ לעבעדיקער לייטער, וואָס פירט צו די העכסטע פּאַליצעס.

צו די עלטערע מיידלעך האָבן זיך געגומען שאַרן יינגלעך, וועלכע פלעגן אַריינ־קומען, גאַנצע קאָמפּאַניעס, טרינקן סאָדע וואַסער מיט אַ שאָקאָלאַדקע, צי איינהאַנדלען אַ קרענצל פּולבלוטיקע קאַרשן, גרין־באַגילטע, ווייניקע עפּל; צעפּלאַמטע, ווי פון זון־געקושטע פלומין; רויט־געפאַרבטע, ווי מיידלש פאַרפרוירענע באַקן — עפּל; און געלבלעך צנועהדיקע, מיט פולע לעבנסזאַפטיקע באַרנעס.

צוזאַמען מיט די פּרוכטן זענען אויך רייף געוואָרן מאָטינקעס טעכטער, ווי אַ לעבעדיקער סאָד פון בוימער. ביי אייניקע האָבן זיך געריסן די ברוסטן אונטער דער טוליענער בלוזקע, ווי פליימעלעך, נאָר וואָס צייטיק געוואָרן; ביי אַנדערע, ווי שטייפע

זאַפטיקע עפּל; ביי אַ טייל — ווי סוף זומערדיקע ווינטער באַרן. און דאָס האָט געצויגן דער יוגנט פון שטעטל צו מאַטינקע דעם זיסנס פרוכט־געשעפטל. נישט אַזוי צו די פרוכט אויף די פּאָליצעס, ווי וואַרפן אַ בליק אויף די צייטיקע פרוכטן פון לעבעדיקן סאַד . . .

קיין גרויסע גליקן האָט מאַטינקע דער זיסער אין זיין פרוכט געוועלבל נישט געמאַכט. אָבער דאָרט איז שטענדיק געווען פריילעך און לעבעדיק, און עס האָט אים פאַרגרינגערט דעם עול פון חיונה.

ער אַליין פלעגט כמעט שטענדיק אַרומפאָרן איבער די סעדער און גערטנער, איינהאַנדלען תבואה איבער די דערפער און פירן עס אין אַ צווייטער שטאָט עס צו פאַרקויפן. ער האָט זיך קיינמאָל, חלילה, נישט געקלאָגט אויף זיין מזל; שטענדיק געווען אַ שמח בחלקו. נאָר טיף אין האַרצן האָט ער געבענקט נאָך אַ יינגל, נאָך אַ קדיש. און גאָט, ווי עס ווייזט אויס, האָט זיין תפילה אָנגענומען, און ער האָט אים געשאָנקען אַ בן־זקונים, אַ יינגל. די פרייד ביי אים און אין זיין היים, איז געווען גרויס, נישט צו באַשרייבן. די גאַנצע וועלט ״האָט געטאַנצט אים אַנטקעגן, אַלע האָבן אים אָפּגעגעבן מזל־טוב! מענטשן, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געוואָגט צוצוגייך לעבן זיי נאָענט — ווי קומט ער, אַ פּראָסטער ייד, צו אַזעלכע למדנים! בני תורה, זענען צו צו אים, געגעבן אים די האַנט און געווונטשן מזל טוב !

איינער פון זיי אַ למדן אַ ייד, האָט אים געזאָגט:

— יגעת ומצאת, מאַטינקע! מזל טוב אייך!

— וואָס מיינט איר מיט דעם? האָט ער נישט פאַרשטייענדיק די העברעאישע ווערטער געפרעגט.

— אַז מען זוכט געפינט מען!

— אַזוי! — רופט זיך אָפּ מאַטינקע מעשה העלד — וואָס מיינט איר, אַזוי לייכט איז עס מיר אָנגעקומען דער יינגל? צען מוידן האָט ער מיר געקאָסט!

— וואָס הייסט צען מוידן? — פרעגט אים דער למדן, זיך מאַכנדיק תמעוואַט.

— איך זוך שוין דעם יינגל זינט איך האָב חתונה געהאַט, נאָר אַלץ איז געגאַנגען מיטן פוטער אַראָפּ.

ער כאַפּט זיך גלייך, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט, און ער הויבט אָן:

— גאָט צו דאַנקען, איך האָב זיך מיט מיינע טעכטער נישט וואָס צו שעמען! פיינע און שיינע קינדער, נאָר צו אַ יינגל קומט עס נישט. הייַנט, גאָט צו דאַנקען, האָב איך שוין מיין משפחה קאָמפּלעט.

פאַר די צען מיידלעך, איז דער יינגל געווען, ווי אַן אוצר פון הימל. מען האָט זיך געהאַלטן טאָג און נאַכט אין איין אַרומרייסן פאַר אים; יעדע איינע האָט אים געוואָלט ניאַנטשען, זיך אַרומטראָגן מיט אים אויפן האַנט, געבן אים עסן, שפּילן זיך מיט אים, און וואָס נישט ? — נישט איינמאָל איז אין שטוב אַרויסגעקומען קריגערייען צווישן די שוועסטערס פאַרן יינגל. די האָט אים געוואָלט טראָגן און די צווייטע, באַלד האָבן די שוועסטערס זיך איינגעטיילט אין צוויי קריגערישע צדדים, וואָס האָבן זיך געקריגט

אין געריסן און געצויגן די הענט זיך צו שלאָגן. נאָר אַ נס איז געשען, וואָס דער טאַטע איז אָנגעקומען און אַ געשריי געטאָן:

— זייט שטיל, חצופות! גיט מיר אַהער דעם יינגל, ער איז מיינער און פאַרטיק!

פאַרן טאַטן האָבן זיי מורא געהאַט און ביידע צדדים האָבן נישט אויסגעפירט. דער טאַטע איז געבליבן מיטן יינגל.

דער יינגל האָט זיך געכאַוועט ביי מאַטינקע דעם זיסן ווי אַ קרוינפּרינץ. פון דאָס בעסטע און טייערסטע, וואָס איז נאָר אַריין אין שטוב איז געווען פאַרן יינגל. און אַז ער איז געקומען פון דער ווייטער שטאָט האָט ער שטענדיק געזוכט עפּעס צו ברענגען אַ צאַצקע פאַרן יינגל; אַזוי ער, אַזוי די פרוי, און אַזוי די טעכטער; מען האָט אים געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, קיין שלעכטס זאָל, חלילה, אים נישט געשען.

*

ס'איז געווען אַ בלינדע און אַ פינצטערע סוף זומער נאַכט. אין דרויסן האָט געפלייצט ווי מיט עמערס, דער הערבסט האָט אָנגעזאָגט, אַז ער גייט מיט טויט, קעלט און פאַרוויסטונג.

אַדורכגעווייקטער ביזן לייב האָט זיך מאַטינקע געשלעפּט אַ היים אויף דעם וועג וואָס עס איז געשמיסן געוואָרן פון ווינט און פון רעגן; בלויז דער פערד מיט זיין חיהשן אינסטינקט, וואָס האָט געוווּסט אַז ער גייט צו זיין שטאַל, צו זיין קאַרעטע, האָט דורכגעריסן די פינסטערניש און דערפירט אים אַ היים.

ער האָט באַמערקט אַ בלאַסן שיין פון ליכט דורכן פענצטער. דאָס האַרץ האָט אים אַ ציטער געטאָן. ווי קומט עס וואָס זיי שלאָפן נאָך נישט? — ער האָט אויסגעשפּאַנט אויף שנעל דעם פערד, אַריינגעפירט אים אין שטאַל, און איז אַריין אין שטוב, לויפנדיק גלייך צום צימער ווו ער האָט דערזען פאַר זיך זיין פרוי מיט די עלטערע טעכטער, וועלכע זענען געזעסן פאַרצערט נעבן בעטל פון זייער בן־יחיד.

— וואָס איז געשען? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט די פאָר ווערטער.

— דאָס קינד איז נישט געזונט — האָט אים די פרוי אַ פאַרוויינטע, קוים אַרויסגעבראַכט פון די ליפּן.

דאָס קינד איז געלעגן אין בעטל מיט רויטע פאַרלאָפענע אויגעלעך, ראָזע בלומען אויף די באַקן, מיט פאַרברענטע ליפּעלעך און ווי געשמייכלט דערזעענדיק דעם טאַטן לעבן זיך.

— וואָס טוט מען? איז ער אַרומגעלאָפן איבערן צימער, פאַרגעסנדיק זיך, אַז ער איז אַדורכגענעצט ביזן ביין פון רעגן.

— טאַטע! — האָט אים די עלטסטע טאָכטער גענומען באַרואיקן; ס'איז גאָרנישט, ער האָט אַביסל היץ, מאָרגן וועט קומען דער דאָקטער און ער וועט געזונט ווערן. גיי וואַרף אַראָפּ פון זיך די נאַסע קליידער, קענסט זיך נאָך, גאָט זאָל אויסהיטן, פאַרקילן.

און זי האָט גענומען אַראָפּשלעפּן פון טאַטנס אַקסלען די נאַסע פּאַלטע, ער זאָל זיך גיין אויסטאָן.

די גאַנצע נאַכט איז ער מיט דער פרוי און די עלטערע קינדער נישט געשלאָפן. אַלע ווײלע געכאַפּט אַ קוק אויפן קינדס פלאַמיקן פּנימל, און די נאַכט האָט אויף צו להכעיס זיך געשלעפּט ווי פון פעך, ווי זי וואָלט זיך נישט געוואָלט ענדיקן. יעדע שעה האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר. די ווייזערס אויפן זייגער האָבן זיך ווי גאָרנישט גערוקט פון אָרט. אָט, דאַכט זיך, מיט אַ שעה צוריק איז געווען דריי דער זייגער, און איצט! כמעט אַ שעה פון לייד און פּיין און פינסטערע מחשבות אין מוח, און עס איז נאָך אינגאַנצן צען מינוט נאָך דריי! וואָס איז דאָ געשען? — איז דער זייגער צעבראָכן?— ניין, ער גייט דאָך! געוואַלד, ווי ענדיקט זיך שוין די נאַכט!

דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט מען זאָל קיינעם פון די קינדער נישט אַריינלאָזן צו אים אין צימער, בלויז די עלטערן מיט די עלטסטע טאָכטער. ער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט, געמאַכט אַיינשפּריצונגען, און אָנגעזאָגט מען זאָל אים רופן ווידער, אויב, חלילה, זיי וועלן זען, אַז דאָס קינד ווערט ערגער.

אַ פּאָר טעג איז אַריבער, ווי דאָס קינד איז שלאַף. די גאַנצע שטוב איז ווי איבער־געקערט. אויף אַלע פּנימער ליגט אַ טרויער. שוין די דריטע נאַכט ווי די עלטערן שלאָפן נישט, די קינדער בעטן זיך ביי זיי, נאָר עס העלפט נישט.

די פערטע נאַכט. אַ פלייץ רעגן האַקט אין די שויבן, ווי שדים וואָלטן געגראַבלט מיט זייערע נעגל, און זיך געריסן אין שטוב אַריין. דעם קינדס פּנימל פלאַמט, ווי אַ ווינטערדיקע זון אין אַ פראָסטיקן טאָג, אויף דעם ראַנד פון האָריזאָנט, ווען זי האַלט ביים פאַרגיין. די מאַמע זיצט פון איין זייט בעט און גיסט מיט טרערן פון אירע געשוואָלענע אויגן, ברעכט מיט די הענט פון צער. דער טאַטע לויפט אַרום איבערן צימער, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט אימיצן, וואָס וויל אים דערשטיקן, דערווערגן, און ער ווייס נישט ווי מען רייסט זיך אַרויס פון אים. דאָס קינד, זעט מען, גייט אויס ווי אַ ליכט, דאָס פלעמל ראַנגלט זיך אויף דאָס לעצטע ביסל חלב, נאָך אַ ווייל, נאָך אַ צוק, און עס וועט ווערן פינצטער אין שטוב.

ס'איז מיטן נאַכט. אַ שלאַקס רעגן טאַנצט אין געווירבל מיט שדים און רוחות, וואָס פייפן און שווישטשען און וויקלען דאָס שטעטל אין שוואַרצע געוואַנטן, וואָס שלעפּן צום אָפּגרונט. מאָטינקע האָט אויפגעריסן די טיר, ווי ער וואָלט זיך איבערגעגעבן דעם טייוול אין די הענט אַריין, זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם צעיושעטן דרויסן און זיך גע־לאָזט צום דאָקטער. פון אָנהייב האָט דער דאָקטער זיך געקווענקלט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַרויסדרייען, נישט גיין פון דער וואַרעמער בעט אין דעם נאַסן דרויסן. אַז ער האָט אָבער דערזען פאַר זיך מאָטינקעס צוויי אויגן, ווי אויפגעריסענע תהומען, פון וועלכע עס האָט געשטראָמט א ים פון געבעט און רחמנות, האָט ער אַרויפגעכאַפּט דעם כאַלאַט אויף זיך, און אויף אים דעם מאַנטל מיטן שירעם און זענען ווי געלאָפן דורך די ווייַנענדיקע גאַסן אין אַ קלאָגעדיקער נאַכט.

דער דאָקטער האָט געפּרובירט אים געבן נאָך אַן איינשפּריצונג, אפשר וועט עס אים אין דער לעצטער מינוט העלפן. אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. דער טויט

האָט שוין געטאַנצט אין דרויסן דעם טויטן-טאַנץ. די גאַנצע שטעטל האָט געוויינט און געיאָמערט. דער ווינט האָט צעטריבן דעם יאָמער איבער דער וועלט און מאָטינקעס אוצר פון הימל האָט אַריינגעשלונגען די ערד.

איבער נאַכט איז ער ווי גרוי געוואָרן. די אַלטקייט איז אויף אים אַרויפגעשפּרונ־גען. מען האָט אים כמעט ווי ניט דערקענט.

נאָך שבעה איז ער געגאַנגען, איינגעשפּאַנט דעם פערד אין וואָגן, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפן פון דער היים, אַנטלויפן פון דעם אָרט, ווו זיין קינד, זיין בן-יחיד איז צוגינומען געוואָרן, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, ווי ער וואָלט פאָרן זוכן ערגעץ ווו זיין קינד; ווי ער וואָלט נישט געשטאָרבן, נאָר אין ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט, איבער פעלדער, איבער וועלדער, און ער זוכט אויך אַזוי זיין היים, זיינע עלטערן, זיינע שוועסטער, ווי אים — זיין טאַטע.

ער איז צוריקגעפאָרן פון דאָרף מיט עטלעכע זעקלעך תבואה, אַ פּאָר טשוואַרטקעס קאַרטאָפל און אַביסל ווינטער אויבס. דער טאָג האָט שוין געהאַלטן אין פאַרגיין. די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן נאָך געפאָרבן די שפּיצן פון די סאָסנעס, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי בלוטיקע נאָדלען, וואָס האָבן דורכגעשטאָכן זיין האַרץ. ער האָט זיך פאַרטראַכט און ווי צו זיך אַליין גערעדט, זייענדיק איינער אַליין אין מיטען וואַלד:

— פאַרוואָס האָט עס מיר געקומען אַזאַ מין שטראָף? מיט וואָס האָב איך עס פאַרזינדיקט? איך פלעג דאָך שטענדיק טאָן בלויז גוטס! קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. ווען איך פלעג נאָר טרעפן אין וועג — אַרויפנעמען אויף מיין וואָגן — ייד צי גוי — אַלץ איינס, זאָל ער נישט דאַרפן גיין צופוס. מיט וואָס איך האָב געקענט האָב איך יענעם געהאָלפן, מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ פּרוכט, מיט אַ נדבה. גאָט ווייס, איך האָב קיינמאָל מער ווי אַ לעבן נישט געמאַכט, און זיך צו אים נישט גע־קלאָגט, און אַז מיר איז צוגעשיקט געוואָרן די מתנה פון גאָט — מיין בן-זקונים — בין איך אוודאי געווען גליקלעך איבער גליקלעך. די גאַנצע וועלט האָט זיך צו מיר נישט געקענט גלייכן. און דאָ פּלוצלינג, אַזאַ אומגליק! אַזאַ בראָך! נישט געלאָזן זיך אונטערשפּילן מיט אים געגנוג. קוים זעקס יאָר אַלט געווען און שוין צוגענומען אים פון מיר. אָ, גאָט! — ווען דו גייסט מיר איצט אָן אויפן וועג, און דו בעטסט מיר, איך זאָל דיר ארויפנעמען צו מיר אויפן וואָגן, בין איך קיין ייד נישט, אויב איך וואָלט דיר אַרויפגענומען!... אַז דו האָסט מיר געקענט אַזויפיל צער און פּיין פאַרשאַפן!

כוואַליעס ביטערניש האָבן זיך פון זיין האַרץ געריסן און פאַרצויגן מיט טרויער דעם וואַלד. שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך ווי שלאַנגען געפלאָכטן אַרום די בוימער, און פאַרצויגן זיך אויף די שפּיצן ווי שלייכן, אויף וועלכע עס האָט זיך געבאָמבלט אַ געהאָנגענער, דער טאָג. דער גאַנצער אַרום איז אַדורכגענומען געוואָרן מיט דעם גרויסן צער פון מאָטינקע דעם זיסן, וועלכע האָט געשלאָגן מיט ביטערקייט פון גאַל. די ווינטן האָבן יללה׳דיק צעטראָגן זיין פאַרשטיקטן יאָמער, ווי אַ פינצטערע קללה אויף אַלץ — און עס איז געוואָרן נאַכט אויף דער וועלט.

דער סאַכאַרינטשיק . . .

אַ שוואַרץ־חנעוודיקער ייִנגל מיט אַ פּאָר צאַפּלדיקע אויגן פאַרצויגן מיט איין ברעם, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן איבערן נאָז, ווי אַ שוואַרצער ראָם פון וואַלד בײַם ראַנד פון טײַך.

אַ געדיכטע קאָפּ קאַשטאַנען האָר מיט אַ ווײַסן שרינט בײַם זײַט און אַ גזשיבקע פאַרריסן אויף אויבן, מעשה וואויל־ייִנגעריש.

קורצע, גאַליפע־הייזלאַך, אַ ספּאָרטאָוועך־רעקל, אַ היטל מיט אַ לאַנגן דאַשעק, האַלב־רונדיק, פאַרבויגן, ווי אַ פערטל לבנה, האָבן בולטער געמאַכט דעם שאָטן פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעלויכט צוויי ליכטיקע אויגן ווי שטערן.

פון חדר, גמרא, ישיבה — אַוועק. וואָס טוט מען? זײַן מוטער איז נאָר וואָס צוריק געקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד מיט דרײַ קינדער, ווו זי איז געווען אַ בעזשינקע.

אַ נײַע מלוכה, פוילן, איז אויפגעשטאַנען. אַ מאַמע מיט פיר קינדער דאַרפן עסן, דאַרפן אַ היים — די אַלטע היים איז אַוועק מיטן פײַער גלײַך בײַם אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. פון דעם גאַנצן שטעטל זענען בלויז צוויי הײַזער מיטן קאַשטשאָל פאַרבליבן. איז מען אַריבער אין אַ דערבײַיאיק" שטעטל.

ייִדן האַנדלען, וואַנדלען — מען מסחרט. מ'לעבט פון מערק און ירידן. יחידים שמוגלען סחורה פון דײַטשלאַנד קיין פוילן און ווײַטער קיין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס רוב איז אָנגעגאַנגען דער שמוגל מיט סאַכאַרין־טאַבלעטן און קריסטאַל.

ער איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן. ער ווייס אַליין נישט ווי אַזוי. זאָל זײַן די נויט? דער הונגער? די האָפענונגסלאָזיקייט?

אַרום סובאַלק ציען זיך שטעטלאַך, וואָס גרענעצן זיך מיט מזרח־פּרייסן. מיט אַ בלויזן פּעסל האָט מען געקענט אַריבערגיין די גרענעץ איינע בײַ די צווייטע. זענען די שטעטלשע קרעמער געווען אָפטע באַזוכער פון דײַטשלאַנד, און מען האָט געפירט סחורה אויף כשר און אויף טריף.

אין פינצטערע נעכט, ווען מען האָט נישט געזען אַ טראָט פאָרויס, אַ מענטש האָט זיך אויסגעדוכט, איז אַ בוים און אַ בוים — אַ מענטש, איז מען געגאַנגען איבער וויסטע פעלדער מיט פּעק אויף די פּלייצעס, געפירט פון פּויערים וואָס וואוינען האַרט בײַ דעם גרענעץ. און אַמאָל האָט מען געפירט פראַנק און פרײַ גאַנצע פורן מיט שמוגל, ווען די גרענעץ וואַך איז געווען איבערגעקויפט פון בײדע זײַטן...

אויף יעדן בריק, בײַ יעדער אַרויספאָר און אַרײַנפאָר פון שטאָט און פון שטעטל, זענען געשטאַנען פוילישע פּאָליצײַלײַט, צי „קאָנאַריקעס" — זשאַנדאַרן, וואָס האָבן געזוכט און גענישטערט אין די היי אונטער די געזעסן, אין די זעק און אין די פּעק — און זעלטן ווען זיי האָבן געפונען.

די וועגענער מיט סאַכאַרין זענען געגאַנגען מיט דאָפּלטע דעקן. די דראַבינקעס אויסגעהוילטע, אינעווייניק זענען געווען אָנגעשאָטן צענדליקער קילאָגראַמען סאַכאַרין. אויף אַזאַ אופן האָבן געפירט די גרויס־שמוגלערס. די קליינע, האָבן זיך באַנוגנט

מיטן פירן אויף זיך: אין טאָרבקעס אויפן לייב, אונטערן העמד, אויפן ברוסט־קאַסטן ביז אַראָפּ צום בויך.

אַנדערע האָבן אָנגעפּילט די פּאַלטעס הינטער דער פּאַטשעווקע מיט זעקלאַך, ווי קישקעס, פון אויבן ביז אונטן, אין וועלכע עס איז אַריין אַ וועלט מיט סאַכאַרין.

דער יונגער סאַכאַרינטשיק האָט זיין קערפּערל אַרומגעוויקלט מיט שמאָלע טאָר־בקעס אין וועלכע עס זענען געלעגן פאַרבער שאַכטלעך צו הונדערט און פינף הונ־דערט טאַבלעטן אין אַ שאַכטל.

מיטן זיסן פּאַנצער אויף זיך האָט ער געמאַכט אַן אומשולדיק פּנימל, און איז שטענדיק געזעסן אויפן קאַזשאַל, ווי אַן אונטערשמייסער, און קיינער האָט נישט געקענט איינפאַלן, אַז דאָס איז אַ שמוגלער.

נישט איינמאָל האָט מען אַלע פּאַסאַזשירן אַראָפּגענומען, רעווידירט און ער איז זיך געשטאַנען ביים זייט ווי אַן אומשולדיק נפשל, וואָס פאַרשטייט גאָרנישט, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט אויסגענוצט אַלערליי סאָרטן רייזעס און אונטערנעמונגען, וואָס אַ גרויסער וואָלט גאָרנישט געוואַגט עס צו טאָן.

ער האָט זיך דערוווסט, אַז היינט פאָרט יענער פורמאַן אויף אַן אָרדער פון דער רעגירונג צו פירן סאָלדאַטן, צי מלוכה־אָנגעשטעלטע, האָט ער פאַר אַלימען אין די אויגן, אויפן הויף פון מאַגיסטראַט, וואָס האָט געשווימלט מיט פּאָליציי, סאָלדאַטן און שפּיקעס, געבראַכט צוויי פּעק מיט סאַכאַרין, זיי אַריינגעלייגט אין וואָגן אונטערן געזעס.

ביים אַרויספאָר, אויפן בריק, איבער דער שוואַרצער אַנשע, האָט מען נישט געוואָגט אפילו אָפּשטעלן די פור, אויף וועלכער עס זענען געזעסן צוויי כרוקעס ווי פּריצים, פון דער נייער פּוילן.

עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. פון ביידע זייטן וואַלד, איבערן שאָסיי, וועבן גלי־פליגעלאַך ליכטיקע פעדים, ווי פאָספאָר־שטראַלן איבערן וועג, פאַרשפינען מיט ליכט דעם נאַכטיקע אַרום. אַ שאַרפער טערפּעטין־ריח זעצט פון דעם סאָסנע וואַלד, פּילט אָן די לופט מיט שיכרות פון בליא.נג. די סאָלדאַטן הייסן אָפּשטעלן די פור, גייען אַראָפּ און ברענגען אַרויף עטלעכע גליוועררים, לייגן זיי אַוועק פון פאָרנט אויפן היי און די גליוועררים לייכטן ווי אָנגעצונדענע באַטערייקעס, די גאַנצע צייט אויפן וואָגן.

נישט אַלע מאָל איז אים אויסגעקומען צו פאָרן אַזוי רואיק און זיכער; נישט איינמאָל האָט זיין האַרץ געקלאַפּט שטאַרקער ווי די סאַכאַרינקעס אין די שאַכטלען אונטער זיין האַרצן.

פרילינג. דער וואַלד שווימלט און גריבלט מיט רויטע און שוואַרצע יאַגדעס. גויעס מיט געבלומלטע טיכלאַך און קליידער, מיט פאַרריסענע הינטנס צום הימל, רייסן יאַגדעס, פילן אָן גאַנצע קוישן און פירן עס צו פאַרקויפן אין שטאָט. בלוי, מאַט, מיט טוי פאַרצויגן, ווי שוואַרצע קרעלן, מיניען און ווינקען צו די פאַרביי־גייער, ווי פאַרשייטע מיידלאַך מיט שוואַרצע אויגן-בליקן.

רויט, פייערדיק, ווי צעפלאַמטע ליפּן פון רייפער יוגנט, וואָס בעטן זיך צו קושן רופן צו זיך די רויטע. אין דער יאַגדע־צייט, פירט ער, אַ חוץ די נאָרמאַלע

פאַרציע סאַכאַרין אויף זיך, צוויי גרויסע מילך־קרוגן אָנגעפילט מיט סאַכאַרין און פון אויבן פאַרדעקט מיט אַ הויפן יאַגדעס. נאָך אַ נס, וואָס דאָס קלאַפּן פון די רעדער און פון די פּאָדקאָווועס האָט פאַרשלונגען דעם עכאָ פון די טרייסלענדיקע סאַכאַרינקעס אויף זיין לייב. און דער פּאָליציימאַן, דער זשאַנדאַר, וואָס איז נישט איינמאָל געזעסן נעבן אים אויפן קאָזשאָל, האָט עס נישט געהערט.

ווינטער. נאַכט. אַ זאַווערוכע מאָלט און קערט; שניידט מיט דינע, זילבערנע ריטער, לאָזט נישט אויפמאַכן קיין אויג; אַ ווילד געדריי פון ווייס־פאַרגליווערטן שוים מיט אַ ווינטיק געוואָי פאַרדעקט אַלץ און אַלעמען. די פערד, וואָס קענען שוין דעם וועג פירן דעם שליטן אַליין איבער בערג פון שניי, וואָס האָבן פאַרמעקט אַלע וועגן און שטעגן, צו זיך אַ היים.

די קעלט, דער פראָסט, דער שלעכטער וועטער שרעקן אים נישט. פאַרקערט, זיי זענען זיינע פריינט... זיי העלפן אים שמוגלען. ווער וועט עס שטיין אין אַזאַ וועטער און אָפּוואַרטן אין מיטן נאַכט אַ שליטן?

— „סטאָי!“ — האָט פון דער פינצטערניש אַרויסגעוואָיעט אַ שטים.

זיי זענען דאָ! גלייך ביים אַריינפאָר, ווי פאַרקערפּערטע שטיקער זאַווערוכעס מיט פאַרפלאַמטע פנימער, הייסן ארויסגיין פון שליטן. אָנגעצונדן די באַטערייקעס, געזוכט און געניששטערט — גאָרנישט ניט געפונען.

אַ כרוקישער, כפול־שמונהדיקער „מי־שברך“... און אַ שפּיי אויפן שניי, פאַר־ביטערטע האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן. געווען זיכער, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַ העכטל... און זיי וועלן מאַכן אַ פּאָר זלאָטעס...

פאַרטאָג. דער דרויסן מיט די הייזער איינגעקניורעט אין זיך, אַלץ רוט און שלאָפט. ביי רחל׳ן אין פענצטער ברענט שוין אַ לעמפּל. זי גרייט פאַר איר בכור צידה לדרך.

ווי אַן אָפּגעריסענע שטיקל נאַכט, אין אַ פינצטערן דרויסן, איז ער געלאָפן איבער ליידיקע גאַסן, ווי אַ ציטערדיקע קעצעלע, צום פורמאַן, וואָס האָט זיך געקליבן צו גיין אויפנעמען זיינע פּאַסאַזשירן.

זיין מוטער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּעריי אין האַרצן. זי האָט קיינעם נישט געזען. אויף אירע ליפּן האָט זי געשעפּטשעט אַ תפילה, גאָט זאָל אים אויסהיטן, ער זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן.

אין אָוונט, אַ פאַרקלעמטע ליגט זי אין בעט מיטביידע טעכטער לעבן זיך, איר יינגסטער זון אין צווייטן צימער, אויפן שלאָף־באַנק. אַלע שלאָפן שוין, נאָר זי קען מיט קיין אויג נישט צומאַכן. די מינוטן ציען זיך ווי פון פעך. שעהן ווי יאָרן. אַלע ווילע, האָט זיך איר אויסגעדוכט, זי הערט אַ געקלאַפּ אויף די טרעפּ, אַ סקריפּ פון טיר, מען האָט אים געכאַפּט; פּאָליציי־לייט ווי וואַלד־גזלנים, באַפאַלן איר אָרעמען חיים אין דער פישער געסל, טרייבן זיי אַרויס פון די בעטן, די קינדער וויינען און קלאָגן דערשראָקענע, זוכן אין אַלע ווינקלען, אין די שעניקען אונטערן בעט, טאַפּן אין די בעטגעוואַנט צו געפינען נאָך סאַכאַרין...

אַ שוואַרצע נאַכט האָט אַריינגעקוקט אין פענצטער און נאָך מער פאַרפינצטערט איר שרעק...

וואָס האָט זי נישט איבערגעלעבט אין די נאַכטיקע שעהן? וויפל שרעקלעכע געדאַנקען זענען נישט דורכגעלאָפן דורך איר מוח? ביז זי האָט דערלעבט צו זען, ווי איר קינד האָט זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב, אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די זעקלאַך מיט סאַכאַרין — און צוריק דער מאַמען אַריינגעגעבן אַ האַרץ...

ס'האָט אויסגעבראָכן די פויליש־סאָוויעטישע קריג. די רויטע אַרמיי שטייט שוין ביי וואַרשע. דאָס שטעטל איז שוין ווייט הינטערן פראָנט ביי די רויטע. אַלץ שטייגט. עסן פעלט; פון די גרויסע שטעט קומט מען אויסקויפן אין די קליינערע; ס'איז אַ יקרות, מען קריגט פאַר קיין געלט נישט, ווער עס האָט באַהאַלט אויס.

אין שטוב געפינט זיך עטלעכע קילאָ־סאַכאַרין. פון גראָדנע איז אַראָפּגעקומען אַ יונגטלעכער, וואָס באַצאָלט פאַר דעם אַ פּרייז. עס וועט קלעקן פאַר דער פאַמיליע אויף עטלעכע חדשים צו לעבן. נאָר ווי פירט מען עס אַרויס פון שטעטל?

אויפן בריק פון יאַגיסטאָווער קאַנאַל, שטייט אויף דער וואַך יושקע, דעם שטאַבינער גלעזערס זון, וועלכער איז זיינער אַ בן־עיר. ער בעט זיך ביי אים, דאָס ער זאָל אים דורכלאָזן מיט די סאַכאַרין, וואָס אַ צווייטער האָט עס געקויפט אויפן וועג צום וואָקזאַל.

— איך שטיי אויף דער וואַך. כ'מוז אויספאָלגן די באַפעלן פון דער מאַכט; נישט דיר און נישט קיינעם וועל איך דורכלאָזן — איז געוועזן זיין ענטפער.

סוף זומערדיקער אָוונט. אַ בלויער ראָם — דער וואַלד, נעמט אַרום דאָס שטעטל. פאַזי דעם קאַנאַל, אינעם וואַלד, גייען צווי יונגטלעכע, אויסמיידנדיק די וואַך אויפן וועג צום באַן. זיי זענען אַדורך בשלום, און פאַר דעם געלט האָט די מוטער איינגעקויפט קאָרן, און מיט אַ האַנט־מילכל צוגעשרויפט ביים קאַנט פון טיש, שטייט ער גאַנצע טעג און מאָלט דעם קאָרן, איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, ביז ס'איז געוואָרן דינער דאָס מעל.

יונגע, מוסקולירטע הענט קנעטן דעם טייג אין דער דייזשע, ווי אַיין שטיק קליי, וואָס יערט מיט ברכה און זעטיקייט.

ברוינע לאַבנס, ווי רעדער, זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון אויוון. פאַר דער קורצער צייט פון דער אָקופּאַציע האָבן זיי פון קיין הונגער נישט געוווּסט. די לאַבנס ברויט האָבן אַרויסגעזונגען פון זייער באַהעלטעניש און אָנגעפילט די היים מיט רו און גליק.

פון דרויסן, איבערן ברוק, גאַנצע מעת־לעת'ן, טאָג ווי נאַכט, ציען זיך אָבאָזן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס לויפט צוריק. אייזן און שטיין יאָמערן אויס דעם מענטשלעכן צער, וואָס וואַרפט אָן אַ מרה־שחורה ביים געבראַזג פון די רעדער.

אין דער היים, ווי ליכטיקע זונען, ברוינע לאַבנס, אַליין געמאָלן, געקנאָטן און געבאַקן פון אייגן שווייס און פּראַצע, לייכטן מיט רו און זעט, וואָס גיבן שוץ פינף לעבנס, אין אַ דרויסנדיקן מבול פון בלוט און רציחה...

מדמויותיה של עירנו

במחיצתם של מאיר מייזלר ויעקב פרנקל

מאת **צ. ז. ויינברג**

בתחילת הסתיו של 1903, כשרק העברתי את בני משפחתי מאוסטרוב האדוקה לאוגוסטוב, ונשמתי לרווחה באווירה החפשייה של הסביבה, מצאתי עניין רב בחברת המכירים החדשים, בני עלייה, שהתוודעתי אליהם; ועם שכני, שגרתי מול ביתו, המורה לעברית, מאיר מייזלר, התקשרתי בידידות אמיצה, כמודע משכבר הימים.

הסתיו והחורף עברו עלי בעבודה קשה ומפרכת. ידידי ומכירי המציאו לי שיעורים פרטיים, שמהם התפרנסתי בקושי, העבודה היתה מרובה והשכר מועט, ומאיר מייזלר הדריכני בדרכי ההוראה וביחסי־אנשים, איך להורות ואיך לבוא במגע עם הבריות, והוא נעשה אפוטרופוס לי, והיה לי לעזר ולהועיל. עיקר כוחי היה בלימוד תנ"ך ואגדה ודברי ספרות, בלימוד הלשון והדקדוק צלעתי לא מעט, ויום יום לפני הלימודים הכשרתי את עצמי כהוגן ובמאמץ רב, ותמיד הייתי חושש שמא אכשל; וכך השתלמתי אט אט גם במקצוע זה, ובבואי ללמד נעשיתי למד.

בערבים, אחרי עבודה קשה ומיגעת, והליכה־שריכה מבית לבית, על חיבוטי־הערות מצד האמהות המפקחות על שיעורי, הגעתי הביתה, לעת ערב, עייף ורצוץ, אכלתי את לחמי ושכבתי לנוח; ולאור הנר, בחדרי הצר, קמתי והתנערתי, ואחזתי בעט סופרים, וקדחת הכתיבה אפפתני כולי, והפקיעתני ממרי יומי ומנטל עולי, וככה ישבתי וכתבתי עד שעה מאוחרת בלילה.

שלושה סיפורים העליתי אותו זמן, בסתיו וחורף, פרי עבודתי הראשונה, ויחד עם דברים אחדים (נסיונות בוסר, שהספקתי להראותם לסופר ה.ד. נומברג, עובר אורח באוסטרוב, שסמך ידו עליהם, ואמר לי כהאי לישנא: „צעירא, יש לך כשרון"...) הטמנתים במגירתי, ולא גליתים לשום איש, כי מרובים היו פקפוקי והסוסי, ובושתי להעלות על דל שפתי, כי סופר אני.

בחג הפורים הוזמנתי, אני ואשתי, אל ביתו של מאיר מייזלר. בילינו שם זמן ממושך. אחרי הסעודה הדשנה ושיחה ערה בצוותא, נתפלגה החבורה, הנשים התיישבו לחוד על הספה והמשיכו בשיחתן שערבה להן, ואני ומייזלר סרנו אל החדר השני, והחלפנו דיבורים בענייני המקצוע שלנו, ההוראה, ונגענו גם בענייני ספר. ולהפתעתי הרבה פתח מייזלר ארון הספרים שלו, ועל מדפיו היו מונחים כתבי־יד ארוזים וצרורים לעשרות, זה על גבי זה, ובצחוק־סרקסטי, מבוסם קצת, הערה את מרי נפשו לפני, שכל אלה

הכתבים, אשר עיני רואה אותם, שלח לא פעם אל מערכות שונות, ולא הצליח לפרסמם, שלחו לו בחזרה. „מילא — סיים בצחוק־מר — הרשעים הללו עשו שלהם, ואני עושה את שלי... איני מתייאש כלל״... ובתוך כך, הוציא, מתוך ערימת כתביו, גליון „הצפירה״, צרור יפה בנייר לבן דק, פתח ושטח לפני: „הנה סוף סוף זכיתי — אמר כמנצח — הדפיסו כתבה גדולה משלי, והקוראים מלאים התפעלות ממנה״...

מתוך נימוס קראתי את הכתבה במלואה. מאיר מייזלר ישב ממולי והציץ בי, ולא גרע עיניו ממני, וכשגמרתי הקריאה, אמרתי מה שאמרתי לשבחו, והוא שף בכפיו ועיניו



הסופרים יעקב פרנקל, צ. ז. וויינברג (1904)

נוצצו והפיקו קורת רוח מדברי, והוסיף ואמר: „הנה אתה רואה, גם יתר הכתבים אינם נופלים מזה... ואע"פ כן"... — נאנח ולא סיים, ולגם כוסית נוספת לפכח צערו.

הארכנו לשבת עד שעה מאוחרת בלילה, ושוחחנו מטוב לב ומהתקשרות ידידותית, וכשקמתי ללכת, בעמדי על הסף, נפלטה מפי, שלא מדעת, אימרה עצורה: „גם אני כותב לפעמים, גם לי יש כתבי־יד, אך אני לא שלחתי עוד לשום מקום"... כאשר שמע זאת מאיר מייזלר, לא הרפה עוד ממני, ליווני עד ביתי, ונאלצתי באישון הלילה לחפש את כתבי ולמסור לידו לקריאה.

למחרת, בצהריים, שושן פורים, סרתי שוב אל בית מאיר מייזלר לביקור סתמי,



מימין לשמאל: הסופר צבי זבולון ויינברג, מאיר מייזלר, משה בר אייזנשטאט, שמואל ויינברג (1904)

כדרכי, כשגם יום חפשי היה מלימודים, ואגב בהול הייתי לשמוע חוות דעתו על כתבי שמסרתי לו אמש, והנה מצאתי בחברתו חזן העיירה, שהתוודעתי אליו מזמן, והוא איש משכיל וחובב ספר, ושניהם כאחד קיבלוני בתרועה ובמחמאות, וציינו לשבח את סיפורי שקראום יחד, לפני בואי, וייעצוני לפרסמם בלי דיחוי.

ישבתי במחיצתם נפעם ונבוך, ונרעש מדבריהם הטובים, ומפוקפק בקרבי, שמא הגזימו ידידי אלה, והיה כי אשלח למערכת סיפורי אלה, ויהי גורלם כגורל כתבי מאיר מייזלר. שקלתי בדעתי ועצרתי ברוחי ולא עניתי דבר. באחרונה אזרתי עוז ואמרתי להם, שאין אני מסוגל לשלוח כתבי למערכת, כי ירא אני מהאכזבה הגדולה, כאשר ישלחו לי את הכתבים בחזרה. לשמע דברי אלה, פרצו שניהם בצחוק, והמשיכו והתייעצו ביניהם, והגיעו לידי מסקנה, שיש למסור כתבי אלה לסוחר יעקב פרנקל, תושב קבוע באוגוסטוב, וישמעו מה בפיו. הסכמתי להצעתם.

יעקב פרנקל זה היה ידוע לי. מיד בבואי לאוגוסטוב שמעתי עליו הרבה. קראתי משהו בספריו (תרגומו „תולדות האמונות והדתות" ו„דברי הימים" שלו), גם פגשתי את שמו בכתבי עת שונים. באוגוסטוב, יש שדרשו אותו לשבח וגם לגנאי. הללו את כשרונו, פקחותו ונבונותו, וגינו את עקשנותו, קשיחותו ונקמנותו, בספר הפולמוס שפירסם כנגד יריביו. אנוכי ראיתי אותו פעמים אחדות ברחוב וליד חנותו (חנות המנפקטורה של אשתו), ולפעמים גם סרתי לביתו, אל בנותיו, בשם אשתי, שהתיידדה עמהן, והצצתי אל חדרו, כשהוא יושב כפוף על ספריו וגליונותיו, ליד שולחנו, מעיין, הוגה וכותב; הרגשתי זעזוע פנימי, מעין יראת הכבוד, בהציצי לעברו, כך היה נראה בעיני סופר עברי, היושב על האבניים בפינתו החבוייה; וכשהיה קם ועובר לתומו, מחדרו למטבח, וראני במעמד בנותיו, ולא אמר דבר, ועיניו הבורקות כמו שפדוני ממש, נתבלבלתי ונחפזתי לצאת את הבית. מורם מעם היה בעיני, ונקלותי לעמוד במחיצתו.

ימים רבים עברו, ולא קיבלתי כל ידיעה על כתבי אשר בידו. גם מאיר מייזלר לא ידע מה להגיד: „אינו נחפז לקרא — הוסיף — טרוד הוא בשלו, אין להאיץ בו, כך דרכו, ואסור להטרידו ולהרגיזו"... נשכתי בשרי בשיני ושתקתי, ולא יספתי לשאלו עוד.

ימים מועטים אחר כך, פלטה רוזה, בתו הצעירה של יעקב פרנקל, בשוחחה עם אשתי: „שכחתי כלל... אבא ביקש שתסור אליו"... שמעתי, ולבי פעם בקרבי, והרבה הרהרתי בפגישה המיועדה. ברטט נכנסתי אל ביתו של יעקב פרנקל, והוא קם לקראתי, קיבלני בסבר פנים, הכניסני לחדרו, והושיבני למולו, הוציא במתינות ממושכת כתבי ממגירתו, משמש בהם קצת, כשוקל את טיבם, ומסרם לידי: „הסיפורים כתובים בכשרון — אמר — אך מלאים הם שיבושים ופגמים לא מעט"... הורדתי את ראשי, והוא הוסיף: „תמשיך, תמשיך לכתוב... יש לך ז'נר משלך... וסוף סוף תצליח"... דבריו אלה האחרונים עודדוני, הרימותי את ראשי והצצתי בו ישר: מכונס בכורסה, לבוש חלוק בוקר, שערות ראשו מכסיפות, זקנקנו הקצר שחרחר־אפור, ישב לפני כמו זקן שחוח, כולו מכווץ, כאילו צינה אחזתהו, ומצחו הרם ועיניו הבודקות הישירו נגדי: „יפה, יפה... — הפטיר רכות — אין לי כל ספק, יש לך כשרון... אך זה לא די... צריך ללמוד... ללמוד... לקרוא הרבה... ולרכוש ידיעות רבות"...

נפרדנו בידידות. מתיחותו הנוקשה נתרככה בעמדו על הסף ללוותני, אך לא ביקשני לסור אליו עוד. מפי מאיר מייזלר שמעתי, כי דיבר עלי טובות, אך עמו לבד לא באתי במגע עוד. נפגשתי עמו פעמים רבות ברחוב, בירכתיו לשלום, והוא כמו סטה לעברו, ולא נעצר כלל. ככה עבר זמן ממושך. באחד הימים הודיעה לי שוב בתו רוזה, כי אביה מבקשני לבוא אליו. הפעם קיבלני ממש בלבביות, כמו קורן עליו עור חדש, שוחח עמי ארוכות, שאלני בפרטות על מהלך עבודתי בהוראה ובכתיבה, העיר הערותיו בהומור קל ובעצה טובה, ובאחרונה, דרך אגב, אמר לי, לשם מה קראני אליו: „הוא קיבל הזמנה מאת הסופר בן אביגדור הידוע להשתתף בעתון החדש „הזמן״, עתון יומי וירחון, העומד לצאת בקרוב בווילנא, והוא רואה איפוא חובה נעימה לו לצרף את הסיפורים שלי, שקראם מזמן, במשלוח כתביו אל המערכת, אלא שעלי להביאם אליו, יחד עם יתר הדברים, שהוספתי לכתוב, כדי שהוא יגיהם מקודם ויכשירם כראוי, בטרם ישלחם לתעודתם.

מלאתי בשמחה אחרי דבריו, ונעשיתי יוצא ונכנס בביתו. שעות רבות ישב עמי, והעביר קולמוסו על כתבי, ועשה זאת בנחת ובדרוגזה: כשמצא איזה ביטוי הולם ופסוק כהלכתו, הצטמק במתק לשון ובנשימה קלה: „יפה, יפה... כך, כך״... וכשנתקל בשיבוש ובפגם לשוני, התרגז: „היאך, צעירא, היאך אתה כותב... הרי זה לא עברית כלל וכלל״... וכשמצא פעם סירוס בלשני, הצטחק במלוא קולו, ופנה אלי בלגלוגו השנון: „האיך, צעירא, האיך אתה מבלבל את היוצרות... ברחוב, אני רואה אותך לעתים תכופות, אתה יודע להבדיל בין זכר לנקבה... יודע אתה היטב לחזר אחרי הבנות היפות... וכאן, כאן, בכתביך... אין אתה מקפיד כלל וכלל... זכר ונקבה שניהם כאחד שווים בעיניך... הייתכן?!״...

יצאתי מפניו ברוח טובה, כשכתבי בידי, כדי להעתיקם לנקי, ולמסרם שנית לידו על מנת לשלחם למערכת „הזמן״. שעות שלמות בלילה ישבתי והעתקתי, וחרדתי על כל אות ומלה להעתיקן כראוי. כשגמרתי הכל, נחפזתי אל ביתו של יעקב פרנקל, ומסרתי לו ברטט את ההעתקים. הוא ישב למולי, כדרכו, בנחת, עיין בכתבי וקרא, קרא בהם בחשאי ובקול, ואנוכי לא גרעתי עיני ממנו. ישבתי כנידון המחכה לפסק דינו. כשסיים, הרים פניו, הציץ בי בתמיהה וגיחך: „האיך, היאך, צעירא, אותיות כאלה?!״... ליליפוטים... אותיות של „טל ומטר״... העורכים ינקרו עיניהם לקראם״... דפדף שוב בדפים, דפדף, עד הגיעו אל הדף האחרון, ופתאום פרץ בצחוק מכעכע: „כה... כה... איזו חתימה?!... איזה אורך?!... ממש שם ספרדי ארוך, ארוך... צבי זבולון וויינברג״... איזו אותיות?!... ואיזה גודל?!... כאן, בפנים, קטן, קטן, גמדים ממש!... וכאן, בסיפא, גדול, גדול, ענק ממש, צבי זבולון וויינברג״... התבייש לך, צעירא, הכך כותבים?!״...

לקחתי בבושת פנים את כתבי בחזרה, ישבתי שוב לילות שלימים להעתיקם מחדש, דקדקתי שיהיו מועתקים וערוכים כמתכונתם, בכתב ממוצע, לפי הוראת פרנקל, ואת שמי חתמתי בקיצור „צ.ז. וויינברג״, באותיות קטנות, שלא ייבלט כל כך. הבאתי כל זה לפרנקל, ומסרתי לו, כשידי רעדו, הוא בדק את כתבי ברפרוף, הצליף עין על הכתב ועל חתימתי, והצטחק קלות, טפח לי על שכמי וריצה את פעלי.

יצאתי ממנו שמח וטוב לב, וכל אשר בי רנן בקרבי אך בדרך ובביתי כרסמוני

ספקותי, כדרכי: „שמא יימלך פרנקל בדעתו ולא ישלח את כתבי... ואם ישלחם, מי ישים שם, במערכת, לב להם... ואם יקראו, מי יודע, מה יהיה גורלם... עוד ישלחו לי חזרה"... ככה נתלבטתי בספקותי ונפשי נקוטה עלי. כעבור ימים אחדים נכנסה שוב רוזה, בתו של פרנקל, אל ביתנו, ובידה חבילה של כתבים צרורים למשלוח, ומכתבה של אביה, שפתחה אותו מתוך סקרנות בזהירות, וצחוקה מלא פיה. וכך בערך כתב פרנקל, בסיום מכתבו, אל בן אביגדור: „הלא ידועה לך דעתי על הספרות היפה שלנו, המפטמים בה את הקהל העברי, שהיא לדידי בבחינת מותרות, ואין כל צורך בה, אלא מאחר שהקהל להוט אחריה, ואתם מוצאים בה עניין, הריני מצרף איפוא את סיפוריו של הסופר המתחיל צ.ז. וויינברג, שמכל שורה ושורה מבצבץ כשרון רב, וחומר טוב הוא לפי הטעם שלכם"... מצאתי סיפוק רב בדבריו אלה של פרנקל, ודעתי נתקררה עלי והחברה בביתי התבדחו עלי ועל „כשרוני הרב", שמצא בי פרנקל, וגרמו לי נחת רוח.

בביקורי הבאים אצל פרנקל, עשיתי את עצמי כלא יודע על מכתבו אל בן אביגדור, הבאתי לו למקרא כתבים חדשים, וכאשר שאלתיו, כמיתמם, אם שלח את סיפורי לבן אביגדור, ענני ברוגזה: „וכי מה חשבת, השארתי אותם בביתי?!... היש לי צורך בהם?!"... — ולא יסף לדבר עמי עוד, קרא את כתבי החדשים, עבר עליהם בקולמוסו, ושפך עלי מלוא תרעומותיו: „לשם מה לכתוב בזלזול שכזה, בשגיאות שכאלה?!... למה לא תטרח, צעירא, ללמוד משהו יסודי ולכתוב כהלכה, הלא יש בך כשרון, יש!"... ולא אמרתי לו, שאני יושב שבעה נקיים על כל דבר שאני מוסר לו לקריאה, ידעתי, כי לא יאמין לי.

באחד הביקורים הללו מצאתי בביתו את מאיר מייזלר היושב ודן עמו על מחברת עבה, שמסר לו לקריאה, ופרנקל ביטל את מאמרו תכלית הביטול: „לא מצאתי בו שום דבר בעל ערך — אמר — העברית אמנם לא רעה... אבל חוץ מזה אין בו כלום"...

— אבל ר' יעקב — טען מאיר מייזלר להגנתו — כאן, כאן... — והורה באצבעו על קטע אחד במיוחד, שנראה מאד בעיניו — גם פה, ר' יעקב, תאמר שאין כלום, גם פה?!... — סיים בתמיהה, ופניו אדמו.

— אבל, ר' מאיר, ר' מאיר — נענה אחריו יעקב פרנקל, בחקותו את קולו פעמיים — הנה שמת לפני דלי מים, ומכניס לתוכו מלבנית סוכר, הימתק?!... הימתק?!... — וסיים דבריו בצחוק דוקר. פני מיילזר חפו, ואני הסיבותי עיני, שלא לראות בקלקלתו, ועזבתי מיד את החדר, כנחפז לדרכי.

איש בודד היה, מתהלך בדרכו ומוזר לבני ביתו. אשתו היתה אדוקה מופרזת, קשורה לבית הכנסת ומתפללת בכל יום, והוא חפשי בדעות, אפיקורוס, רגלו לא דרכה בבית תפילה, אף ביום הכיפורים. בנותיו משכילות פורחות, ודעתו לא נחה מהן. יום יום היה משכים קום, נכנס לבית התה הקרוב, עובר על העתונים וחוזר הביתה, אוכל ארוחתו ומתיישב ליד שולחנו, ושעות על שעות יושב וקורא וכותב. רק לפנות ערב היה יוצא החוצה, מטייל, נטפל לפעמים אל יושבי קרנות, ובמעמדם היה מעביר תחת שוט לשונו אנשי העיירה, שנואי נפשו, ובארסיות מיוחדת היה שופך מרי בוזו ולעגו על

„עלגי פרצוף ועקומי גו" אלה, בכינוייו החביבים עליו, להנאת השומעים, ופורש מהם לטיוליו שקוט ורגוע, כמי שמילא תפקידו כראוי.

אל טיוליו אלה נלוויתי לא פעם, כי לא היה נוח לי להטרידו הרבה בביתו, והיה מקבלני ברצון, ושיחו היה מפכה כמעיין נובע, ודן באמרתו השנונה את אלופי עולם ואישי הרוח ברותחין. בייחוד היה רוגז ומתמרמר על פרישמן, שהעלה על נס את ניטשה ותירגם את דבריו: „משוגע זה, עקום המוח ופתלתול, ניוון זה של המאה התשע עשרה, הוא יורה דעה לנו?!... הוא איש המופת לנו?!"... וסיים בעקיצה: „נתפסנו ליפה, יפיפיותו של יפת, ואילו יפיפיותו זו משוחה ברעל, ומשחיתה כל חלקה טובה שלנו בספרות ובחיים"...

באחת השבתות יצאתי מבית הכנסת, בדרכי לביתי, פגשני פרנקל ועצרני, והיה במצב־רוח מרומם, ונשא משאו על גוי ואדם כאחד, ודיבר רתת על המאמינים הנתעים לשווא, והטיח דברים בוטים על בית הכנסת והבאים להתפלל בתוכו, והכה בשבט פיו את אנשי המזרח והמערב כאחד, ופתאום הציץ בי והבחין במעמדי הרופף כלפיו, ומיד שינה טעמו והוסיף: „לא לך דברי אמורים... אתה נראה בעיני תם ומאמין אמיתי... לך איפוא בדרכך זה, ויהי אלוהים עמך... רק אלה... הסוחרים באמונה ובאלוהים כאחד... הם... הם... שנואים עלי ולא אוכל שאת אותם ואמונתם כאחד...

בכל הפגישות אתו נבוכותי, ובושתי לשאול אותו על גורל כתבי, בינתים התייצבתי לבדיקת הצבא ונשתחררתי, אך נתדבקתי שם במחלת האבעבועות ונחליתי מאוד, וירחים רבים הייתי אסור אל מיטתי; וכאשר החלמתי והתאוששתי וירדתי ממיטתי, ישבתי ועיינתי בסיפורים שנדפסו אז במקומות שונים, והשויתי את סיפורי אליהם, לא מצאתי שנופלים הם מאלה שקראתי, והשתוממתי על העיכוב שחל בהם. כתבתי איפוא מכתב אל פרנקל, ושאלתיו אם קיבל איזו ידיעה בנוגע לכתבי, ועננִי בחריפות: „האין לך סבלנות? האומנם אתה חושב, ששם במערכת, אין להם עניינים אחרים, רק לטפל בכתביך?!... נדמתי ולא יספתי לשאלו עוד, נשאתי כאבי בחובי, והפקפוק בערכם של כתבי אכלני.

עברו עוד שבועות אחדים, וכאשר יצאתי בפעם הראשונה החוצה, אחרי מחלתי הממושכת, בשבת בבוקר, נשען על מקלי, וכולי מפועם ומבוסם מהלם האוויר הצח, פגשני מכירי ובישרני, כי נדפס סיפורי הראשון ב„הזמן", ואנוכי מיהרתי אל ביתו לראות הגליון המודפס, וכאשר הושיט לי מכירי את הגליון, טושטשה הכותרת נגד עיני (המערכת החליפה את סיפורי „הגנבה הראשונה" בשם אחר „נסיון") והתאדמתי, ודחיתי את הגליון מפני, כי לא האמנתי שזהו סיפורי והנה הגביה מכירי את העתון, והשורות הראשונות נגלו בעין, והכרתי כי שלי הן, ומיד נתבלבלתי, וגילה ורעדה אחזתני, וצנחתי על הכסא מרוב חולשה, ובבואי הביתה נאסרתי שוב אל מיטתי למעלה משבועיים.

מרוב מבוכה וחוסר אמונה בי, הריצותי מכתב אל מערכת „הזמן", ושאלתי לגורל יתר הסיפורים שבידם, וסיימתי בערך כך: „והיה אם אינם ראויים לדפוס — יואילו להחזירם ויודיעוני סיבת פסילתם", ומיד קיבלתי תשובה מאת אחד „דומשביצקי", שהסיפור השני יבוא בקרוב בגליון שבת הבא, והשלישי, אם כי לא קרא עוד, הרי בטוח

עס איז אויך נישט מעגלעך צו פֿאַרגעסן די אַלע פּרעכטיקע פּלעצער און ווינקלען פֿון אויגוסטאָוו, ווו יידישע קינדער און דערוואַקסענע ייִנגעלייט פֿלעגן טרוימען וועגן אַ בעסער לעבן אין אַ בעסערער וועלט, וועגן אַ צוקונפֿט אין ארץ־ישראל און וועגן בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פֿאַר זייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער

מיר זעען מיט דעם כוח פֿון אונדזער פֿאַנטאַזיע דעם שטאָטישן שפּאַציר־גאָרטן אין סאַמע צענטער פֿון „רינעק". דער שטאָט־זייגער אויפֿן שפּיץ פֿון מאַגיסטראַט דאָמינירט דעם אַרום און ווען דער גלאָק אויפֿן טורעם צעקלינגט זיך, איז דאָס אַן אָנזאָג אויף אַ „פּאַזשאַר". די זונטיקדיקע „זאַבאַוועס" אין שפּאַציר־גאָרטן זיינען נישט געווען פֿאַר יידן. אוּלאַנער פֿון שטאָטישן גאַרניזאָן פֿלעגן זיך נישט איינמאָל אָנשיכורן און פֿראַווען ווילדע שטיק. יידן פֿלעגן בעסער גיין אַ ביסל ווייטער. דאָרט ווו די לאַנגע גאַס האָט זיך געענדיקט איז געווען אַ „פּאַרק", אָדער „פּאַמניק", ווי מיר פֿלעגן דאָס רופֿן, צוליב דעם דענקמאָל פֿאַר די פּוילישע פֿרייהייט־העלדן, וואָס איז דאָרט געווען. אין דעם פּאַרק פֿלעגט מען קענען פּשוט פֿאַרשיכורט ווערן פֿון די שמעקנדיקע ריחות פֿון בעז און אַקאַציע־ביימער אין מאַי און יוני. פֿאַרליבטע פּאָרלעך פֿלעגן גיין נאָך ווייטער: צו דעם „וואל", ביי דעם ברעג פֿון קאַנאַל אונטער דער בריק פֿון סוואַלקער שאָסיי. אויפֿן גראָדנער שאָסיי איז נישט געווען אַזוי ראָמאַנטיש. דאָרט פֿלעגן בלויז מאַרשירן ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — השומר הצעיר, בית"ר און אַנדערע — זינגענדיק העברעישע מאַרשן און פּוילישע לידער. אָבער נישט שפּעט ביינאַכט. עס איז געווען אַ ריזיקע.

מיר זעען די ווינטערדיקע שנייען אָנגעהויפֿט איבער אונדזער שטעטל אין גרויסע בערג. די יוגנט פֿלעגט גיין זיך גליטשן „אויפֿן קאַטאָק". נישט גוט איז געווען מיט די קינדער פֿון דער אָרעמקייט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין וואַרעמע וואַליקעס, אָדער

קורטקעס, צי פאַלטאָס. אָבער דאָס יונגע בלוט האָט געוואַרעמט דאַן מער ווי דער מלבוש...

ווער איז געווען גליַיך מיט די דאָזיקע קינדער וואָס האָבן געקענט ווינטער גליטשן זיך אויפֿן שניי אין אַ פּראַסטיקן און זוניקן טאָג, פאָרן מיט שליטעלעך אין אַ רייע, צוגעשפּאַנטע צו אַ פערד (דאָס איז שוין געווען אַ לוקסוס) און וואַרפן זיך מיט האַרטע גאָמעלקעס?

נאָך פּורים, ווען עס פלעגן שוין אָנהייבן בלאָזן לינדערע ווינטלעך און מען פלעגט שוין שפּירן אין דער לופטן דעם אָטעם פון פרעכטיקן פּוילישן ערב־פרילינג, פלעגט גאָר זיין אַ שמחה ביי די קינדער. אפילו די גליטשיקע וועגן און געדיכטע בלאָטעס פלעגן נישט זיין קיין אָפּהאַלט. דער שניי פלעגט ווערן שוואַכער און דינער און אַנטפּלעקן אַלץ מער צעפאַרטע גרינע שטיקער פעלד און וואַלד.

און ערב פּסח? די צוגרייטונגען צו דעם גרויסן און שיינעם יום־טוב; דאָס שייערן און כשרן טישן און בענק, דאָס שווענקן די כלים און גלעזער, דאָס אויסקלאַפּן די בעטגעוואַנט, און דער עיקר — דאָס אַריינפירן מצה אין די אויסגעקאַלכטע שטיבער... ווי שיין איז דאָס אַלץ געווען. ווי דאָס האָט אָנגעצונדן די קינדערשע פאַנטאַזיעס.

אַזוי איז דאָס געווען מיט אַלע אַנדערע ימים טובים. אַזוי איז דאָס געווען אין אונדזער שטעטל, וואָס איז חרוב געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן.

*

אין יוני 1936 בין איך אַוועקגעפאָרן פון אַוגוסטאָוו קיין אורוגוויי, דרום־אַמעריקע, וווּ מיינע צוויי עלטערע ברידער זענען שוין געווען פון פריער. עטלעכע חדשים צייט — אין 1932 — איז דאָרט אויך געווען אַ דריטער ברודער מיינער. אָבער עס איז אים, ווייזט אויס, געווען באַשערט צו פאַלן אַ קרבן פון די נאַציסטישע שחיטות. ער איז געפאָרן צוריק קיין אוגוסטאָוו נאָכן אָפּזיין זעקס חדשים אין מאָנטעווידעאָ.

אין פּוילן איז שוין דאַן געווען נאָך פּשיטיק און נאָך מינסק־מאַזאָוויעצקי. די פּאָליטיק פון „אָווּשעם" האָט געדריקט מוראדיק אויף דער יידישער באַפעלקערונג. מען האָט דאָס בולט געשפּירט אויך אין אונדזער שטעטל.

זייענדיק אין אורוגוויי האָבן מיר — אַ גרופּע פון לאַנדסלייט און נאָר וואָס געקומענע פון דער אַלטער היים — ממש מיטגעפיבערט מיט די געשעענישן אין פּוילן. די מערהייט איז פאַרצערט געוואָרן פון בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים און נאָך די משפּחה־מיטגלידער, וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן.

ביז עס איז געקומען דער טראַגישער ערשטער סעפּטעמבער פון יאָר 1939. אין דער רשימה פון די פּוילישע שטעט וואָס זענען באָמבאַרדירט געוואָרן דורך דער דייטשער אַוויאַציע אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה, האָב איך אויך געזען דעם נאָמען פון אונדזער שטעטל אין אַן אורוגווייער צייטונג, אין יענע ערשטע טעג פון סעפּטעמבער.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז אונדזער שטעטל „באַפרייט" געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. בלויז איין בריוו פון מיינע „באַפרייטע" מוטער, שוועסטער און ברודער

האָב איך נאָך באַוויזן צו באַקומען אין מאָנטעווידעאָ. דאָס איז געווען דער איינצי־קער בריוו, אויף אַ טונקעלן און דיקן פּאַפּיר, אין אַ טונקעלן און דיקן קאָנווערט — אַ סימן פון דער „נייער" אָרדענונג, וואָס איז גלייכגעשאַלטעט געוואָרן אויפן סאָוויע־טישן שטייגער... עס איז שווער געווען עפּעס צו דערגיין פון אַזאַ בריוו. אָבער — דאָס ערגסטע איז געקומען שפּעטער. דער נאַצישער רוצח האָט זיך שוין געגרייט צו פאַרצוקן אַלע יידן פון מזרח־פּוילן און פון גאַנץ אייראָפּע. עס איז געקומען די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה, וואָס האָט געבראַכט די ערגסטע תוכחה אויף די קעפּ פון מיליאָנען יידן.

אויך אונדזער היים־שטעטל איז אַוועק דעם זעלבן וועג וואָס אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. די יידן פון אוגוסטאָוו זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע מערדער.

*

מיר דערמאָנען מיט אַ הייליקן ציטער אין האַרצן און מיט יראת הכבוד דעם אָנדענק פון אונדזערע עלטערן, פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, פון אַלע אונדזערע משפחה־מיטגלידער, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם. זאָל די אויסגאַבע וואָס די אוגוסטאָווער לאַנדסלייט אין מדינת ישראל גיבן איצט אַרויס, דינען ווי אַ מצבה אויפן קבר פון די אומגעקומענע.

מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן! זאָל זייער הייליקער אָנדענק זיין געבענטשט עד סוף כל הדורות.



מצבות עקורות ומחוללות

*

שרייט ארויס פון יעדן זאַמד, פון אונטער יעדן שטיין,
פון אַלע שטויבן שרייט, פון אַלע פלאַמען, פון יעדן רויך —
ס׳איז אייער בלוט און זאַפט, עס איז דער מאַרך פון אייער ביין,
ס׳איז אייער לייב און לעבן! שרייט ארויס, שרייט הויך!

שרייט אַרויס פון חיות־אינגעווייד אין וואַלד, פון פיש אין טייך —
זיי האָבן אייך געגעסן, שרייט פון קאַלכאויוונס, שרייט קליין און גרויס,
איך וויל אַ גוואַלד, אַ ווייגעשריי, אַ קול, איך וויל אַ קול פון אייך,
שריי אויסגעהרג׳עט יידיש פאָלק, שריי, אַרויס! — — —

— — קומט אַלע פון טרעבלינקי, פון סאָביבאָר, פון אָשווענטשים,
פון בעלזשיץ קומט, קומט פון פאָנאַר און פון נאָך, פון נאָך, פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פאַרגליווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד און אָן אַ שטים,
פון זומפּן קומט, פון בלאָטעס איינגעזונקן טיף, פון פוילן מאָך — —

קומט געטריקנטע, צעמאָלענע, צעריבענע, קומט, שטעלט זיך אויס,
אין אַ קאַראָהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסע רייף —
זיידעס, באָבעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט, ביינער יידישע פון פּראָשקעס, פון שטיקלעך זייף. — —

יצחק קאַצנעלסון
(פון „דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן פאָלק״)

בריוו פון געבליבענע

בעסטער פריינט חאַצקל מורזינסקי

דו קענסט זיך גאָרנשט פאָרשטעלן די גרויסע פרייד דערהאַלטנדיק פון דיר דעם בריוו. מיר האָבן פשוט געוויינט, אי פון שמחה און אי פון ווייטיק און יסורים. לייענענדיק נאָכאַמאָל פון דעם גרויסן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די מערדער אויף אייביק. איך מיט מיין פאַמיליע, דאָס הייסט דער טאַטע מיינער, די מאַמע, דריי שוועסטער האָבן זיך געראַטעוועט אַ דאַנק דעם וואָס מיר זענען גלייך אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד. מיין יינגסטער ברודער איז דאַן געווען אין מיליטער־דינסט און איז אַריינגעפאַלן צום דייטש אין פלען. ער האָט זיך אויך געראַטעוועט דורך דעם, ווייל ער איז גלייך אַריבערגעלאָפן אויף קיין רוסלאַנד. פון אָקטאָבער מאָנאַט 39־טן יאָר, האָבן מיר געלעבט אין אויגוסטאָוו ביז אַפּריל 40־טן יאָר, און דאַן זענען מיר אַלע געפאָרן קיין רוסלאַנד, אַ חוץ איינע אַ שוועסטער מיינע, וועלכע איז פאַרבליבן אין אוגוסטאָוו. זי האָט געאַרבעט אַלס אַ לערערקע אין דער יידישער שולע. זי האָט חתונה געהאַט פאַר איינעם אַ וואַסערמאַן, זיין טאַטע איז געווען אַ בעקער. די שוועסטער מיטן מאַן און מיט צוויי קליינינקע יינגעלעך זענען פאַרבליבן אין אוגוסטאָוו און זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אוגוסטאָווער יידן. זיי האָבן געוווינט אַנטקעגן חייקל׳ען, און האָבן זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט צוזאַמען ביזן טאָג פון זייער אומקום. איך זאָג דיר ליבער פריינט חאצקל, אַז עס שניידט דאָס האַרץ פון ווייטיק ווען מען דערמאָנט זיך אָן דעם אַלעמען, און כ׳גלויב אַז ביזן טויט וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונדזער גרויסן אומגליק. פאָרלויפיק וווינען מיר אין וורראָצלאַוו. דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן פון יידישן קאָמיטעט אין ריכבאַך דורך אונדזער אַ סובאַלקער באַקאַנטן. כ׳דאַנק דיר טויזנטער מאָל. זאָלן מיר כאָטש אויף ווייטער שטיין אין פאַרבינדונג. ליבער פריינט חאַצקל, מיר ווייסן נאָך נישט באַשטימט צו מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן און אויף ווי לאַנג. דערווייל האָב איך נישט צו דיר קיין שום ביטע, כאָטש דעם אמת זאָגנדיק נויטיק איך זיך אין הילף. נאָר פאַרשטיי אַליין, ביז מיין בריוו וועט דערגיין צו דיר, און ביז דיין הילף וועט אָנקומען צו מיר, דאַן קען זיין וועל איך שוין דאָ אין וורראָצלאַוו נישט זיין, ווייל מיר דענקן פון פוילן אַרויסצופאָרן. דערווייל אַרבעט איך אַלס אַ בעקער אַרבעטער אַון כ׳קום ווי עס איז אַדורך דעם טאָג.

מיינע שוועסטער און שוואָגערס גריסן דיך האַרציק.

וורראָצלאַוו, 10.8.45 **ראובן לנצ׳בסקי**

בעסטער פריינט האַצקל מורזינסקי קרעמאָנע 4.6.46

איך שרייב אייך אַן ענטפער אויף אייער בריוו. עס איז מיר נישט אָנגענעם צו שרייבן, ווייל אייער פאַמיליע איז מיט מיר געווען געבונדן ווי ברידער און שוועסטער. יעצט וועל איך אייך שרייבן גענוי. אייער פאָטער איז אומגעקומען ביי דער רעגיסטראַציע מיט אַלע מענער. דאָס איז געווען 2.7.41 צו יענעם טאָג האָבן זיי צונויפגענומען ביז 800 מענער, אין וועלכע עס איז געווען אייער פאָטער און אויך מיינע ברידער. מען האָט זיי אַלע אויסגעשאָסן 3 קילאָמעטער אויף סוואַלקער וועג אין וואַלד. געבליבן זענען מיר גאַנץ ווייניק מענער, נאָר פרויען מיט קליינע קינדער פאַרמאַכט אין אַ געטאָ הינטער דראָטן. אויף 2500 מענטשן, זענען מיר געווען 60 מענער, אין וועלכע עס איז געווען אייער ברודער חייקל מיט די קינדער און אויך אייער שוועסטער דאָבקע מיט דעם מאַן אָשר און מיט די קינדער. אייער ברודערס עלטסטער זון וואָלט געווען אַ רב, ער האָט געלערנט אין סוואַלקער ישיבה. איין טאָכטער האָט שוין געלערנט אין גימנאַזיום, און אַלע זענען געווען זייער גראָטן. איצט וועל איך אייך שרייבן וועגן אייער שוועסטערס קינדער: די טאָכטער איז געווען מיינע אַ חברטע, איר נאָמען איז לובקה. זי האָט שוין געהאַט אַ חתן, מיינעם אַ חבר. זי איז געווען פון די שיינסטע מיידלעך אין שטאָט, און אויך די זין זענען געווען גראָטענע קינדער. עס איז מיר אַ ווייטיק אין האַרצן, ווען איך דערמאָן זיך פון אַלעס. מיר האָבן צוזאַמען געלעבט און צוזאַמען געאַרבעט אין געטאָ און זיך געהאָלפן, ביז עס איז געקומען דער שרעקלעכער באַפעל צו ליקווידירן דעם געטאָ. אָנגעפירט מיט דעם האָבן דער סטאַראָסטע און דער בירגערמייסטער, די נעמען זענען: פאָן נאַמען און ריכטער. מיט דער הילף פון נאָך פאָליציי האָט מען אונדז פערלאָדן אין וואַגאָנעס און געשיקט קיין אוישוויץ, און דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע טראַגעדיע. דאָס איז געווען 6.1.1943. מען האָט אונדז אַרויסגענומען פון די וואַגאָנעס און איינגעטיילט אין רייען, און די געסטאַפּאָ האָט גענומען אויסקלייבן יונגע מענער און אויך פרויען, נישט וויסנדיק צו וואָס. פאַרשטייט זיך אַז קיינער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרנאַנדערשיידן מיט די פאַמיליעס, און אַזוי אַרום האָבן זיי אַ קליינע צאָל מענער מיט פרויען אויסגעקליבן און די אַלע האָבן זיי פאַרלאָדן אין אויטאָס און אַריינגעפירט אין קרעמאַטאָריום, פאַרגאַזט און פאַרברענט. דעמאָלט איז אומגעקומען אייער ברודער און שוועסטער מיט אַלע קינדער. די אויסגעקליבענע פאָר מענער און פרויען האָט מען אַריינגענומען אין לאַגער אויף שווערע אַרבעט. נישט קענענדיק אויסהאַלטן אייניקע טעג פון הונגער און קלעפּ פון די גראַבע שטעקנס וואָס האָט געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ — זענען געבליבן איך און איין מיידל פון אונדזער שטאָט. זי איז צוזאַמען מיט מיר אין לאַגער. זי איז נח דעם קצב׳ס אַ טאָכטער. די פאַמיליע איז רחל לעווינזאָן. זי וועט אַליין שרייבן אַ פּאָר ווערטער, און אויך זופּניצקי שמואל מיט זיין פרוי. ער איז געראַטעוועט געוואָרן ביי די פּאַרטיזאַנער. מער פון אונדזער שטאָט איז נישט געבליבן, אויסער די וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן אין רוסלאַנד אין 1940 יאָר.

יעצט וועגן וואָס עס פרעגט משה חיים הרשל דעם פורמאַנס. איר שרייבט נישט זייערע פאַמיליעס נעמען, נאָר מיר דוכט זיך, אַז ער מוז זיין פון דער פאַמיליע פּאָזנאַנסקי.

זיין פאָטער איז הרשל, די ברידער האָבן געהייסן איטשע, בנימין און דוד. מיר האָבן פאר דער קריג געהאַט שותפות איין סאַמאַכאָד. דער אַלטער הרשל פלעגט שטענדיק רעדן וועגן זיין געטרייען זון משה חיים. מיר דוכט זיך, אַז איר האָט צוזאַמען מיט מיין ברודער אברהם געוועזן אין מיליטער. אויב איר זענט טאַקע פון דער פאַמיליע, איז אייער פאָטער מיט די דריי העלדישע ברידער אומגעקומען צוזאַמען מיט די 800 מענער דעם 2.7.41. אויב איך האָב אַ טעות, טאָ שרייבט מיר די פאַמיליעס, וועל איך אייך אין אַ צווייטן בריוו ענטפערן.

וועגן איסער דעם סטאָלאַרס און לייבל דעם שוסטערס, וועל איך אייך יעצט נישט שרייבן. איר מוזט מיר שרייבן אויך די פאַמיליעס נעמען.

איך ענדיק מיין שרייבן. מיין בריוו זאָל אייך ביים בעסטן געזונט טרעפן. לאָזט גריסן מיין ברודער, שוועגערן און זון.

די צוויי טאָלער האָב איך ערהאַלטן.

איך וועל אייך בעטן, אויב עס איז אייך נישט צו שווער צו העלפן די צוויי אוגוסטאָווער, זאָלט איר זיי העלפן. אַמבעסטן איז אין בריוו, ווייל געלט אַזוי געדויערט ביז 2 מאָנאַט, און אַ בריוו — 7 טעג, און אַלעס איז אין אָרדענונג.

פון מיר אייער פריינט,

יחזקאל פיאַסצקי

בעסטער פריינט האַצקל מורזינסקי 23.6.1946

אייער בריוו האָבן מיר ערהאַלטן, פאַר וועלכן מיר זענען זייער צופרידן, איך מיט פיאַסעצקין. איך דאַנק אייך פאַר אייער זיך אינטערעסירן וועגן מיר. איך דאַנק אייך פאַר די פינף דאָלער און איר קענט זיך פאָרשטעלן ווי ס׳איז מיר צונוץ געקומען, ווייל איר קענט פאַרשטיין דאָס לעבן אין לאַגער. איך גלויב אַז מיר וועלן זיך טרעפן, וועל איך אייך אָפּדאַנקן. ערשט ווילט איר וויסן ווער איך בין פון אוגוסטאָוו. אייער ברודער לייבל איז געוועזן מיין חבר. איך הייס שמואל זופּניצקי, מיין מוטער האָט געהייסן צביה, און דער פאָטער וועלוול. איך בין אַלט 36 יאָר. מער קיין ספּעציעלעס. איך גרוס האַרצליך אַלע לאַנדסלייט.

אין אַ צווייטער געלעגנהייט וועל איך שרייבן מער. דערווייל דאַנק איך אייך פאַר אַלץ און ערוואַרט אַן ענטפער.

פון מיר אייער פריינט,

זופּניצקי שמואל

טייערער פריינט האַצקל!

וראָצלאַוו, דעם 21 אָקטאָבער, 1946

שוין אַ לאַנגע צייט ווי כ׳האָב דיר געענטפערט אויף דיין בריוו, און דאָך האָב איך נאָך ביז יעצט קיין ענטפער נישט געקריגן. נישט קוקנדיק, און זיך נישט דערוואַרטנדיק

פון דיר דעם ענטפער — שרייב איך דיר ווייטער. טייערער חאַצקל, ווי דיר איז באַקאַנט פון ערשטן בריוו מיינעם, האָבן מיר געדעכנט אַרויסצופאָרן פון פוילן. נאָר אין פאָריקן מאָנאַט האָבן מיר פלוצלונג געקריגן בריוו פון אונדזער ברודער משה, וועלכער געפינט זיך אין אורוגוויי — דו דאַרפסט אים געדענקן, כאָטש ער איז דאַן געווען נאָך אַ קליינער יאַט. דער ברודער רעכנט עטלעכע פערזאָן אַראָפּנעמען צו זיך און אַרבעט שוין אין דער ריכטונג. אַזוי אַז דאָס האָט געווירקט, אַז מיר זאָלן דעם באַשלוס וועגן אַרויס־פאָרן אָפּוואַרפן, און מיר האָבן באַשלאָסן וואַרטן ביז עס וועלן אָנקומען פּאַפּירן פאַר מיינע שוועסטער צו פאָרן קיין אורוגוויי. אויך האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט מעקסיקע, דאָרטן געפינען זיך אונדזערע פעטערס, אברהם דוד ראָזענפעלדס צוויי זין: אַבקע און אידל. זיי ווילן אויך אַראָפּנעמען עמעצן צו זיך. דערווייל האָבן זיי אַרויס־געשיקט אַ פּאָר פעקלעך פאַר די שוועסטער מיט די קינדער. טייערער חאַצקל, מיט אונדז וווינט יעצט צוזאַמען דער היטלמאַכער סענדער מוישע לענזינגער מיט זיין פרוי, די פרוי זיינע איז אונדזער פעטערס טאָכטער. ער האָט געהייסן איטשע קריניצקי, אַ שניידער. זיי זענען געקומען נישט לאַנג צו פאָרן פון רוסלאַנד, און קלייבן זיך צו פאָרן ווייטער, קיין פאַלעסטינע, צו זייערע פריינט. צופעליק האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען דאָ אין וורעצלאַוו, בין איך אַוועק און זיי אַריבערגענומען צו אונדז אין שטוב, און מיר וווינען יעצט אַלע צוזאַמען. איז אונדז אַביסל פריילעכער, ווייל פון אונדזערע אייגענע פון אוגוסטאָוו זענען נאָר זיי געבליבן און די איבעריקע, איז דאָך דיר שוין באַקאַנט, זענען אומגעקומען פון די דייטשע מערדערישע הענט, פאַרשאָלטן זאָלן זיי זיין אויף אייביק. טייערער חאַצקל, דיר איז אפשר נישט אַזוי שווער דאָס אַריבערצוטראָגן, ווייל ווי ס'זאָל נישט זיין, ביזטו דאָך פאָרט ווייט פון דאַנען. אָבער מיר געפינען זיך דאָ, אויפן אָרט אין פוילן און יעדן טאָג דערוויסן מיר זיך אַלץ מער נייעס פון מענטשן, ווען און ווי אַזוי זענען אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער און קינדער אומגעקומען. דעריבער איז אונדז דאָס שווערער אַריבערצוטראָגן, כאָטש מיר ווייסן, אַז דאָס איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, בלוטיקט דאָך דאָס האַרץ פון ווייטיק. ווו איך קען, פרעג איך זיך נאָך, אפשר: איז פאָרט געבליבן לעבן ווער עס איז פון דער אוגוסטאָווער שחיטה, אָבער ליידער, צום באַדויערן, ביז יעצט האָבן מיר נאָך אַלץ נישט פון אַזעלכע געהערט; מיר האָבן נאָר געהערט פון אַזעלכע אוגוסטאָווער, וועלכע זענען געוואָרן אַרויסגעשקט פון אוגוסטאָוו נאָך איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, און יעצט זענען זיי געקומען צו פאָרן פון רוסלאַנד. אויף אַזאַ אופן זענען טאַקע געקומען פון רוסלאַנד סענדער משה לענזינגער און פרוי. אַזוי ווי דו זעסט בלייבן מיר פאָרלויפיק דאָ אין פוילן. איך וואַרט, אַז פריער זאָל דער ברודער משה פון אורוגוויי און די קוזינען אַבקע און אידל פון מעקסיקע, אָראָפּנעמען אַ טייל פון אונדז צו זיך. דאַן וועל איך זען אויך ערגעץ צו פאָרן, ווייל דאָ שניידט דאָס האַרץ, און דאָס איבעריקע איז דיר אַוודאי באַקאַנט, ווי מען קוקט דאָ אויף אונדז יידן... טייערער פריינט, דו האָסט מיר געשריבן, אַז דו וואָלסט מיר געוואָלט מיט עפּעס העלפן, נאָר דו ווייסט נישט וואָס איך דאַרף האָבן. ליבער פריינט, וואָס זאָל איך דיר שרייבן, איך אַרבעט אין אַ בעקעריי אַלס אַן אַרבעטער, דאַרפסטו שוין אַליין פאַרשטיין, ביי אַזאַ יקרות ווי עס איז דאָ אויף זאַכן, אין וועלכע איך נויטיק

זיך זייער שטאַרק — קען איך זיך נישט דערלויבן. איז דעריבער בעט איך דיר, אויב דו קענסט — שיק מיר אַ פּאָסילקע זאַכן. דאָס וועט מיר גוט צוניץ קומען, און פאַר וועלכע איך וועל דיר זייער דאַנקבאַר זיין. פאַרבלייב געזונט ווי עס ווינשט דיר דיין פריינט — רופקע.

בעסטער פריינט חאַצקל מורזינסקי

איך האָב נעכטן געלעזן אייער בריוו צו ראובקן מיט דעם גרוס צו אונדז. מיר דאַנקן אייך זייער וואָס איר געדיינקט נאָך אונדז, בעסטער פריינט. פון דער צייט וואָס איר זייט אַוועקגעפאָרן פון אוגוסטאָוו זענען שוין פיל יאָרן אַריבער. דורך דער צייט האָט מען שוין פיל, זייער פיל אַדורכגעלעבט, איבערהויפּט אין די לעצטע מלחמה יאָרן. עס איז זייער שווער וועגן דעם צו שרייבן ווען מיר האָבן פאַרלאָרן, די בעסטע און די שענסטע. שוין נישט ריידנדיק פון אייגענע עלטערן און שוועסטער, נאָר אויך אַזעלכע פריינט, ווי אייער ברודער חייקעל ז״ל מיט אייער פאָטער ז״ל זענען פאַר אונדז געווען. עס איז מיר זייער שווער זייערע נעמען צו דערמאָנען און אַ טרער נישט אַרויסלאָזן. אָבער די קוואַלן פון טרערן זענען שוין לאַנג אויסגעטריקנט געוואָרן. מען איז שוין ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. אָבער אַ ווייטיק אַ גרויסער ווייטיק איז אין הארצן געבליבן; אַ פוסטקייט, וואָס עס איז נישטאָ מיט וואָס אָנצופילן. פון דער צייט ווען מען האָט מיר פון מיין היים צוגענומען, דעם 30־טן אָקטאָבער 1939, איז מיר נאָך איינמאָל אויסגעקומען צו זען אונדזער גוטן פריינט. מען האָט מיר אויף אַ חקירה ודרישה פאַרבייגעפירט ביי חייקלס קראָם און ער איז צופעליק פון שטוב אַרויס. אונדזערע בליקן האָבן זיך נאָר געטראָפן; רעדן האָט מען נישט געקאָנט. זייענדיק אין אַ יאָר אַרום פאַרשיקט אויף אַרבעט אויף 8 יאָר אויפן ווייסן צפון, פלעג איך גאַנץ אָפט בריוו פון אים באַקומען און אויך פּאָסילקעס, דאָס זעלבע גאָלדע, זייענדיק אַרויסגעפירט אויף סיביר פלעגט אויך דאָס זעלבע באַקומען. ביז דער טייוול היטלער איז מיט דער מלחמה קעגן רוסלאַנד אַרויס. דאַן בין איך באַפרייט געוואָרן, און זיי, די אומגליקלעכע, וועלכע זענען געבליבן אונטער היטלערס ממשלה זענען אומגעקומען, אומגעקומען אונדזערע בעסטע געטרייסטע פריינט, וואָס אַזעלכעס וועלן מיר שוין נישט האָבן. עס איז נאָך מער טרויעריק דאָס מען ווייסט אפילו נישט ווו זייערע ביינער רוען, מען זאָל קאָנען קומען זיך אויסוויינען אויף זייערע קברים. דורך דעם וואָס מען האָט מיך אַרעסטירט, בין איך טאַקעביים לעבן געבליבן. אָבער אַן אייביקער קאַליקע אויך געבליבן. זייענדיק אויפן וויטן צפון בין איך קרוב אַ יאָר אין שפּיטאָל געלעגן. עס איז שוין זאָגאַר געווען אַ צייט וואָס די דאָקטוירים האָבן מיר שוין פאַררעכנט צווישן די געשטאָרבענע. נאָר דורך אַ צופאַל לעבן געבליבן. אָבער דערפאַר געבליבן אַן אינוואַליד, פאַרלוירן אַן אויג, אַזוי בין איך דאָך אויך געווען שטאַרק קורצזיכטיק; געבליבן ביי אַן אומהיילבאַרער האַרץ־קראַנקייט, נירן־ און לעבער־קראַנקייט. עס טרעפט צייטן ווען מיר דריקט אַזוי שטאַרק צו מיינע ווייטיקן, בין איך מקנא די געשטאָרבענע. אָט אַזוי שטעלט זיך פאָר מיין לעבן. פאַרשטייט זיך אויף גאָלדן האָט

דאָס אויך זייער שלעכט געווירקט און זי קרענקט אויך. איר וואָלט אונדז נישט דערקאָנט ווי מיר זעען אויס. און וואָס ווייטער? וואָס וועט ווייטער זיין מיט אונדז — ווייסן מיר נישט. איר שרייבט דאָס איר געדענקט דאָס גאָלדע האָט ברידער אין אַמעריקע: פּיניע און חאַצקל. איר האָט געדאַרפט קאָנען אויך קאָפּל'ן, ער איז דאָך אויך אין אַמעריקע, מיר האָבן זייערע אַדרעסן, און ווען נישט זייער שטיצע אפילו נאָך אין רוסלאַנד זייענדיק, וואָלטן מיר שוין לאַנג פון הונגער אויסגעגאַנגען. טאַקע נאָר אַ דאַנק זייער הילף לעבן מיר. אָבער צי קאָנען זיי אַזוי פיל אונדז העלפן? ווען איך וואָלט עפּעס נאָך געקאָנט אַרבעטן און מעז וואָלט נאָך צוגעהאָלפן, וואָלטן מיר ווי עס איז אפשר געקאָנט אויסקומען. אָבער נישט פאַרדינענדיק אפילו אַ גראָשן די גאַנצע צייט און די הוצאה איז אַזוי גרויס, ווייל זיך קורירן און רעצעפּטן קאָסטן דאָ פיל געלט. די שטריינגע דיעטע מיינע איז פאַרבונדן מיט זייער גרויסע געלטער, אַזוי, אַז מיר מוזן אָנקומען אויך צו זייטיקע, פון גוטע באַקאַנטע, הילף. איר זאָלט מיר זייער אַנטשולדיקן פאַר מיין אַזוי שרייבן, אויפקלערן מיין לאַגע אייך.. יעצט וואָלט איך אייך וועלן פרעגן ווער איז דער פרעזעס פון אוגוסטאָווער קאָמיטעט סאָל לאַנג. צי איז דאָס נישט אַמאָל לאַנגרעוויצעס מאַטיע, דעם פעלשערס אַ זון? מיר פאַרשטייען לויט דעם איבערגעמאַכטן פאַמיליע נאָמען, דאָס עס איז שאול לאַנגרעוויץ, אָדער שעפּסל. אויב יאָ, צי באַקומען זיי בריוו פון דער שוועסטער חיה'קע. זי געפינט זיך אויף דעם צווייטן זייט גרעניץ, אין עסטרייך, דוכט זיך, מיט אַ שנור און אייניקל.

מיר האָבן געלעזן דעם אויפרוף וואָס איר אָרדענט איין אַ הספד נאָך די געפאַלענע קדושים. דאָס האָט געמאַכט אויף אונדז אַ געוואַלטיקן איינדרוק. מיר,ליידער, קאָנען גאָר נישט קיינע ספּעציעלעס טאָן, ווייל אינגאַנצן זענען מיר דאָ פון אוגוסטאָוו אַ נישטיקע צאָל געבליבן, און עס איז נישטאָ מיט וועמען. איך וועל אייך אין אַ באַזונדערן בריוו אַ צווייטן מאָל שרייבן וועגן דעם. איר שרייבט אויך וועגן אַ בשותפותדיקן קאָאָפּעראַטיוו פון סובאַלקער און אוגוסטאָווער, דאָס איז ליידר אַן אַוממעגלעכע זאַך. וועגן דעם גאַנצן ענין איז דאָ אַ סך צו שרייבן. ווען עס וועט זיך געפינען אַזאַ וואָס וועט אייך וועלן פאַראינטערעסירן מיט דעם — זאָלט איר ווייסן, אַז עס שטעקט אין דעם אַ צווייטע כונה. איך וועל אייך זייער בעטן וועגן מיין שרייבן קיינעם נישט איבערגעבן. איך וועל ענדיקן מיין ערשטן בריוו צו אייך און האָף דאָס אונדזער קאָרעספּאָנדענץ וועט זיך אָנהאַלטן. מיר וועלן אייך זייער דאַנקבאַר זיין ווען מיר וועלן פון אייך אַן ענטפער באַקומען.

זייט געזונט. מיר ווינטשן אייך אַ פריילעכן יום־טוב פסח. גרוסן פאַר אייער פרוי, אומבאַקאַנט, און קינדער, און אַלע אונדזערע לאַנדסלייט,

ווראָצלאַוו, 18.3.47.

אייער פריינט,

סנדר משה און **גאָלדע לנזינגר**

בעסטער פריינט חאצקל

אייער בריוו פון 3/4 דערהאַלטן. מיר דאַנקן אייך זייער פאר אייער באַלדיקן ענטפער, און איבערהויפּט פאר אייער פאַראינטערעסירן זיך וועגן אונדז אַלעמען. טייערער פריינט, לעזנדיק אייערע בריוו דערוויסן מיר זיך זאַכן, וועלכע מיר זייענדיק אין פּוילן ווייסן נישט דערפון. וועגן אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, ווי און ווו זיי זענען אומגעקומען. זייענדיק אין רוסלאַנד האָבן מיר זיך פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט פאָרשטעלן דאָס קומען צוריק אין פּוילן און נישט זיין אין אוגוסטאָוו. אָבער, ליידער, דער ביטערער אמת האָט אונדז געוויזן דאָס עס קאָן אַזעלכעס זיין. ערשטנס, ווייל אין אוגוסטאָוו איז נישטאָ קיין איין ייד, און ווידער, דאַן איז די לאַגע אַזוי געווען, דאָס קומען דאָרט האָט געהייסן פאָרן אויף אַ זיכערן טויט. און קיינער האָט שוין נישט געוואָלט ריזיקירן דעם לעבן. דער געגנט איז אַזוי פאַרסמט געוואָרן פון די היטלעריסטן, דאָס אין גאַנץ ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדסטווא איז, אויסער אין ביאַליסטאָק, קיין יידן נישטאָ. עס איז דאָ אייניקע יידן אין סובאַלק אויך, וועגן אוגוסטאָוו איז גאָר קיין רייד נישט דאָס מען זאָל דאָרט קאָנען פאָרן. עס זענען דאָ פאַראַן מענטשן ווי באַראוויץ, אויך די ברידער רעכטמאַן זענען דאָ געווען, און וואַקסמאַנס, וועלכע האָבן דאָרט פיל הייזער איבערגעלאָזן, און קיינער פאָרט נישט כדי די הייזער פארקויפן אזוי זעט אויס די לאַגע. פאַרן 39־טן יאָר איז שוין געווען גענוג פאַרסמט דער גאַנצער געגנט. און ווי די דייטשע רוצחים זענען דאָרט געווען, ווען יידיש בלוט און פאַרמעגן איז געווען הפקר, דאָס האָט אינגאַנצן פאַרערגערט אויך אויף יעצט די לאַגע. אמת די רעגירונג נעמט אָן אַלע מיטלען אום צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם, און אין אַ גרויסן פּראָצענט האָט זיך איר איינגעגעבן. אָבער די נישטיקע צאָל יידן וואָס זענען געבליבן לעבן, ווילן שוין בעסער לעבן ווו יידן געפינען זיך. און אין אַלגעמיין, אפילו זוכן די קברים וועט מען אויך נישט געפינען, ווייל די רוצחים האָבן דעם פּלאַץ ווו זיי זענען געלעגן אין גאַנצן באַגאָסן מיט אַ פליסיקייט און פאַרברענט, פאַרווישט יעדן שפּור. אפילו דעם אַלטן בית־עולם האָט מען אויך פאַראַקערט, מיט די מצבות האָט מען גאַסן ברוקירט און אונטערגעשפּאַרט אונטער הייזער. עס איז נאָך אַ זעלכע שאַנדהאַפטן נישט געטאָן געוואָרן צייט די וועלט שטייט. און היינט צו טאָג האָט נאָך די וועלט מער מיטלייד מיט די רוצחים, די דייטשן, אידער מיט די אייביק אומגליקלעכע יידן. אָט אַזוי זעט אויס אונדזער לאַגע. און ווי לאַנג קאָן מען אַזוי לעבן? אויף דער פראַגע גיט אונדז קיינער קיין ענטפער. איר פרעגט פאַרוואָס זיינען אַזאַ קליינער צאָל פון אוגוסטאָוו אין רוסלאַנד געווען. וועל איך אייך שרייבן דאָס פון אוגוסטאָוו זענען אין רוסלאַנד געווען נאָר די וועלכע זיינען פאַר פאַרשידענע זאַכן געמשפּט געוואָרן. לאָמיר זאָגן: איך און קעסטין — פאַר ציוניזם. עס זענען אויך פאַר דעם זעלבן חטא אליאב חלופיצקי און ארימלאנד אבא ע"ה פאַרהאַלטן געוואָרן, נאָר זיי זענען שוין צוריק נישט געקומען; נאָך אַנדערע — ווייל זיי זענען גרויסע געשעפטס לייט זעווען, אַנדערע — צוליב אומלעגאַלן האַנדל, און איינציקע וואָס זענען אין סאָוויעטישן מיליטער געווען. די פאַמיליעס האָט מען אַרויסגעפירט נאָך אין 1940. די מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט,

אָפּגעווען אין ווייטע געגענדן אין סיביר, געאַרבעט ביי אַזעלכע אַרבעט וואָס קיינעם האָט זיך נישט געחלומט דאָס עס וועט אים אויסקומען ביי אַזעלכעס צו אַרבעטן. פאַר־קויפט אַלעס פון זיך, כדי קאָנען ווי עס איז אַדורכקומען די צייט, געהאָפט דאָס מען וועט נאָך אַהיים געפינען, קאָנען ווי עס איז ווייטער אַ לעבן פירן. אויסגעלאָזן האָט זיך דערפון אַ ביטערער חלום. די ווירקלעכקייט האָט אונדז גאַנץ אַנדערש געוויזן. מען נעמט וועגן דעם זיך אַביסל דערמאָנען ווערט אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן, דאָס דער גאנצער לעבן ווערט נישט ליב. יעצט, ווער עס איז נאָך געקומען אַ געזונטער, כאָטש פאָלקאָם געזונט איז קיינער נישט, קאָן מען צוטרעטן צו עפּעס אַן אַרבעט, פיל ווינציק פאַרדינען און צו קריגן נאָך עפּעס שטיצע — איז דאָך אויך דער ווייטיק געגוג גרויס. אָבער אַזאַ ווי איך, וואָס איין אויג האָב איך אינגאַנצן פאַרלאָרן אין די טורמעס און לאַגערן, און אויף דער צווייטער — קוים וואָס מען קוקט אויף איר; געבליבן ביי אַ שווערן האַרץ פעלער, שווערע נירן קראנקייט, אין גאַנצן צעבראָכן געוואָרן, אַז איך דאַרף לעבן נאָר פון שטיצע, און גלויבט מיר, אַז נישט איינמאָל בין איך מקנא חייקלען ע״ה און אַנדערע אונדזערע גוטע פריינט, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם, אָבער וואָס קאָן מען העלפן, מען לעבט איבער געוואַלד, כאָטש דאָס לעבן האָט קיין שום טעם נישט. איך ווייס דאָס איך בין נישט איינער אַזוי געבליבן, אָבער יעדער פילט זיין ווייטיק. אמת, גאָלדעס ברודער פיניע שטיצט אונדז, אויך קאָפּל, אַ ביסל, אָבער צי קען מען דען אַ לעכערדיקן זאַק פול מאַכן? איז טאַקי נאָר אַ דאַנק זייער שטיצע און פון דער שטיצע פון אוגוסטאָווער קאָמיטעט האַלט מען זיך אויס. ביז גאָט וועט העלפן, אפשר וועט זיך אונדז איינגעבן צו עמיגרירן אָדער אין פּאַלעסטינע, אָדער אין אַמעריקע, קאָנען די ביסל יאָרן וואָס אונדז וועט אויסקומען צו לעבן צווישן אייגענע. איר פרעגט צי איז אמת דאָס אַנדערע דאַרפן נישט און נעמען שטיצע. קאָן איך דיר שרייבן, דאָס ווער עס קומט בעטן, מוז מען אים געבן, ווייל מען זאָגט: קיינער ווייסט נישט ווען דער שוך קוועטשט. מען קאָן אויף הונדערט פּראָצענט דעם אמת נישט וויסן. אַלע האָבן געליטן און אַלע ליידן — ווער אין אַ גרעסערע מאָס און ווער אין אַ קלענערע מאָס. דערום האָבן מיר אַפּעלירט צו אייך וועגן דעם ענין וואַקסמאַן: איך האַלט אַז מען דאַרף אים אַנטקעגן קומען.

זייט געזונט. אייער פריינט

סנדר משה און **גאָלדע לנזינגר**

פּ. ס. — איך וויל נאָך צוגעבן, אויב איר שטייט אין פאַרבינדונגען מיט אונדזערע אוגוסטאָווער ברידער און שוועסטער אין אַנדערע שטעט, קאָנט איר זיי מעלדן, דאָס זיי זאָלן נישט געבן קיין געלד, אָדער זאַכן, פאַר דעם סובאלקער קאָמיטעט, ווייל דאָרט ווו עס זענען פאַראַן בשותפותדיקי קאָמיטעטן פון סוואַלק־אויגוסטאָוו, באַקומען מיר פון די סוואַלקער גאָרנישט אויסגעצאָלט. מיר האָבן שוין אַזעלכע פאַלן. עס איז אָנגעקו־מען ביי זיי דאָ, אין נידערשלעזיען, ביי דעם פאָרשטייער פון די סובאַלקער, ה׳ סמיטשעכאָווסקי גדליה, געלט פון טשיקאַגאָ און אַרגענטינע (דאָרט איז בשותפותדיקע

קאָמיטעטן), און מיר האָבן קיין אײן פּרוטה דערפון נישט באַקומען. גלייכצייטיק זענען אָנגעקומען זאַכן פון אורוגוויי — אויך אַ בשותּפותדיקער קאָמיטעט — און זייער פאָרשטייער אין ווראָצלאַוו האָט אונדז נאָך ווינטער געזאָגט, דאָס פון אורוגוויי וועלן מיר באַקומען אַ חלק. אַמענדע האָבן זיי אונדז גאָרנישט געגעבן. אַלזאָ, פאָדערן מיר אויף, דאָס אונדזערע אוגוסטאָווער לאַנדסלייט זאָלן זיך נישט באַטייליקן אין די בשותּפותדיקע הילפס אַקציעס מיט די סובאַלקער.

איר קאָנט דאָס פאַרעפנטלעכן זאָגאַר אין דער פּרעסע.

מיט אַכטונג און דאַנק
לנזינגר סנדר (סעקרעטאַר).

ווראָצלאַוו, 20.4.47

1426/260

צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע

ביים צענטראַל קאָמיטעט

פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע.

היסטאָרישער פראַגעבויגן וועגן חרוב געוואָרענע יידישע ישובים און אומגעקומענע יידישע פערזענלעכקייטן

1. שטאָט אוגוסטאָוו. קרייז ביבליאָטעק. לאַנד פוילן.

2. ווי אַלט איז געווען דער יידישער ישוב?

3. וויפל יידן האָבן דאָרט געלעבט ביז דער מלחמה? — ביי 4000 נפשות *

4. וואָס זענען דאָרט געווען די הויפּט־מקורות פון פרנסה? — האַנטווערקער 70%, קליינהאַנדל און סוחרים 30%.

5. וועלכע און וויפל קהלשע מוסדות, געזעלשאַפטלעכע קולטור־אַנשטאַלטן, פאַר־איינען און אָרגאַניזאַציעס זענען געווען אין שטאָט, און וואָס איז היינט זייער גורל? (ווי שולן, בתי־מדרשים, ישיבות, בית־הקברות, מושב־זקנים, קינדער־היימען, שפּיטאַלן, לינת־הצדק, לערן־שולן, ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, דראַמאַטישע קרייזן, קאָאָפּעראַטיוון, בענק, גמילת־חסד, פּראָפעסיאָנעלע און האַנטווערקער פאַראיינען, פּאָליטישע פּאַרטייען און אַזוי ווייטער).

— אַ גרויסע שוהל, אַ בית־המדרש, בית־הקברות, הכנסת אורחים, ביקור חולים, תלמוד־תורה, יידישע ביבליאָטעק מיט 10 טויזנט ביכער, דראַמאַטישער קרייז, קאָאָפּעראַטיווע באַנק, גמילות חסד, קליינהאַנדלער פאַראיין, האַנטווערקער פאַראיין, „חלוץ“.

די דייטשן האָבן אַלעס פאַרניכטעט אין יאָר 1941; אין די צייט פון די רוסן איז אַלעס טעטיק געווען.

6. וועלכע זעלטנהייטן האָבן זיך געפונען אין קהלשן באַזיץ און אין פּריוואַטע הענט, און וואָס איז היינט זייער גורל? (ווי געביידעס, מצבות, פּנקסים, תשמישי־קדושה, ווי: פּרוכתן, עטרות, בשמים־ביקסלעך, ספרים, בילדער א.א.וו.).

7. די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין שטאָט פון אָנהויב מלחמה (1.9.1939):

א) ביז דער נאַצי־אָקופּאַציע

— די רויטע אַרמיי האָט אונדזער שטאָט פאַרנומען אין אָנהויב פון מלחמה. זיי האָבן אַרעסטירט 4 ציוניסטישע טוער; איינער מיטן נאָמען הערשל פּאַפּיראָוויטש. ער

---

* מער ווי צוויי מאָל אַזויפיל נפשות זענען געווען אין שטאָט.

איז נאָך 8 מאַנאַטן אַרעסט געוואָרן באַפרייט, די רעשט געדענק איך נישט די נעמען. זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד.

ב) אונטער דער נאַצי־הערשאַפט: (דאַטע פון אַריינמאַרש, די ערשטע פאַראָרדע־נונגען קעגן יידן, ערובניקעס, קאָנטריבוציעס, קאָנפיסקאַציעס, געטאָ — אָפענער אָדער געשלאָסענער, — עינויים, בערד שניידן, אָפּצייכענונגען, צוואַנג־אַרבעט, דאָס איבער־זידלען יידן פון שטאָט אין אַנדערע מקומות אָדער פאַרקערט, פּאָגראָמען, עקזעקוציעס, רויבערייען, ווי אַזוי איז געשען די ענטגילטיקע ליקווידאַציע פון ישוב? — דאַטע).

— גלייך, זונטיק דעם 22־טן יוני 1941, 6 אין דערפרי, איז די דייטשע אַרמיי שוין געווען ביי אונדז אין שטאָט, זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן מוזן ספּעציעלע אָפּצייכענונגען, און יעדן טאָג זענען געכאַפּט געוואָרן יידן צו פאַרשיידענע אַרבעטן. ענדע יולי דעם זעלבן יאָר האָבן אַלע יידן געמוזט אַרויסגיין אויף אַ פּלאַץ, מכלומרשט זיך צו רעגיסטרירן. דאַן זענען 1500 מענער גענומען געוואָרן קיין שטשעברי אין וואַלד. איך מיט נאָך 30 יידן זענען אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאַך־מענער, צוריק אין שטאָט. מ׳האָט די יידן געהאַלטן דאָרט 3 טעג אָן עסן, און דאַן זענען זיי אַלע אויסגעשאָסן געוואָרן אין וואַלד דורך ס. ס. מענער.

ענדע אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ, און אין איין צימער זענען געווען אַרום 15 מענטשן. דאָס געטאָ איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטכאַלדראָט און באַוואַכט מיט פּוילישע פּאָליציי. סך הכל זענען געווען 70 מענער מיט 1500 פרויען אין געטאָ. יעדן טאָג האָבן מיר געמוזט גיין צו די אַרבעט. אינדערפרי יוני 1942, איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פּוילישע פּאָליציי און ס. ס. מענער. מיר זענען געוואָרן אַרויסגעפירט קיין באַגושע, ביי גרייעווע, דאָרט זענען געווען צונויפגעזאַמלט ביי זיבן טויזנט יידן פון אַלע אַרומיקע ישובים. מיר זענען דאָרט געווען 6 וואָכן. מיר האָבן באַקומען 100 גראַם ברויט מיט אַ האַלבן ליטער זופּ טעגלעך. דאָרט זענען במשך די 6 וואָכן אויסגעשטאָרבן 2000 יידן. ענדע אויגוסט האָט מען געמאַכט אַ סעלעקציע: דריי טויזנט זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע און צוויי טויזנט — זענען געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. איבערגעלעבט האָבן מיר ס״ה 3 יידן פון לאַגער.

8. באַציאונג און האַנדלונג פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.
— זער שלעכט. זיי האָבן דירעקט זיך באַטייליקט אין אַלע זאַכן.
9. האָבן די יידן אין דעם אָרט אָרגאַניזירט אַ ווידערשטאַנד?
— ניין.
10. צאָל לעבן געבליבענע פון דער שטאָט — 15.
א) דורכגעמאַכט קאַצעט: 3 — אושוויץ.
ב) זיך געראַטעוועט דורך אַנדערע אופנים און וועלכע? — 12, אין רוסלאַנד.
11. אַנגעזעענע פערזענלעכקייטן: (נאָמען, עלטער, באַרוף, טעטיקייטס־געביט; דאַטע און אופן פון אומקום).

אָ ר ט : רעגענסבורג.

23.4.47 זאב קאלשטיין (עדות)

יידישע וואַיעוואָדישע היסטאָרישע קאָמיסיע

ביאַליסטאָק 20.2.1947
ל. ג. 35/37

איבערגעגעבן פון יחזקאל פענדזוך, געבוירן 1901 אין ביאַליסטאָק. בעת דער אָקופּאַציע געלעבט אין ביאַליסטאָקער געטאָ. דעם 14.8.43 אַרויסגעפיר'ט געוואָרן אין אוגוסטאָוו, און נאָך דער ליקווידאַציע געבראַכט אין ביאַליסטאָקער תפיסה. איבערגעלעבט אין דזיאַלדאָוואָער לאַגער. געפינט זיך איצט אין ביאַליסטאָק.

דעם 14.8.1943, האַלב דריי ביינאַכט, האָט מיך די געסטאַפּאָ אין דער באַגלייטונג פון יידישע פּאָליציי אַרויסגענומען פון שטוב און אין טויטן־קאַסטן אַרויסגעפירט אונטערן שטאָט. כ'האָב נישט געוווסט ווו מען פירט מיר. ערשט נאָך קנישין, האָט מיר דער נאָכפאָרנדיקער אין אַ טאַנקעטקע, קליין, געזאָגט אַז מען פירט מיך קיין אוגוסטאָוו אויף אַרבעט.

קומענדיק דאָרט, האָב איך אין אַ ווילע געטראָפן ביאַליסטאָקער סטאָלאַרס, וועלכע האָבן שוין דאָרט לאַנג געאַרבעט: יונה ליס, פורמאַנסקי, מאַרכאָווקי מאיר און געלמאַן, די איבעריקע פאַמיליעס געדענק איך נישט, צוזאַמען 6 מאַן. זיי זענען געוועזן שטאַרק צעשלאָגן, ווייל מיט אַ טאָג פריער האָט זיי דער אוגוסטאָווער לאַגער־קאָמענדאַנט געכאַפּט, אַריינגעפירט אין לאַגער, ווו זיי האָבן געקריגן צו 25 שמיץ יעדער און לסוף געצווונגען זיי אין משך פון 2 מינוט אויפעסן אַ דייסע קאַרטאָפל־זופּ, פון וואָס זיי איז געוואָרן בלאָזן אין מויל . . . דערזעענדיק מיר האָבן זיי זייער באַדויערט, דער ת. ליס האָט געזאָגט: יחזקאל דיר האָט מען אויך געבראַכט דאָ פאַר אַ קרבן...

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַרויסענדיקן אַ ווילע פאַר דעם גענעראַל קאָנאריוס.

אין אייניקע טעג אַרום זענען מיר געגאַנגען אין שטאָט צו אַ פוילישן פריזיער זיך אָפּראַזירן. דער האָט אונדז דערציילט, אַז זייענדיק אין ביאַליסטאָק, האָט ער געזען ווי דאָס געטאָ ברענט און אַלע יידן פירט מען אַרויס, וווהין ווייסט ער נישט. נאָכער איז געבראַכט געוואָרן דער בוי־טעכניק לענקאָוויצער, וועלכער האָט אונדז איבערגעגעבן גענוי דעם פאַרלויף פון דער ליקווידאַציע און אַז 140 אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין געסטאַפּאָ פירט מען אָפּ אין לאָמזשער תפיסה, די איבעריקע ווערן עוואַקואירט קיין לובלין (מיידאַנעק). ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן מיין פרוי און קינדער האָט ער באַשטעטיקט, אַז אויך זיי האָט מען שוין אַרויסגעפירט. עס איז איבעריק איבערצוגעבן מיינע איבערלעבונגען. פון יענעם מאָמענט בין איך גרוי געוואָרן, און הגם איך בין אַלט נישט מער ווי 46 יאָר בין איך שוין גרוי ווי אַ טויב.

דאַן האָבן מיר אָנגעהויבן קלערן ווי אַנטלויפט מען. אין די דערביאַיקע וועלדער איז געען אוממעגלעך, ווייל דאָרט זענען געווען די פוילישע פאַרטיזאַנער א. נ.

„מלאַדאַ פּאָלסקאַ“, אויף יעדער בוים אין וואַלד איז געווען אַן אויפשריפט: „פּאָלסקאַ בעז זשידאָוו אי בעז ראָסיאַנאָוו“*. מיר האָבן אָנגעפּאַנגען גראָבן אַ טונעל אין קעלער פון אונדזער אַרבעטס־אָרט, אָבער פיל זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז ס׳וועט אונדז נישט געלונגען איינצושאַפן די געהעריקע שפּייז־פּראָדוקטן און וואַסער.

וואָיעוואָדישע היסטאָרישע קאָמיסיע נר 1267

ביאַליסטאָק 1945, 10.11.

ל. ג. 97.

זכרונות אָנגעשריבן דורך פאַניא לאַנדאַו, געבוירן אין יאָר. . . אין ביאַליסטאָק. געלעבט אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אַרויסגעפירט אויף אַרבעט צוויי טעג פאַר ענטגילטיקער ליקווידאַציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ. זיך דערוואַרט די באַפרייאונג אין אָשווענטשימער לאַגער.

איך האָב געלעבט אין ביאַליסטאָקער געטאָ און געווען באַשעפטיקט ביי שוואַרצער אַרבעט צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן אויסערן געטאָ אין ס.ר. מיט דער אַרבעט האָט דאָרט אָנגעפירט אַ יידישער אינזשיניער פון געטאָ לענקאָוויצער זיגמונט, שטאַמט פון וואַרשע.

דעם 13־טן אויגוסט פאַלט אַ באַפעל דורך אינזשיניער לענקאָוויצער, אַז צוויי פרויען און פיר מענער מוזן פאָרן נאָך אויגוסטאָוו, ווייל די ווילע פון אינספּעקטאָר קאַנאַריוס מוז ווערן ביז דעם 15־טן אויגוסט 1943 אינגאַנצן פאַרטיק. וואָלט איך אייך געוואָלט באַקאַנט מאַכן מיט דעם אינספּעקטאָרס ווילע. זיין פונקציע איז געווען — פאַרניכטונג יידן אין אייראָפּע. און איצט איז נישט געשטאַנען די פראַגע פון זיך אָפּזאָגן פון פאָרן. עס איז גענוג געווען צו הערן דעם באַפעל. און אויך צווישן זיי איז געווען מיין גורל.

מאָרגן, 9 אַזייגער פרי, דעם 14 אויגוסט 1943, פאַרלאָז איך ביאַליסטאָק. איך פאָר נאָך אויגוסטאָוו. אַרויספאָרנדיק פון געטאָ מוז איך מודה זיין, אַז איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט. אין דער ערשטער ריי האָט מיין אינזשיניער אַראָפּגענומען פון אונדז די געלע שאַנד־לאַטעס, וועלכע מיר האָבן שוין געטראָגן 2 יאָר. פאָרנדיק האָבן מיר זיך אַלץ דערוויטערט פון דעם געטאָ. איך האָב שוין מער נישט געזען די טיף פאַרצאַרנטע אומעטיקע פּנימער; די קליינע קינדער וואָס פאַרקויפן פּאַפּיראָסן, כדי צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט; די יינגלעך וואָס בויגן זיך צו דער ערד שלעפנדיק אַ בינטל האָלץ פון אויסערן געטאָ, כדי צו פאַרדינען אַ מאַרק פאַר זיין משפּחה. איך הער מער נישט די טאָג־טעגלעכע ידיעות: ווידער אַן אַקציע, אָדער טרעבלינקע — ווייטער טויט, אַ פרישער טויט, פּלאַן אוישוויץ, מיידאַנעק — מיט דעם האָט זיך

* „פוילן אָן יידן און אָן רוסן“.

געשפּייזט אונדזער גיטאָ. מיר דערנענטערן זיך צו אויגוסטאָוו, און דאָ האָבן מיר פּאַר אונדז אַ צווייטע וועלט. מענטשן באַוועגן זיך פרײַ, ווייסן נישט פון קיין געטאָס. איך מוז באַמערקן, אַז זיי ווייסן אויך נישט פון קיין יידן, ווייל קיין יידן זענען שוין באַלד אַ יאָר נישטאָ. זיי זענען אויך אומגעקומען אין טרעבלינקע און אין מיידאַנעק. דאָ האָבן מיר דערזען וואַלד, פעלד, אָזערקעס און ענדלעך די ווילע פון אינספּעקטאָר. איך באַגעגן זיך דאָרט מיט עטלעכע יידן פון ביאַליסטאָק, זיי האָבן ביז איצט געאַרבעט ביי פּאַרטיק מאַכן די ווילע.

זיי גיבן אונדז אין קורצן איבער ווי שייך זיי לעבן דאָרט. זיי געפינען זיך שוין צוויי וואָכן אין אוגוסטאָוו. איך באַקען זיך שנעל מיטן אַרום. די חברה גרייטן מיר צו אַ פּלאַץ צום שלאָפן, וווּ איך זאָל קענען זיין די עטלעכע טעג וואָס מיר איז באַשטימט. דער ערשטער טאָג איז באמת געווען הערלעך: מען האָט עטלעכע שעה געאַרבעט און שפּעטער ווי פרייע מענטשן שפּאַצירט אַרום די אָזשערעס, באַטראַכט די פּראַכטפולע וועלדלעך, אַלץ איז פאַר אונדז געווען אַזוי פיין, ווייל די לעצטע צוויי יאָר האָבן מיר קיין רעכט געהאַט זיך צו פרייען און געניסן פון דער שיינקייט פון דער נאַטור. עס האָט זיך ממש נישט געוואָלט גיין שלאָפן.

אויף מאָרגן דעם 15 אוגוסט 1943 איז געקומען אין געסט אינספּעקטאָר קאָנאַריוס מיט זיין מערדערישער אַניטאַ. זיי ווילן זיך אַ האַלבן טאָג, פאָרן לאָדקע, כאַפּן פיש און שפּעטער קלייבן זיי... 4 בייטאָג קומט צו אונדז איינער פון די מערדערס און זאָגט, אַז מיר זאָלן זיך איצט נישט געפינען נאָענט פון לאָקאַל ווו עס וועלן זיך באַלד צונויפקלייבן זיינע איבעריקע חברים, בעסער געזאָגט, די פּאָגראָמיסטן, און דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ זיצונג — די צוגרייטונג פון דעם בלוטיקן מאָנטיק. יאָ, דאָרט האָט מען פּלאַנירט אויף וואָס פאַר אַ לייכטן אופן אָפּנאַרן די יידן און זיי פירן צום טויט.

די זיצונג געדויערט ביי זיי גאַנץ לאַנג. נאָכדעם קומען זיי באַזוכן אונדזערע אַפּאַר־טמענטן אין דעם אַנטקעגנדיקן צעבראָכענעם בנין. דאָרט האָבן זיי אונדז געזאָגט איראָניש, אַז אייער יודנטום זאָרגט פאַר אייך ווייניק, מיר וועלן פאַר אייך מערער זאָרגן. אין אָוונט גייען זיי אַוועק אויף יאַכט, וווּ זיי פאַנגען עטלעכע ווילדע קאַטשקעס מיט אַ האַז. דאָס איז אַלץ געווען צוגרייטונגען, און איצט אין מיטן נאַכט פאָרן זיי אַרויס צו דעם אמתן יאַכט אין ביאַליסטאָק. זיי פאָרן פאַנגען נישט קיין פייגל, נאָר מענטשן, רויבן קינדער פון מאַמעס, שוועסטער פון ברידער, פרוי פון מאַן; צעשטערן דאָס אַלץ וואָס איז דאָס ליבסטע ביי מענטשן — נעמען צו די לעבנס ביי אומשולדיקע נישט באַוואָפנטע מענטשן.

איצט קומט דער מאָנטיק, מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַ מאַשין פון ביאַליס־טאָק, כדי צו פאָרן אַהיים. נאָר עס איז געווען אומזיסט, די מאַשין איז נישט געקומען. מיר האָבן געגלויבט אַז דינסטיק וועלן מיר קענען פאָרן. נאָר דאַן קומען צו אונדז קלאַנגען, אַז דער געטאָ ברענט. עס זענען אַוועק עטלעכע פולקן מיט מיליטער, כדי אַרומצוזינגלען דעם געטאָ און אַרויספירן די יידן. נאָר אונדזערע חברה באַרואיקן אונדז גלייך: עס איז אַ ליגן, די קריסטן זאָגן עס כדי צום אָפּשרעקן אונדז: מיטוואָך דערוויסן מיר זיך, אַז עס איז נישט קיין ליגן, דאָס איז די טרויעריקע ווירקלעכקייט.

און איצט הויבט זיך אָן פאַר אונדז דאָס ערגסטע: נישטאָ מער קיין היים, נישטאָ מער פאַר אונדז אונדזערע ליבסטע, אונדזערע פאַמיליעס. עלנטע, דערשלאָגענע זיצט מען און מען וואַרט, ווען וועט קומען אונדזער רייע. ביי אונדז איז איצט כסדר שטיל, עס הערט זיך נאָר אַ שטים פון אַ ווינקל: „מיין פרוי, מיינע טייערע קינדערלעך"... דאָרט וויינט איינע; אַ צווייטע — מיין מאַמע און דער קראַנקער טאַטע; און דאָ פון צווייטן צימער הערט זיך: אומקומען, האָב איך געטראַכט מיט זיי צוזאַמען, אַזאַ שרעקלעכער טויט — גאַז!! אַזוי איז פאַרביי טאָג נאָך טאָג. איין טאָג שווערער פאַרן אַנדערן. עס גייט אויס דאָס עסן, קיין צווייטע באַקומען מיר נישט. ס'הויבט אָן צו בלאָזן, עס ווערט קאַלט. אונדזער חברה פאַרמאָגן נישט מער ווי איין אַרבעטס־קאָסטיום און דאָס ווערט צעריסן, און דערצו אַרבעט מען נישט 8 שעה נאָר 10 שעה און יעדן טאָג מוז מען זיך מעלדן אין געסטאַפּאָ.

איצט הערן מיר אַ וויי־געשריי — דער טויט! אָבער וואָס שנעלער. נאָר דאַן ווען דו ווילסט און דו קענסט לעבן, זאָגט דער דייטש — פאַר דיר איז נאָר טויט! און דאַן ווען דו ווילסט דעם טויט, זאָגט ער — מאַטער זיך. אַזוי איז מיט אונדז געווען. מיר מאַטערן זיך שוין באַלד 2 מאָנאַט און קיין ברעג נעמט נאָך נישט. יעדן טאָג דערציילן אונדז די קריסטן, אַז מען האָט ווידער געפונען 23 יידן, וועלכע מען האַט גלייך דערשאָסן; אויף פּעטראשער פלאַץ האָט מען 35 יידן אַרויסגענומען פון אַ קעלער און אויך גלייך דערשאָסן. הייסט דאָס, אַז דער גורל פון אונדזערע 10 יידן וועט אויך נישט זיין קיין אַנדער סוף. טאָ פאַרוואָס מאַטערט מען נאָך אונדז? עס איז ווייטער אַ וואָך פאַרביי, עס קומט שוין אַ צווייטע; אָבער די וואָך האָט שוין געבראַכט נייעס.

עס איז דאָנערשטיק דעם 12 נאָוועמבער ביינאַכט, מען גייט ווייטער שלאָפן אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע מיטן פּוסט צעקאָפּנס. מען ריכט זיך פאָרלויפיק אויף קיינע ענדערונגען נישט, און דאָ פלוצלינג אַ קלאַפּעריי, מען רייסט די טיר אויף, עס פאַלט צו אונדז אַריין אַ געסטאַפּאָוועץ, וועלכער זאָגט אונדז אָן, אַז מאָרגן, דאָס הייסט, פרייטיק 5 פאַרטאָג מוזן מיר אַלע זיין אויפן פלאַץ פון געסטאַפּאָ און מיט זיך מיטנעמען רידלען, ער פאַרבעסערט און הייסט יעדן באַזונדער מיטנעמען אַ רידל; ער באַטאָנט גלייכצייטיק, אַז ער דאַרף אונדז אָפּהיטן, נאָר אַזוי ווי ער קען אונדז און האָט צו אונדז צוטרוי, אַז מיר וועלן נישט אַנטלויפן, וועט ער דערוויייל גיין שלאָפן און פאַרטאָג וועט ער אונדז קומען נעמען. נישט קוקנדיק אויף דעם, אַז מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז עס וואַרט אויף אונדז מאָרגן דער טויט, און מיר וועלן אַליין זיך נאָך דאַרפן גראָבן קברים, און דאָך האָט קיינער פון אונדז נישט געטראַכט צו אַנטלויפן, ווייל יעדער פון אונדז איז געווען ערשעפּט, דערשלאָגן און מוטלאָז; דערפאַר האָט אונדז דער טויט נישט איבערגעשראָקן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך בין געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק, אָבער דאָך האָט זיך שוין די עטלעכע שעה נישט געשלאָפן.

עס איז 5 פאַרטאָג. יעדער פון אונדז האָט זיך צוגעגרייט אַ רידל. עס קומט דער תליין אונדז נעמען. מיר גייען, עס הערשט אַ שטילע טויטקייט. קיינער רעדט קיין וואָרט, אפילו מאיר, וועלכער איז געווען פאַר מיר אַזוי גוט, וועלכער פלעגט זיין פּאָרציע ברויט מיר אַוועקגעבן. ער רעדט אויך צו מיר גאָרנישט, ווייל ער קען מיר גאָרנישט

זאָגן פאַרן טויט. דאַן באַשטים איך, אַז איך וועל אים עפּעס זאָגן. איך וועל עפּענען די מויל, כדי אים עפּעס זאָגן. נייך, אומזיסט, עס שטיקט עפּעס אין האַלדז, עס לאָזט קיין וואָרט אַרויס. איצט פאַרשטיי איך מאירן, ער וויל זאָגן און ער קען נישט. מיר דערנענטערן זיך צום פּלאַץ. דער פּלאַץ איז אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי. די פּאָליציי דערזעענדיק אונדז צעשטעלן זיך און טרייבן אונדז שנעלער אַרויף אויפן פּלאַץ. און דאָ זעען מיר פאַר זיך דעם טויט. די אַרומיקע באַנדיטן באַפוילן אונדז גלייך, אַז אין משך פון 4—5 שעה מוז יעדער פאַר זיך אויסגראָבן אַ גרוב די לענג 180 ס״מ, די ברייט — 90 ס״מ. דאַן הויבן אָן צו לויפן אַלערליי געדאַנקען אין קאָפּ — אפשר נישט גראָבן, זיי וועלן מיר דערשיסן, דאַן וועלן זיי מיר מוזן באַגראָבן. אפשר גאָר אַנטלויפן, כדי איך זאָל נישט זען ווי מען וועט מיך שיסן. איך מוז זיי נאָך אַ שפּיי טאָן איך פּנים אַריין פאַרן טויט, האָב איך זיך אַ טראַכט געטאָן, און דאָ דערהער איך ווי מיין שכנטע זאָגט צו מיר: קינדער! זאָגט וידוי פאַרן טויט. דאַן ווער איך צעטומלט. וואָס טאָן? שרייען? און אפשר טאַקע זאָגן וידוי? נאָר דאָ זע איך אַז אַלע אַרום מיר האָבן שוין גרויסע גריבער אויסגעגראָבן, און איך נאָך גאָרנישט. נאָר שפּעטער ווען איך גיב אַ קוק אויף מיין גרוב, דערזע איך אַז מיין גרוב איז גרעסער ווי אַלע אַנדערע. איך האָב גאָרנישט געפילט ווי שנעל איך האָב פאַר זיך געגראָבן דעם קבר. נאָך אַ מינוט און עס וועט שוין פאַרטיק זיין אַלע 9 קברים, און מען וועט אַלע גלייך שיסן, און עס וועט אפילו קיין סימן נישט בלייבן, אַז דאָ האָבן מיט אַ מינוט פריער געשטאַנען 9 יונגע, אומשולדיקע מענטשן, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן דערפאַר ווייל זיי האָבן געטראָגן דעם נאָמען ייד.

טראַכטנדיק אַזוי דערהער איך ווי מאיר רעדט צו מיר, אָבער נישט מיט זיין שטים: פאַניא, איז אמת, אַז מען וועט אונדז גלייך שיסן? און דיך אויך פאַניא? דו ביסט דאָך אַזוי יונג, האָסט דאָך קיין 18 יאָר נישט. און דו ביסט אַלט 23 יאָר — האָב איך אים אַ זאָג געטאָן. דו האָסט דאָך נאָך אין דיין לעבן גאָר נישט באַוויזן.

לאָמיר אויפהערן צו דיסקוטירן, ווייל די באַנדיטן גייען שוין. „זענט איר פערטעק“, זאָגט איינער. „דערשיסן די הונדע“ — שרייט דער צווייטער. און אַלע איבעריקע צעלאַכן זיך האַרציק. ביי אונדז לאַכט זיך נישט. מען טראַכט נאָר ווי באַקומט מען נאָר שנעלער די קויל, כדי נישט צו הערן זייערע איראָנישע געלעכטער און זיי נישט דאַרפן קוקן אין זייערע טריפה׳נע פּנימער. נאָר דאָ געשעט עפּעס נישט קיין פאָרגעזעענע זאַך: מען נעמט צו פון אונדז אַלע מענער. צי דען וועט מען זיי נישט שיסן צוזאַמען מיט אונדז? אָבער דאָ דערזעען מיר ווי זיי גייען צוריק און זיי טראָגן פולע זעק און זיי גייען גלייך צו די גריבער. מען באַפעלט זיי אַז זיי זאָלן די זעק אויסשיטן אין די גריבער. עפּעס מאָדנע, צי וועט מען אונדז גלייך לייגן צוזאַמען מיט די קאַרטאָפל? נאָר דאָ דערהערן מיר אַ שטים פון שעף: „ווען איר וועט פערטיק זיין גייט איר צו־הויז“. אַלע הויבן אָן צו קוקן מיט האַלב־משוגענע אויגן... צי איז דאָס אמת, אַז מען וועט אונדז נישט שיסן? איז עס בלויז געווען אַ שפּילכל פאַר זיי... יאָ, דאָס מאָל איז עס געווען אַ פאַרגעניגן, — זיי האָבן זיך געשפּילט מיט אונדזער גורל! אמת, מיר האָבן געענדיקט אָנשיטן די גריבער מיט קאַרטאָפל זענען מיר געגאַנגען צוריק אין דער

צעבראָכענער ווילע. און דערפאַר האָבן מיר ידערער פון אונדז באַקומען איין לעבל ברויט.

מיר קומען אין שטוב. יעדער פון אונדז דאַכט זיך מיר איז משוגע; דער לאַכט, דער עסט שנעל אויף דאָס ברויט; אסתר'קע שרייט: דערפאַר וואָס איר האָט געבעטן גאָט האָט מען אונדז נישט דערשאָסן. דערווייל דאַרף מען נאָך אייך האָבן עטלעכע טעג, און דערנאָך וועט מען אייך זאָ ווי זאָ דערשיסן. און אַזוי איז טאַקע געווען.

מיר זענען נאָך דאָרטן געווען צוויי וואָכן. יעדער טאָג איז געווען שרעקלעך. יאָ, דינסטיק איז עס געווען. עס איז געווען אַ געלונגענער טאָג פאַר די באַנדיטן. זיי האָבן געפונען עטלעכע פאַרטיזאַנער, וועלכע זיי האָבן דערשאָסן, און לכבוד דעם האָבן זיי זיך אָנגעשיכרט. דאַן ווען זיי זענען געווען שיכור האָבן זיי באַגעגנט אונדזערע פינף מענער, מיט וועלכע זיי האָבן זיך גלייך אַ שפּיל געטאָן. דאָס מאָל האָט מען זיך גע־שפּילט אויף אַן אַנדער אופן: מען האָט זיי געשמיסן — יעדער פון זיי האָט באַקומען 25 שמיץ; פאַרמאַטערטע, צעבראָכענע, צעשלאָגענע קומען זיי אין שטוב. מיר לייגן זיי גלייך קאָמפּרעסן און זאָגן זיי, זייט נישט אַזוי מוטלאָז; אפשר וועלן מיר דאָס קענען דערמאָנען, אַז מיר זענען געווען די, וועלכע האָבן דאָס אַלץ דורכגעמאַכט. אָבער נישט לאַנג האָט מען זיך אַזוי געקענט טרייסטן.

עס איז געקומען דער פרייטיק. דעם טאָג האָט מען אונדז אַרויסגעפירט און צעשיידט מיט די מענער — אָבער שוין אויף שטענדיק. עס איז פרייטיק פאַרטאָג. מען קלאַפּט. מיר הויבן זיך אויף און מיר ווילן אויפמאַכן די טיר. נאָר דאָ דערזעען מיר, אַז אונדזער שטוב איז אַרומגערינגלט מיט געסטאַפּאָווצעס, און אַ טייל פון זיי זענען שוין פאַראַן אין שטוב. עס פאַלט אַ באַפעל אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום מוזן אַלע זיין פערטיק, ווייל מיר מוזן שוין אָפּפאָרן. מיר זענען אַלע פערטיק, און איבער־צייגט אַז מיר פאָרן אַלע צוזאַמען. אָבער, ניין, אַרויפגייענדיק אויפן מאַשין, טיילט מען אונדז אָפּ פון די מענער, מען לאָזט זיי נישט אַרויף אויפן מאַשין, מען הייסט זיי שטיין אין אַ זייט. „איר קאָמט אין אַ צווייטן אַרבעטס־פּלאַץ" — זאָגט מען זיי. מאיר הויבט גלייך אָן זיך צו בעטן, איך האָב דאָ מיין שוועסטער, זאָגט ער, איך וויל זייך צוזאַמען מיט איר. אַלס ענטפער באַקומט ער אַ פּאַטש און מען צעבלוטיקט אים באַלד, און מען רוקט אים אָפּ אין אַ זייט. איך ווער צעטומלט, שטיי אויפן מאַשין און ווייס נישט וואָס צו טאָן. צי דאַרף מען זיך געזעגענען מיט זיי? אָבער עס איז אומזיסט — די מאַשין רירט זיך. עס הויבט אונדז אָן צו שווינדלען אין די אויגן. מיר דערווייטערן זיך פון זיי. איך זע מאירן אַ פאַרבלוטיקטן מיט צוויי טרערן, און ער צעשרייט זיך — פאָרט געזונט! אפשר וועט איר עס איבערלעבן?! עס קלינגט אין די אויערן, עס מישט אין קאָפּ. מיר קוקן איינע אויף דער צווייטער און פון אַלע אויגן לייענט מען איצט איינס: און ווו וועט אונדז איצט דער גורל פאַרטרייבן? אָבער דאָך האָט דער גורל געוואָלט, אַז איך זאָל בלייבן לעבן.

פאַרזיצער פון דער וואָיעוואָדישער
היסטאָרישער קאָמיסיע.
מגר. טורעק

די קדושים און העלדן
פון דער אויגוסטאָווער עדה,
צום ליכטיקן אָנדענק.



די ערשטע ליכטל

פון **אליעזר אַראַנאָווסקי**

זי ציטערט, די אָרעמע, חנוכה־ליכטל...
נישטאָ איז די העלדיש מכבישע קראַפט,
וואָס האָבן ווי לייבן געקעמפט און געשטאָרבן,
אַ פאָלק אין אַ לאַנד געהייליקט, באַפרייט.
פאַרלאָשן איז יענער פלאַמיקער פלאַקער,
וואָס געשליידערט אין טויט זיין פאָלק צו באַפרייען!
אַ קליינטשיקע ליכטל פון פלאַם איז פאַרבליבן,
וואָס ציטערט פאַרן אייגענעם, וואַרפנדן שאָטן...

— אַראָפּ פון דעם פענצטער! — שרייען די שטערן —
איר נאַרישע, פינצטערע, חנוכה־ליכטלאַך;
נישט צו באַפרייען אַ פאָלק — נאָר צו נאַרן!
די כוחות פאַרבאַהאַלטן און זיצן געשמידט!...
ליידן אין גלות פאַרקניפט און פאַרשטריקט;
פאַרבונדן אין צרות וואַרטן אויף גליק...
פאַרבלענדן די אויגן פון פאָלק די פאַרוויינטע —
דאָס קענט איר — ניט מערער און ווייטער אַ האָר...

מיר, שטערן פון הימל, געדענקען נאָך יענע,
העלדישע, טיגערישע, חשמונאישע קאַמפן,
וואו נישט מיט קיין ליכטלאַך — נאָר פלאַמען אין האַרצן
געוואָרפן אין שלאַכט זיך, דעם שונא באַזיגט!
געצונדן, יאָ ליכטלאַך! — ווען דאָס פאָלק האָט טריאומפירנד
געטאַנצט אין די גאַסן פון הייליקן זיג.
דאַן, האָבן די ליכטלאַך באַוויזן דער וועלט,
אַז ס׳פלאַמט אין האַרצ׳ס פאָלק, אַ הייליקער פלאַם!

וואָס ווייזט איר, היינט, ליכטלאַך? — פאַרפרוירענע פייער!
דעם ציטער פון פאָלק ביי יעטוועדער טראָט?
דעם פינצטערן, גלות־פאַרבלוטיקטן יידן?
די ימ׳ען פון טרערן וואָס העלפן ניט אַ האָר? —
פאַרלעשט זיך אויף אייביק און מער שוין ניט ברענען!
אויב אין האַרצן זאָל פינצטער זיין ווי ביז איצט;
און דאָס פאָלק זאָל ווי אָדלערס, זיך באַפרייען ניט פליען —
זאָל זיין פינצטער אין פענצטער! אויב אין האַרצן איז נאַכט...

אויגוסטאָוו, דעצעמבער 1923

ווי זאָל איך באַוויינען...

ווי זאָל איך באַוויינען, ווי זאָל איך באַקלאָגן,
דעם חורבן פון פאָלק, ווען כ׳נעם זיך דערמאָנען; —
די אויגן בלויז קוואַלן פון טרערן פאַרמאָגן
פאַר איין מת, פאַר צוויי — אָבער ניט פאַר מיליאָנען!...

מיר זענען געוווינט שוין צו שחיטות, פאָגראָמען!
ביי יעטוועדן טייכל, אין יעטוועדעס לאַנד;
אין אויטאָ־דע־פעס איז געהייליקט דער נאָמען,
פון אונדזערע קדושים אין פייער און בראַנד.

ניטאָ איז קיין טויט, אויף אונדז ניט געפרווווט —
ניטאָ קיין נגישה, קיין פיין אויף דער וועלט;
עס פעלט אונדז אויס אָטעם, עס פעלט אונדז אויס לופט,
די זון איז בייטאָג פאַר אונדז אויך פאַרשטעלט...

דאָך זענען מיר אַלע צו דעם שוין געוווינט —
מיר לעבן שוין טויזנטער יאָר אַזוי...
נאָר היינטיקע שריפה — קיינעם ניט שוינט —
מיר ברענען מיליאָנען... ווי קוליעס פון שטרוי!...

און ווער עס וועט בלייבן — אַז אַך און ווי —
גלאָוונעס און קברים, שאַקאַלן־געוואָי —
אין ווילדן געיאָמער און וואַנזין־געשריי
וועט רופן, וועט שרייען: אדוני, אדוני!...

און דער, וואָס וועט הערן זיין שטים, זיין געוויין,
וועט פלאַצן זיין האַרץ און זיין מוח זיך רירן...
וועט יעדער זיך מאַכן אַ האַרץ, ווי פון שטיין...
און שליסן פאַר אים אַלע פענצטער און טירן...

וועט ער אַן איינזאַמער וואָיען אין וועלט...
און פון די קברים דעם יאָמער פאַרשפרייטן —
אַז דורכנעמען זאָל אַ טויטלעכע קעלט,
אַלץ נאָר וואָס וועט צום לעבן זיך גרייטן...

און מער קיין רו אויף דער וועלט וועט ניט זיין —
מיליאָנען נשמות — זיי זענען ניט מוחל! —
טריפן וועט גאַל אין בעכערס פון וויין...
און שאָטנ׳ס פון שרעק — אין יעטוועדן היכל...

אַ וועלט, וואָס קען לאָזן מיליאָנען אויסשעכטן —
די איז צו רו און פרייד ניט באַרעכטיקט ! —
און ווי זי זאָל ניט איר גורל אויספּעכטן,
בלייבט דאָך איר קיום, איר קיום פאַרדעכטיקט...

איך וועל שוין

איך וועל שוין פון אייך קיינמאָל ניט הערן;
אומזיסט איז דאָס זוכן, אומזיסט איז דאָס קלערן.
עס העלפט ניט דאָס מישן די בערג מיט די בלעטער —
ניטאָ איז קיין גואל, ניטאָ איז קיין רעטער !

מען האָט דיר, מיין מאַמע, פאַרברענט אין דעם שייער,
צוזאַמען מיט אַלע יידן פון שטעטל,
מיט דיר אויך דיין זון, געאָרעמט אין פייער
פון פלאַמען פאַרצוקט, ווי אַ טרוקענע ברעטל.

קיין אַש איז פאַרבליבן — דער ווינט האָט פאַרנומען,
און ער טראָגט זיך אַרום איבער אַלענקע וועלטן,
און וווּ נאָר ער קומט — הערט זיך אַ יאָמער...
אַ פיינלעכער יאָמער פון יעקב׳ס געצעלטן.

און דאָרט, אין אַ צווייטער שטעטל דערשאָסן
האָט מען דיין טאָכטער מיט אירע קינדער,
עס האָט זיך איר בלוט צוזאַמענגעגאָסן
מיט אַלע די יידן, די כשרע רינדער....

זענען די טייכן, וועגן און ים׳ען
פול מיט בלוט, וואָס האַלט אין איין זידן,
און גאָט קען אין הימל, אין הימל ניט צאַמען
דעם געשריי פון פאַרפייניקטע יידן!...

טראָגן די ווינטן אַרום אָט דעם שוידער,
און וואַרפן אויף אַלץ און אויף אַלע אַ אימה ;
ווער איז דען איצטער ניט קיין יתום?
און ווער איז דען איצטער ניט קיין יתומה??

טראָגן מיר טרויער פאַרבאַהאַלטן אין האַרצן,
ווו ניט ווו פאַרראַט אונדז אַ טרער,
וואָס דעקט אויף דעם תהום, דעם טיפן, דעם שוואַרצן,
און באַלד פאַרווישט — מען זעט אים ניט מער...

ניטאָ איז קיין טרייסט, קיין טרייסטער און טרייסטונג,
און קיינער קען קיין טרייסט ניט פאַרנעמען;
איז בעסער דעם ווייטאָק נאָך טיפער פאַרשטעקן,
אין הייליקן פיין זיך שטיקן און קלעמען...

צען טעג —

צען טעג אין אלול איז געשטאָרבן מיין טאַטע,
אַ יונגער בוים — אין פרילינג פון לעבן.
געווען איז עס שנת תרע״ג,
פיר יתומים דער מאַמען געגעבן.

איך בין דער עלטסטער — געווען אַ יאָר אַכט,
מיין שוועסטער די ייִנגסטע — עפּעס מער ווי אַ וואָך.
איך געדיינק נאָך די ליכט, זיין געזיכט, און די נאַכט...
ווען אַלץ האָט געוויינט און געקלאָגט אויף דעם בראָך...

ווער וואָלט עס גלויבן, אַז איצט זאָל עס זיין
גאָר אַ גליק אָט דער טויט, פון גאָט אַ געשאַנק! —
ווען די הערבסטיקע נאַכט האָט אין קבר אַריין
ווי אַ בלום אים געטוליעט, ווי אַ בלום וואָס איז קראַנק...

איך ווייס היינט דעם אָרט, וווּ דער טאַטע מיינער ליגט,
כ׳האָב געזען דער מצבה, דורכן פלויט, דאָ ניט לאַנג...
ס׳האָט אַ בוים איבער אים פרום זיך געוויגט,
און פון ווייט מיך באַגריסט — מיך באַגריסט און באַדאַנקט...

ווו איז מיין מאַמע?! מיין ברודער?! — מיין שוועסטער?!
ווען איז דער יאָרצייט, דער יאָרצייט נאָך זיי? —
איז שוין פון פייער קיין בײנדל פאַרבליבן? —
פון שייערס מיט יידן פאַרברענטע ווי שטרוי!...

זענען קיין בוימער דאָרט ניט פאַרבליבן,
וואָס האָבן ווי שטומע עדות געזען,
ווי מען האָט אַלע יידן פאַרטריבן
פון שטעט און פון שטעטלעך — ווי קיינמאָל געווען?...

געברענט און געבראָטן אין שטאַל און אין שייער,
דערשטיקט און דערוואָרגן — אין קאַמער פון גאַז; —
ווער מיר אַ צווייגל, פאַרסמאַליעט פון פייער,
ווייזן דעם אָרט, ווו עס ליגט זייער אַש?

ווערט ניט אַ בוים אַמאָל מיך באַגריסן,
רופן און ווייזן: — דאָ ליגן זיי!...
און איך וועל פאַרבייגיין, און גאָרניט ניט וויסן,
אַז דאָ האָט מיין האַרץ געדאַרפט פלאַצן פון ווײ...

יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

יתגדל ויתקדש שמיה רבא,
ס'איז קיינער פון זיי שוין נישטאָ...
פאַרפייניקט, פאַרגאַזט און פאַרברענט,
רייסט קריעה — פאַרברעכט מיט די הענט!

זיצט שבעה — טוט אויסעט די שיך,
און קלאָגט אויף דעם וואָס איר לעבט,
און איר פילט ניט, אַז איר זענט אַ טייל
פון יענע אין קאַצעט פאַרשלעפּט.

איר פילט ניט, אַז איר דאַרפט דאָ
מקדש דעם לעבן אויך זיין,
ווי זיי — אין דער פיינלעכער שעה —
האָבן מקדש געווען דעם פיין...

פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט —
דער פייער, דער פייער ער ברענט! —
קוקט זיך אַיין אין געזיכט,
טיף אין די אויגן — דערקענט...

איר זענט דאָך די יורשים פון זיי,
קינדער פון קדוש און העלד! —
ריין זאָל דאָס האַרץ זיין, ווי שניי,
קלאָר דאָס געוויסן, וואָס קוועלט.

זיי האָבן קיין קבר, קיי רו,
עס טראָגט אום דער ווינט זייער שטויב,
עס פלאַטערט נשמה אַרום,
ווי אַ ווייסע, פאַרבלוטיקטע טויב...

נעמט איר צו זיך אַריין
און גיט איר אין האַרצן די רו.
וועט איר דערזען אויך דעם שיין,
וואָס פירט צו דער אייביקייט צו...

און גיט דעם לעבן אַ זין,
אפילו אין ליידן און פיין;
די לויטערע ליכט פון באַגין,
וועט אייך באַלייכטן דעם זיין...

שטעט און שטעטלעך מיינע

(פּאָעמע)

ביים באברע, ביים ניעמאַן, ביים ווייסל,
ביים סאינע, ביים ניעצקי און ביאַלע,
אין טויזנטער שטעטלעך און שטעט,
ווער קען זיי גאָר אויסרעכענען אַלע!....

געלעבט האָבן יידן מיליאָנען,
פון אַרבעט, פון האַנדל און מי,
פון אַ נאָדל, אַ שפּילקע פון פאָדים,
ביז פעלדער און וועלדער און פי.

געווען זענען יידן יחסנים,
מיט רחבות, מיט גביריש פּאַרנעם.
און איבער די פּאָלעס קבצנים,
אין נויט, אין הונגער, אין קלעם.

דאָך, פון אַלע צוזאַמען אַ חיות! —
אַ יידישע שטעטל און שטאָט;
מיט אַלע נגישות, רדיפות
געלעבט האָט מען דאַנקען גאָט.

וואָכיקע טעג און גרויע,
שווער אויפן האַרצן ווי בליי,
דער גלויבן פון ייד, זיין בטחון,
האָט זיי פאַרוואַנדלט אין מאַי...

אָט אַזוי האָט מען איבערגעטראָגן
די שרעקלעכסטע, בלוטיקסטע טעג;
דורך וואָלקנס די שוואַרצע וואָס יאָגן
געזען האָט מען זוניקן וועג...

הונדערטער, טויזנטער יאָרן,
יידן למדנים און לערנער.
דורות האָבן דורות געבאָרן,
פון תורה, פון קדושה די קערנער...

האָט מען די קינדער געלערנט,
זיין כשרע, ערלעכע יידן,
אין חדר, אין קלויז, אין בית־מדרש,
גאָטס־וואָרט אין האַרצן אויסשמידן.

פלעגט עס פאַרקלינגען דאָס שטעטל
דער חומש, גמרא׳שער ניגון...
וואו קען מען דאָ איצטער אים הערן?
וואו קען מען דאָ איצטער אים קריגן?

היינט די שבתים, יום־טובים —
די וועלט האָט מיט זיי דאָך גערוט!
און גאָט האָט ביי יעדן איינעם
געצונדן דעם גלויבן, דעם מוט...

און אין יעטוועדן שטיבל
גערוט האָט די שכינה אַליין,
ווען די שבת־ליכט האָבן געלויכטן,
ווי הערלעך, ווי הייליק, ווי שיין!...

2

אַ פינצטערע קללה פון הימל
איז אויף דער ערד געפאַלן:
עס זענען פון דייטשלאַנד געקומען
ברוינע בעסטיעס, שאַקאַלן! . . .

און איבער פרידלעכע פעלקער
פאַרוואָרפן דעם שוידער פון קריג.
עס קראַכט די וועלט אין פלאַמען,
פון זייער געביין און געניק.

די ערד, די טייכן און ים׳ען
זענען מיט בלוט אָנגעפילט.
עס לעשן זיך נאָך נישט די פלאַמען,
דער מערדער נאָך איז נישט געשטילט...

נאָר אונז האָט ער פאַרשניטן
אויף אייביק, אויף אייביק אַזוי ;
געבויט האָט ער טויטן־פאַבריקן,
און אונז געברענט ווי שטרוי . . .

פון אַלע די שטעט און די שטעטלעך
האָט ער געפירט אונז מיליאָנען —
קיין טרעבלינקע, סאַביבאָר און מאַידאַנעק —
ווי פי צו דער שחיטה — אין וואַגאָנען.

און דאָרט האָט מען נאַקעטערהייט
טאַטע און מאַמע און קינד
אַלע צוזאַמען דערשטיקט. —
פאַר וועמעס פאַרברעכן און זינד ?

און אויב דאָס איז ווייניק געווען,
האָט מען זיי שפּעטער פאַרברענט.
גאָט ! אויב דו ביזט אין אמת׳ן דאָ,
ווי האָסטו עס צוזען געקענט?!

און אויך דאָס ביסעלע אַש
קיין רו ניט געגעבן — פאַרקערט ! —
מיטן ווינט איבער פעלדער פאַרשפּרייט —
פעטער זאָל ווערן די ערד . . .

שטעט און שטעטלעך מיינע!
חורבות, בית־עולמ׳ס צעשטערטע ! —
צו וועמען זאָל איך האָבן אַ טענה
מיט מיין האַרץ די פאַרטרערטע ?

וואָס מען האָט אייער לעבן,
דעם יידישן לעבן געטויט,
און איבער אייך וואָלקנס שוועבן
פאַראומערט, פאַרבלוטיקט, פאַרגרויט . . .

ווען קיין איינציקער ייד איז פאַבליבן,
וואו טויזנטער האָבן געלעבט;
אויף יעטוועדן טראָט איז פאַרשריבן
אַז מערדער, זיי האָבן פאַרשלעפּט ! . . .

מיר דוכט זיך דער הימל ער וויינט,
אפילו דורך שטראַלן פון זון;
עס האָט נאָך די וועלט ביז איצט,
ניט געזען און געהערט דערפון: —

פאַרטיליקן קינד־און־קייט,
דערשטיקן, דערווערגן, פאַרברענען,
און בויען פאַבריקן פאר דעם,
מען זאָל נאָך דעם טויט ניט דעקענען!...

עס נעמט מיך אַ שוידער אַדורך —
ווי קענען מיר לעבן נאָך דעם?!
ווי גוט וואָלט געווען, ווען דאָס האַרץ
פלאַצט — פון טרויער און קלעם.

און דאָרט, צוזאַמען מיט זיי,
זאָל מיין נשמה אַ דערלייזטע,
אין הייליקן, געטלעכן פיין,
זיין מיט זיי אַ געטרייסטע . . .

מיין מאַמע

דאָרטן ביי דער באָברע,
אין אַ קליינער שטעטל,
וואוינט מיין קראַנקע מאַמע,
איינזאַם אויף דער עלטער.

אַ בינטל הויט און ביינער,
און אַ קאָפּ אַ גרויע,
און די שוואַרצע אויגן —
וואָס אַ טאָג אַלץ קעלטער.

קינדער, איבער וועלטן,
ווייט, צעזייט, פאַרשפּרייט...
פאַריאָגטע, פאַרטריבן
פון הונגער, פּיין און נויט....

קומט פון צייט צו צייט
אַ בריוול פון דער ווייט —
ווערט דער טאָג אַ יום־טוב,
און די וועלט — באַנייט...

קושט זי יעדן אות
מיט די טרערן אויס...
אויסגעביטן קינדער —
אויף פּאַפּירלעך בלויז...

זיי שרייבן: ס׳איז זיי גוט.
צי איז עס ניט גענאַרט?...
זיי ווילן איר ניט וויי טאָן —
ציטערט איר דאָס האַרץ...

זי פאַרשטייט, זי פילט —
די קינדער לײדן דאָרט!
כאָטש אין די בריוו —
ניטאָ פון דעם קיין וואָרט...

לייענט זי די בריוו
הונדערט מאָל זיי אויס,
ביז פון יעדן אות
וואַקסט אַ סוד אַדויס...

שטעטל מיינע אונטער פלאַמען...

שטעטל מיינע אונטער פלאַמען
פון באָמבערס און קאַנאָנען,
איך הער דעם קרעכצן פון דער מאַמען
צווישן קרעכצן פון מיליאָנען!

קומט איר שטימע פון די חורבות,
וואָס זענען דאָרטן נאָך פאַרבליבן?
צי פון דעם וויסטן וואַנדער־וואָגל,
וואו די שרעק האָט זיי פאַרטריבן?

צי איז זי דאָרטן מיט די קינדער
אונטער באָמבע־קראַך געלאָפן,
צי איז יעדערער באַזונדער,
אַן איינזאַמער אַנטלאָפן?

וויפל טעג שוין ליידט זי הונגער?
האָט זי כוח נאָך צו גיין?
ליגט זי ניט אַמאָל אַ קראַנקע
ערגעץ איינינקע אַליין?...

מאַמע מיינע, מאַמע מיינע!
זאָל איך כאָטש פון דיר נאָך הערן —
אַז איר זענט אַרויס מיט לעבן ——
אין אַ בריוו, געווייקט אין טרערן...

ווער האָט מיין שטעטל אָפּגעמעקט פון מאַפּע?

דורכגעבלעטערט אַלע ליסטעס,
אַלע נעמען דורכגעקוקט —
ווער האָט מיר מיין קראַנקער מאַמען,
מיט דעם שוואַכן האַרץ, פאַרציקט?

ווער האָט מיר מיין קראַנקן ברודער,
אָט דעם שטילן, אָט דעם גוטן,
אַ יונגן פון דער וועלט
פאַרפייניקט ער זאָל בלוטן?

ווער האָט מיר מיין צאַרטער שוועסטער
וואָס איז אין קיינעמס לאַנד געלעגן
מיט די פּיצלעך קליינע קינדער
אין זומפּן, אונטער רעגן —
ווידער זיי געטריבן
אויף די טויטע וועגן?

ווער האָט מיין משפּחה,
פון פרומע, גוטע יידן,
אויסגעלייגט ביז איינעם —
אַז דאָס בלוט נעמט זידן?

ווער האָט מיר מיין שטעטל
אָפּגעמעקט פון מאַפּע?
וועלכער שוואַרצער טייוול?
וועלכע הינטיש לאַפּע?

האָט מען זיי געפירט דאָרט
אַלע צו עקידה? —
אָט די גאַנצע מחנה!
אָט די גאַנצע עדה!

אין פאַרמאַכטע באַנען
צו די טויט־פאַבריקן,
אין דער באָד פאַרנאַרטע
מיטן גאַז צעשטיקן?

צי האָט מען יעדן איינעם,
אין זיין שטוב, אין קעלער,
אויפן הויף און בוידעם,
אויפן גאַס, אין שטעלער —

זיי פאַרמוטשעט אַלע:
מיטן שאַרף פון מעסער,
מיט פריקלאַד פון ביקס —
זאָל דער פיין זיין גרעסער?

וואו איז זייער קבר?
וואו איז זייער רו? —
אין דער ערד פאַרשאָטן,
צי אין הימל וואו?


שוועבן אום די שטויבן, ,
צי דער אַש אין ווינט?
ווי איז מיר מיין לעבן,
ווי איז מיר און ווינד...

איך וואָלט וועלן ברייננגען
אָט דעם שטויב צו קבורה —
און מיט זיי צוזאַמען
ליגן אין איין שורה.

וועט מיין זינדיק לעבן
אויך אַ תקומה האָבן: —
לעבן די קדושים ליגן,
מיט זיי זיין באגראָבן . . .

נאָכן קאַשמאַר

פון **שמואל אליעזר אַפּלבאום**



איינצלנע זענען פאַרבליבן פון די אויגוסטאָ־װער יידן; פון שיינעם און רייכן יידישן געזעל־שאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין שטאָט, זענען געבליבן נאָר זכרונות — מער גאָרנישט. די היט־לערישע חיות האָבן אויך פאַרניכטעט אַלץ, וואָס איז געווען און וואָס קען דערמאָנען די קדושים; אפילו דעם בית־הקברות האָבן די חיות געשענדעט און פאַרוואַנדלט דעם הייליקן פּלאַץ אין אַ פעלד וואו בהמות פיטערן זיך.

מיט די מצבות האָבן זיי ברוקירט גאַסן און שאָסייען. וויפל אכזריות און אוממענטשלעכקייט דריקט דאָס אויס — די מצבות זענען מערסטנס ברוקירט געוואָרן מיט די אותיות פון אויבן און אַזוי זענען זיי אָן אויפהער געשענדעט געוואָרן.

איך וויל אומקערן זיך צו די שיינע ערלעכע זכרונות פון דעם יידישן לעבן אין דעם לעבעדיקן אוגוסטאָוו, ווי איך געדענק פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן. אין אוגוסטאָוו איז געווען אַן אָרגאַניזירטע סיסטעמאַטישע טעטיקייט ביי דער יידישער קהילה, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט לעבנס־נויטיקע אינסטיטוציעס. איינע פון זיי איז געווען די תלמוד־תורה־שולע. פינף קלאַסן האָט די שולע געהאַט, אָבער אַ סך נוצן האָט זי געבראַכט. די קינדער האָבן געלערנט דאָרט נישט נאָר תנ״ך און עברית, אויך וועלטלעכע בילדונג האָבן זיי דערוואָרבן אין דער שולע. צום גוטן דערמאָנען מיר דעם לייטער פון דער שולע — זילבער ז״ל, דעם גוטן עברית לערער בערגשטיין ז״ל, דעם לערער לעווינזאָן ז״ל און אויך דעם משגיח אפרים ז״ל, וועלכער האָט גמרא מיט אונדז געלערנט, זאָל צום גוטן דערמאָנט ווערן. אין אויגוסטאָוו האָט זיך אויך געפונען אַ „לינת־הצדק״, ווו אַ דורכגעפאָרענער, נישט־פאַרמעגלעכער ייד, האָט שטענדיק זיין געלעגער און עסן באַקומען.

און די רייכע, שיינע ביבליאָטעק, פון וועלכער עס האָבן גענאָסן יונג און אַלט; דער גרויסער אויסוואַל פון ביכער — היסטאָרישע, וויסנשאַפטלעכע און בעלעטריס־טיק; דער ביבליאָטעקאַר ישעיהו פלאַטשינסקי, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן מיטגע־אַרבעט, ער האָט געקאָנט יעדן איינעם, מיט אַלעמען איז ער חבר געווען.

מיט יראת הכבוד דערמאָנען מיר די שול, דעם בית־מדרש, די קלויזן — די אַלע הייליקע ערטער, וועלכע זענען מיט פיל מסירות־נפש דורך די אוגוסטאָווער יידן אויפגעבויט און אָפּגעהיט געוואָרן; אין וועלכע די יידן האָבן ביים דאַווגען געשעפּט

דעם גרויסן כוח פון נאַציאָנאַלער ווירדע, און עקשנותדיקן אויסדויער קעגן די שווע־ריקייטן פון גלות לעבן, און גאָט געבעטן וועגן שיבת ציון.

דער פּאָליטישער לעבן אין אוגוסטאָוו איז געווען רייך און פילפאַרביק, דער־הויפּט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. ווי אַ הייליקער פליכט איז געווען דאָס צאָלן צו קרן קימת לישראל; דאָס אויסקויפן דעם שקל צו די וואַלן פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן. די יוגנט האָט געהערט צו „השומר הצעיר", „החלוץ", „החלוץ הצעיר" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געפירט אַן אויפקלערונג און דערציערישע אַרבעט. מיט כבוד דערמאָנען מיר דעם יוגנט־טוער אליאב חלופיצקי. דאָס קולטור־הויז, אין וועלכן די ציוניסטישע גרופּן האָבן זייער אַרבעט געטאָן. די יוגנט־הויז, די שיינע איינגעאָרדענטע. פּרייטיק־צונאַכט פּאַרזאַמלונגען, ווו עס פלעגן קומען שליחים, דערציילן וועגן אָפּפעריקע חלוצישע אַרבעט, וועגן שוועריקייטן און דערפאָלגן ביים דעראָבערן און בויען אונדזער לאַנד. די יוגנט פלעגט מאַסנווייז באַזוכן דאָס הויז. דאָס געזאַנג פון דער יוגנט פלעגט פאַרהילכן די זויב גאַס, ווו דער קולטור־הויז האָט זיך געפונען. דאָ אין די אָרגאַניזאַציעס האָט די יוגנט באַקומען די ערשטע חלוצישע דערציאונג. פיל פון די יוגנטלעכע האָבן דורכגעמאַכט „הכשרה" און עולה געווען אין לאַנד; זיי האָבן מיטגעמאַכט די מלחמת השחרור, געהאָלפן אויסקעמפן אַ פריי פאָטער־לאַנד — מדינת ישראל.

אין אוגוסטאָוו איז אויך געווען אַ ספּאָרט־קלוב „מכבי", אין וועלכן אַ שיינע ידישע יוגנט פלעגט נאָכן לערן־טאָג, אָדער שווערן אַרבעטס־טאָג, מיט ספּאָרט זיך פאַרנעמען. אין דעם ספּאָרט־קלוב זענען געווען פאַרייניקט אַלע שיכטן פון פּאָליטישער אָנגעהעריקייט; די לאָזונג פון קלוב איז געווען: „אין אַ געזונטן קערפּער אַ געזונטער גייסט". די ספּאָרטליכע אַרויסטרעטונג פלעגט דערוועקן קנאה ביי דער פּוילישער יוגנט.

געקומען איז דער יאָר 1939, דער יאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די דייטש־פּוילישע מלחמה, דער יאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָלקס־קאַטאַס־טראָפע פון פּוילישן ידנטום. דעם 1־טן אויגוסט 1939 איז דייטשלאַנד אָנגעפאַלן אויף פּוילן. מיט גרויס זאָרג און שרעק האָבן אוגוסטאָווער ידן אָנגענומען די ידיעה. נאָך פריער האָט דער גלות לעבן אָנגעהויבן ווערן אונערטרעגליך; די פּוילישע באַפעלקערונג האָט שטאַרקער און דייטלעכער אַרויסגעוויזן אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו די יידן, דורך באָיקאָטירן יידישע געשעפטן און אַנדערע באַגרענעצונגען. אוגוסטאָוו איז עטלעכע טעג געבליבן אָן קיין שום מאַכט־אָרגאַנען. די פּוילישע מיליטער האָט קאַפּיטולירט, די פּאָליציי דערהערנדיק אז די רוסישע אַרמיי דערנענטערט זיך — איז אַנטלאָפן. געפילט האָט מען און מורא געהאַט, אַז די קריסטן זאָלן דעם כאַאָס נישט אויסנוצן צו אַנטי־יידישע עקסצעסן; מען איז געזעסן אין די שטובן, בגניבה געהערט נייעס פון ראַדיאָ. פון סוואַלק און פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז פּוילישע כוליגאַנעס פאַלן אָן און רויבן יידישע געשעפטן. די לופט איז געווען זייער אָנגעשטרענקט. ווען ענדליך די רוסן זענען אַריין, האָבן די יידן פרייער אָפּגעאָטעמט — דער לעבן איז אַוועק אויף אַ נייעם וועג, שוין נישט

דאָס וואָס איז פריער געווען. בכלל, דער גאַנצער יידישער אָרגאַניזירטער טראַדיצ־לעבן וועלכער האָט יאָרן לאַנג דאָמינירט, איז ווי אַ חלום אַוועק. דער תהום צווישן יידן און קריסטן איז געוואַקסן. יידן האָבן זיך גרינגער צוגעפּאַסט צו דער נייער ווירקלעכקייט, אָנגעהויבן אַרבעטן אין קאָאָפּעראַטיוון; יידישע יוגנטלעכע האָבן אויך געקריגן פּאָסטנס אין שטאָטראַט, און עס האָבן זיך געשטאַרקט האָפנונגען, אַז אַלץ וועט מען איבערקומען.

אָבער שנעל איז דער הימל ווידער פאַרוואָלקנט געוואָרן, עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּליטים פון סובאַלק, וועלכע זענען פון דייטש אַנטלאָפן און דערציילט וועגן גרוילטאַטן פון די היטלעריסטן. אַ טיפע דערשיטערונג האָבן די אוגוסטאָווער יידן דורכגעלעבט מיט דער ידיעה, אַז עס איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן דער ציוניסטישער טוער אליאב חלופיצקי. אין איין פרימאָרגן האָט מען אויך דערוווסט זיך, אַז די רוסן האָבן ביינאַכט אַרויסגעפירט די פאַמיליעס רעכטמאַן, באַראָוויטש און אַנדערע, אין אַ אומבאַוווּסטער ריכטונג. אוגוסטאָוו איז דורך די רוסן אָנערקענט געוואָרן אַלס שטרענג גרענעץ שטאָט; אַלע פּליטים, די אָנגעפּאָרענע, האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. פון רוסלאַנד זענען געקומען רוסן, וועלכע האָבן וווערבירט אויף אַרבעט אין טיף־רוסלאַנד. צווישן די פאַרשריבענע פּליטים האָבן זיך איינצלנע אוגוסטאָווער אויך פאַרשריבן, און אַזוי אַרום געראַטעוועט זיך און איבערגעלעבט די גרוילן פון דער מלחמה. עטליכע מאָנאַטן פאַרן אָנפאַלן פון די דייטשע חיות אויף רוסלאַנד האָב איך אויך פאַרלאָזן אויגוסטאָוו. אין וווייטן סיביר, אין פאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן האָב איך דורכגעלעבט דעם קריג. די יידן וועלכע האָבן אין רוסלאַנד איבערגעלעבט די בלוטיקע מלחמה, קערן זיך צוריק — מען פירט אונדז קיין נידער־שלעזיע, דאָרט וויל די פּוילישע מאַכט אויפשטעלן דעם יידישן ישוב. נאָך עטלעכע שעה פאָרן בלייבט די באַן שטיין; מען האָט אויפגעריסן אַ בריק, עס וועט לאַנג דויערן ביז מען וועט ווײַטער קענען פאָרן. איך ווייס, אַז מיר שטייען נאָענט פון אוגוסטאָוו; איך ווענדע מיך צו אַ באַן־אַרבעטער, אַ עלטערער פּאָלאַק, איך וויל ער זאָל קויפן ביי מיר רוסישע ציגאַרעטן; איך זאָג אים אַז איך וויל צופאָרן קיין אויגוסטאָוו, כל זמן מיין עשאַלאָן וואַרט און קיין געלט האָב איך נישט. דער קריסט שטימט איין און הייסט מיר צווואַרטן. ער קומט צוריק„ פירט מיר צו אַ לאַסט־צוג, וועלכער פירט האָלץ. — „דער צוג פאָרט דורך אוגוסטאָוו, — זאָגט ער מיר — ווערסט קענען אפילו מיט מיר צוריקפאָרן“.

איך בין אין אוגוסטאָוו. שנעל לויף איך, איך זע שוין דעם וואַסערמיל. אָט איז דאָס וועלדל; באַלד וועל איך זען דעם יידישן בית־עולם. איך בין שוין נאָענט פון פּוילישן „צמענטאַזש“. אָבער, וואָס איז דאָס? איך בלייב שטיין און גלויב נישט מיינע אויגן, נישטאָ דער „גוטער־אָרט“! איך זע קי פּאַשען זיך, אַ פּאַסטוך זיצט מיט אַ הונט; סימנים פון קברים איז נאָך דאָ, און נאָר איין גרויסער שטיין (אַ וואַנט פון אַ אוהל) אין ווינקל. אַלעס איז פאַראומרייניקט פון בהמות... און די טרערן האָבן פאַרשטעלט מיין ראיה . . . דער פּאַסטוך קומט צו מיר „וואָס שטייסטו דאָ? וואָס ווייַנסטו?“ — פרעגט ער מיר. איך ענטפער נישט.

פלוצלונג הער איך: „ביסטו מולקי חיים איטשעס זון?“

— „יאָ, איך בין עס, און דו ביסט פּאַוועל מיכאלס זון?“ — „יאָ, איך בין פּאַוועל“, — —ענטפערט ער. „איז צו וואָס ביסטו, מולקי, דאָ געקומען? איך זע, אַז דו ביסט געבליבן לעבן“... איך האָב אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

איך בין אַוועק דורך דער בריק, צוגעקומען אויף בריק גאַס נומער 22 — די הויז ווו איך בין געבוירן געוואָרן. די הויז אָן אַ דאַך, פאַרלאָזן; געשטאַנען און געקוקט, נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ס'האָבן מיר אַרומגערינגלט קריסטן, מען האָט מיר אָנגעקוקט ווי עפּעס אַ געשפּענס פון יענער וועלט... מען פרעגט מיר צי בין איך הונגעריק. איך בין אַוועק ווייטער, געפילט אַז מען לאַכט מיר נאָך... די קלויז אויף בריק גאַס קיין זכר! איך גיי ווייטער, שווער צו דערקענען די שטאָט, אָפּגעלאָזן, צעבראָכן... יאָ, פּאַוועל האָט קיין ליגן נישט געזאָגט. ביי די טרעפּ פון צאלי דעם בעקער — אַ שטיין, יידישע אותיות ת. נ. צ. ב. ה. פאַרבייגייער חוזק'ן, אַנדערע דריקן אויס מיטגעפיל.

איך וויל מער זען. עפּעס יאָגט מיר. די תלמוד־תורה נישטאָ... די שול, בית־מדרש — סימנים פון וועגט געבליבן: אַ „זכר למקדש“ — אַ זכר פון אַ יידישן לעבן, וועלכער איז געשענדעט און אונטערגעשניטן געוואָרן; אַ זכר פון אַ פאָלק, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געלעבט, געשאַפן, און פאַרשניטן געוואָרן פון חיות אין מענטשן־געשטאַלט!

איך בין בייז אויף מיר פאַרוואָס איך גיי מיט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. פאַרוואָס איך וויין...

איך האָב פאַרלאָזן אוגוסטאָוו מיטן באַשלוס, מער מיין פוס זאָל נישט טרעטן אויף דער ערד!

אָבער איך בין יאָ געווען נאָך אַמאָל אין אוגוסטאָוו, אין 1956, פאַרן עולה זיין אין ישראל, מיט מיין פרוי און זון. דאָס איז געווען אין מיטן ברען פון דער סיני־אַקציע. איך האָב געדאַרפט ארויסנעמען אַ געבורטס־שיין. נאַטירלעך, אַז קיין יידן האָב איך אויך דאַן נישט געטראָפן.

איך האָב געזען, אַז פון די טראָטואַרן זענען אַרויסגענומען געוואָרן די מצבות מיט די אותיות פון אויבן, און עפנטלעך האָט מען שוין קיין חוזק נישט געמאַכט פון מיר. איך האָב מיט גאווה געקוקט די פאַלאַקן אין די אויגן; איך בין געווען שטאָלץ אַלס מענטש, אַלס ייד, וועלכער פאַרט אין זיין לאַנד, וועמענס מיליטער שלאָגט דעם שונא און היט דעם נאַציאָנאַלן כבוד פון יידישן פאָלק.

דער טרויער־וועג


יצחק ביאַלאָבז׳צקי

אַ בינטל זכרונות פון מיין געבוירן שטעטל אוגוסטאָוו פון פאַר דער מלחמה און נאָך דער מלחמה 1946—1950.

איך דערמאָן זיך פון מיינע קינדער יאָרן, איך האָב געלערנט אין חדר מיט הרשל פּאַפּיראָוויטש, אברהם כלופיצקי און פיל אַנדערע, און ליידער, איז קיינער פון זיי נישט פאַרבליבן. אין דער לאַנגער גאַס, ווו איך האָב געוווינט, זענען געווען שיינע און טייערע יידן: יעקב שייע פּאנוס ע״ה, אַ שיינער ייד, אַ למדן; שמעון אלי ברמן, וואָס האָט גאַנצע נעכט געלערנט. די דייטשן, ימח שמם, האָבן אים דערשאָסן, ווען ער האָט די ספר־תורה געהאַלטן, ער האָט זי נישט געוואָלט פון די הענט אַרויסלאָזן. דער גראַבאָווער רבי, אַ למדן און אַ געשמאַקער בעל תפילה; האַלץ סוחרים — לאָזמאַן מיט זיינע הויכע זין, ווער האָט זיי נישט געקענט? ווער האָט נישט געקענט די גרויסע משפחה פון גושע דעם בעקער?

שבת נאָך דעם עסן און נאָכן שלאָפן פלעגן אַלע טייערע יידן זיך אַרויסלאָזן שפּאַצירן אין שטאָט־גאָרטן אָדער צום גאָרטן ווו דער פּאַמניק איז געשטאַנען, אָדער גאָר צום ליינג אויס דעם קאַנאַל צו גראָדנער בריק.


ווען די רוסן זענען אַריין אין שטאָט, איז ביים דאָרף שצעברע, אויפן וועג קיין סו־באַלק געווען דער גרענעץ, לויט דעם אָבמאַך צווישן די רוסן מיט די דייטשן. די רוסן האָבן פיינט רייכע יידן, האָבן זיי אַרויסגעשיקט די רייכע קיין סוכאָוואָליע. נאָר אַ קליינע צאָל האָבן זיי פאַרטריבן קיין רוסלאַנד. נאָר די זענען געבליבן לעבן.

איך אַליין, יצחק ביאַלאָבז׳צקי, בין אַרויסגעפירט געוואָרן קיין רוסלאַנד, אָבער אָן מיין פאַמיליע. אין זעלבן טאָג וואָס די מלחמה איז אויסגעבראָכן זענען דייטשן אַריין אין אוגוסטאָוו, האָבן שוין די יידן נישט געקענט אַנטלויפן.

אין 1946 בין איך צוריקגעקומען אין שטאָט און מיינע באַקאַנטע גויים האָבן מיר געגנוי דערציילט וואָס עס איז געשען: צום ערשטן האָבן די נאַציס צונויפגענומען אייניקע יידן און זיי שרעקלעך געפּייניקט. שפּעטער האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע מענער פון 16 יאָר און עלטער, זאָלן זיך מעלדן אין מאַגיסטראַט. ווען אַלע מענער זענען געקומען, האָט מען זיי אַריינגעפירט אין שפּאַציר גאָרטן, פון דאָרט האָבן די ס. ס. זיי אָוועקגעפירט אין יאַכט־קלוב. דאָרטן האָט מען זיי געפּייניקט און


אויסגעהונגערט. שפּעטער האָט מען זיי אַרויסגעפירט אין שצעברער וואַלד. זיי האָבן געמוזט אַליין אויסגראָבן גריבער און די ס. ס. האָבן זיי אַלעמען אויסגעשאָסן אין די גריבער.

עס זענען געבליבן אייניקע מענער, האָט מען דערציילט, שמולקע קויפמאַן, אַ שטעפּער, דאָקטאָר שור, קאַנטאָראָוויטש דער זייגערמאַכער, בעדער. מיט שורן דעם דאָקטער האָב איך זיך געטראָפן נאָך דער מלחמה אין אוגוסטאָוו. ער האָט מיר געזוי



חזית בית העלמין לפנים. במקום בית העלמין — יער.
עומדים מזכיר העירייה ומרק רקובסקי.

דערציילט כמעט דאָס זעלבע. שפּעטער האָבן די נאַציס געמאַכט דעם געטאָ אויף די באַראַקעס, אַ באַוווּסטער אַרבעטער קוואַרטאַל. די יידן האָבן דאָרט געלעבט אין ענגשאַפט ביז דעם 1 נאָוועמבער 1942. מען האָט זיי געפירט יעדן טאָג אין שטאָט, דורך דער מיל־גאַס, אויף שווערער אַרבעט. דעם 1־טן נאָוועמבער, אין דער פרי, איז אַרומגערינגלט געוואָרן דער געטאָ, און אַלע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויף גראָדנער שאָסיי.




חדר הטהרה. בכניסה — ל. רכטמן.

דער וואָס האָט נישט געקענט גיין — אַלטע, קראַנקע — זענען באַלד אומגעקומען אויפן אָרט. אַזוי האָט מען זיי געטריבן דורך דעם גראָדנער בריק צו גראַיעווע ביז דעם לאַגער באַגוש, מיט קליינע פעקלעך אין די הענט. עס איז דאָן גיווען זייער קאַלט; די געשרייען זענען דערגאַנגען אין שטאָט; די אוגוסטאָווער גויים זענען געלאָפן און נאָך אַרויסגעריסן די פעקלעך פון זייערע הענט.

אין לאַגער באַגוש זענען זיי געווען ביז 2 מאָנאַט אין זייער שווערע באַדינגונגען. דער וואָס איז געבליבן ביים לעבן איז אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע און מיידאַנעק.

אַזוי האָט מיר געגעבן דערציילט ד״ר שור, וואָס איז געבליבן לעבן פון טויטן־לאַגער מיידאַנעק. אונדזער שטאָט איז רייך געבליבן פון יידן.

איך בין אָנגעקומען אָנפאַנגס 1946 אין אוגוסטאָוו מיטן באַן. עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען איך האָב געזען די אויסגעשטעלטע דאָראָשקעס און אַלע בעלי־עגלות זענען גויים. אַלע האָבן מיר געבעטן זיך אַרויפזעצן, אָבער איך בין געגאַנגען צו פוס.



יד לקרבנות הנאצים בשצ׳ברה. ע״י המצבה ל. רכטמן
היהודים לא נזכרו כלל.

איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם וואַסער מיל, ווו איך האָב געאַרבעט 15 יאָר, ביי נתן וואַרהאַפטיג און ראָזענטאַל. די מיל שטייט ביז היינט. אונטערן מיל האָב איך געזען ליגט אַ באַרג מיט מצבות פון יידישן בית־עולם, אָנגעוואָרפן, דער בית־עולם איז ריין, אָן מצבות; פיל פון די מצבות האָב איך געזען אויף די טראָטואַרן אין מאַרק; די שול מיטן בית־המדרש האָט מען אָנגעהויבן צונעמען, נאָר די יאַטקע קלויז שטייט גאַנץ.

די הייזער וואָס זענען גאַנץ געבליבן זענען, פאַרשטענדליך, פאַרנומען פון גויים. איך בין געגאַנגען מיט מאַקס און לייבל רעכטמאַן אין מאַגיסטראַט און געבעטן, מען זאָל אויף די באַראַקן אַרומצוימען עטלעכי קברים וואָס זענען געבליבן גאַנץ. מען האָט אונדז צוגעזאָגט.*

יצחק ביאַלאָבז׳צקי

אַ בריוועלע דער מאַמען . . .



זיך געזעגנען מיט מיינע אַלטע פריינד אין בריק־גאַס בין איך געגאַנגען.

ליב און טייער זענען מיר די אַלטע שכנים געווען. עס האָט זיך מיר געוואָלט הערן די האַרציקע ברכה: „פאָר געזונט״.

אין בריק־גאַס, וואו די קלויז האָט זיך געגרענעצט מיט דעם גרויסן יאַגעלאָנסקי־גאָרטן, איז געשטאַנען אַן אַלטער בוים, וועלכער האָט געקענט פיל דערציילן פון דיליידן און פריידן פון אונדזערע טייערע יידן.

ער האָט פריינדלעך באַגלייט די יידן צום דאַווענען — דריי מאָל אַ טאָג — און די הייליקע תורה לערנען.

דער זעלבער בוים האָט טרויעריק מיט די בלעטער געשאָקלט, ווען מען האָט די יידן צו דער עקידה געפירט.

דאָרט איז דעמאָלט אַ מאַמע געשטאַנען און אַ געבעט געהאַט: „ווען דו וועסט מיין זונעלע זעען, זאָג אים ער זאָל דער מאַמען אַ בריוועלע שרייבן״.

ביז איך האָב אים אויפגעזוכט דעם גרוס איבערגעבן — איז שוין נישט געווען וועמען דעם בריוועלע שרייבן...

אסתר טוקר (גליקשטיין)

---

* זיי האָבן דעם צוזאָג נישט געהאַלטן. היינטיקס יאָר איז רעכטמאַן געווען נאָכאַמאָל אין אויגוסט. ער האָט אין מאַגיסטראַט געפאָדערט דאָס זעלבע.

נר זכרון

גד זאַקליקאָווסקי



גד זאַקליקאָווסקי איז געקומען קיין אויגוסטאָוו פון סקידל אין יאָר 1922. בערל איילענדער האָט אים דאָרט דערקענט און אים איינגעלאַדן קיין אויגוסטאָוו. ער איז אָנגענומען געוואָרן אין תלמוד־תורה אַלס לערער פון העברעיש, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אים אָנטזאָגט, ווייל ער איז נישט געווען רעליגיעז. ער איז געבליבן נאָר ביי פּריוואַטע לעקציעס. אין 1923 העלפט ער גרינדן דעם „החלוץ" און אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע קול־טורעלע טעטיקייט. ער האַלט רעפעראַטן, רעזשיסירט פאָרשטעלונגען פאַר קינדער, אָרגאַניזירט אויספלוגן אין די וועלדער און מיט לאָדקעס אויף די אָזיע־רעס. די הכנסות זענען באַשטימט פאַר וווילטעטיקע צוועקן.

אין 1931 פאָרט ער קיין אַרגענטינע אויף דער איינלאַדונג פון מיינעם אַ יוגנט־פריינט. אין צוויי יאָר אַרום קומט ער צוריק. אין 1938 זענען מיר עולה קיין ארץ־ישראל. די ערשטע צייט איז געווען גאַנץ שווער, ביז ער ווערט אָנגענומען אַלס פקיד אין מחלקת העליה פון דער סוכנות. דאָרט האָט ער געאַרבעט ביז פּענסיע. אין 1948 זענען מיר אַריבער פון תל־אביב קיין פתח־תקוה. דאָרט האָט זאַקליקאָווסקי געהאָלפן גרינדן אָוונט־קורסן פאַר די נייע עולים און ער האָט זיך באַטייליקט אין זיי ביזן טויט. ער האָט אויך געהאָלפן שאַפן אַ שיינע ביבליאָטעק. ער באַטייליקט זיך אין דער צייטונג „לעצטע נייעס" און אין פאַר־שידענע זשורנאַלן. די לעצטע יאָרן האָט ער גענומען אויף זיך צו זאַמלען מאַטעריאַל פאַר דעם בוך „קהילת אוגוסטוב", אָבער, לײדער, האָט ער נישט באַוויזן צו טאָן אין דעם.

דעם 9־טן מאַי, ט' איר, 1960, איז ער געשטאָרבן.

זאָל זיין אָנדענק זיין מיט אונדז אייביק.

פתח־תקוה — זיין פרוי **דינה**

גד זקליקובסקי



אסתר אילנדר־ויינברג

מי לא הכיר את המורה גד זקליקובסקי, ומי לא חש בפעילותו התרבותית בתקופת שהותו בעירנו? אך מעטים הם היודעים, כיצד הגיע לעיירה.

על זה ברצוני לספר. תוך כדי כך אציב גם מצבת זכרון להורי היקרים, שניספו יחד עם רבים מאוד בימי השואה האיומים.

אחרי שחרורה של פולניה מעול זרים והכרזת עצמאותה, קמה התעוררות ציונית לאומית במדינה. הדיה הגיעו גם אלינו. רבים מההורים הרגישו צורך לייסד בית־ספר עברי מתקדם. ברם, למרות כל המאמצים לא הצליחו בזאת.

הורי ז״ל החלו אז לתור אחרי מורה שיקנה לנו, לי ולאחותי, את השפה העברית בצורה מודרנית יותר.

באותם הימים, באמצע שנות העשרים, נמצא אחי דב (בערל) ז״ל, לרגל עסקי אבא, בעיירה סקידל. שם הכיר את המורה זקליקובסקי, שהורה עברית בשיעורים פרטיים. אחי דיבר על ליבו



חוג דרמטי של ילדים

שיעבור לאוגוסטוב. הוא נאות לקבל את ההצעה ובא אל ביתנו. איכסנו אותו איכסון מלא 7־6 שבועות. אבי ז״ל השיג למענו שיעורים פרטיים נוספים, וגם — משרת מורה ב„תלמוד־תורה". אולם הוא לא החזיק מעמד בבית הספר בגלל השקפותיו החילוניות וסיגנונו החדיש בהוראה, שלא הלמו את אופיו המסורתי של המוסד. הוא המשיך, איפוא, רק בהוראה פרטית והשתרש במקום.

ההווי החסידי זר היה לנו מכל וכל, כי בית מתנגדים מובהק היה ביתנו, ככל האחרים בעיר. זקליקובסקי, כבנו של שמש או גבאי אצל האדמו״ר מסוקולוב, הכניס אותנו קמעה קמעה לאותו עולם חדש בשבילנו, ע״י ניגוני החסידים והסיפורים על חייו בסביבתו הקודמת.

גד זקליקובסקי היה איש תוסס ורענן. הוא הפעיל את הנוער, אירגן וריכז סביבו את הצעירים, הדריך חוג דרמתי וביים את המחזה „החוטפים". היתה זאת תקופה רבת חוויות, והיא נשמרת בזכרוני עד היום.

אסתר אילנדר־וינברג

פ נ י ה

את פניה הכרתי באוגוסטוב. שכנים היינו, בית על יד בית. משפחתה גרה בבית גדול ויפה, כולו עטור מטפסים. לעומתו — ביתנו היה קטן, דל ורעוע. ותמיד התקנאתי בבית היפה. אביה היה מורה באוגוסטוב ונחשב למורה משכיל וטוב. התלמידים העריצוהו וגם פחדו מפניו כי קפדן היה ואוהב סדר.

ב־1928 כשמלאו לי 14 שנה גמרתי את בית הספר העממי והפסקתי ללמוד. האמצעים בבית היו דלים, אמי כבר לא היתה בחיים והוכרחתי להתמסר לבית העזוב. עצובה הייתי. באותם הימים פגשה אותי פניה והציעה לי להכנס ל„החלוץ הצעיר". קרן אור בחיי. הייתי כמו בחלום. גאוה תקפה אותי, גאוה על שפניה, בת המורה, רעותי היא. לכבוד גדול נחשב הדבר בעיני. נמשכתי לתנועה. אודה על האמת כי לא הרבה הבינותי מכל אשר לימדו בתנועה, אך את האהבה והכמיהה לארץ ישראל עוררה בי פניה והכניסה בי רוח חיים.

בקבוצתה היו עוד נערים ונערות, מהם בנות עשירים, אך מכולן בחרה בי לחברתה, היתה מקריאה בפני משיריה. שכחתי אותם. הלא זמן רב עבר כבר מאז. בילדותי בישנית הייתי ובשבתי עם פניה היתה תוקפת אותי חרדת קודש. לא ידעתי את נפשי. זוכרת אני איך שלימדה אותנו את „מסדה" ליצחק למדן. דבריה שפעו אמונה ולהט ונכנסו ללב והלהיבוהו.

— „האדם — אמרה — צריך להתעלות מעל הקטנוניות שבחיי יום־יום. הוא צריך לחיות חיים נעלים ותמיד ליצור יש מאין".

בפגישה אחת אמרה לי: „אדם שאינו נותן ומועיל לחברה דומה לגרגיר אבק הנשחק ולא נשאר ממנו זכר. על כן ישתדל להיות מועיל. בזה מובטח לו זכר עד" — ודעתי היתה אחרת: „טוב להיות חייל פשוט מן השורה, להסתגר בפינה. הכי קל". ידעתי שגרמתי לה מפח נפש. ולא יכלתי אחרת.

הרבה פרסמה ב„להבות" — עתון ה„חלוץ הצעיר". לא הכל שמור בזכרוני רק משמעותם נחרתה בלבי: פניה כתבה על האידיאה שמנחה את האדם בדרך והישותה אותה להר גבוה ותלול שקשה ומיגע לעלות אליו. אשרי האיש שמצליח להעפיל ולהגיע לפסגה, רק אז הוא מרגיש את הערך „האמיתי" בחיים. מאז — שאיפתי להגיע לפסגה כזו. חיי במחיצתה היו להם ערך מיוחד. במחיצתה התעלה האדם.

כמה יושר היה צפון בה. לא סבלה כל שקר. סטית — ומיד הרגישה שמשהו לא בסדר אתך.

1929. תקופת המאורעות בארץ. פניה מנהלת מושבת מנהלים של ה„חלוץ הצעיר" בלומזיצה. עמדה לי הזכות להשתתף במושבה. במושבה גלינו פניה חדשה: פניה המארגנת, טובת הלב, בעלת הידיעות הרבות והמגוונות. איזה עושר של ידיעות! מה פלא? — כי תמיד, תמיד למדה. ובכל — מוקפת אהבה והערצה מצד חניכיה ומכיריה. אני בטוחה שכל אלה אשר זכו לחיות במחיצתה ממשיכים לאהוב אותה גם עתה.

ומהמושבות — בקורים בלי סוף בעיירות, נפגשת עם הנוער, מרצה, משוחחת, מספרת וכובשת בחן קיסמה לבבות לתנועה. לא פעם הייתי אומרת לה: פניה! שמרי על בריאותך! בזבוז כזה! אך פניה היתה מצטחקת וממשיכה בלי לאות בעבודתה.

מי יכל עתה להאמין שפניה זו, הרתוקה שנים לערש דוי, היתה בנערותה חסונה, בריאה, יפה, מקפצת ומדלגת כמו עיזה שלוחה.

פניה עוזבת את אוגוסטוב ועוברת לורשה לעבוד במרכז „החלוץ הצעיר". הרבה ימים נעדרת פניה מהבית ומהעיירה. בלבי געגועים עזים עליה. בלעדיה — החיים נטולי ערך. רק באה פניה, ולו למספר ימים — ורוח אחרת אתי, החיים קבלו גוון צוהל ורונן.

ב־1930 — פניה עולה ארצה. עצוב, עצוב בלעדיה. אני מתיחדת עם תמונתה שהשאירה לי ועליה כתוב: „אל יאוש! הן עליך לזכור שעוד ניפגש".

ממרחקים חשתי את פניה, הרגשתי שיש לי משענת בחיים.

הגיע היום המקווה — ונפגשנו. הארץ. שוב ישבתי על ידה מבוישת ולא ידעתי את נפשי. שוב תקפה אותי גאוה על פניה בת עירי, המשוררת הטובה והברוכה.

לעתים בקרתיה. החיים לא היו קלים. פניה מקבלת אותי כאם ואחות. מקילה עלי בדאגותי, דואגת לבריאותי, נותנת עצות, ומגרשת יאוש. על עצמה, מכאוביה וחלייה אף פעם לא דברה. כמה קל היה במחיצתה. איזה הומור מלבב מלוה כל שיחותיה. היא היתה באמת יותר נעלה מכול וכול.

כשהיה מופיע ספר שירים או שירי ילדים משלה הייתי ממש מאושרת. קוראת ומקריאה בפני הילדים. והם הרגישו איזו קרבה ואהדה שופעת ממני אליה. ובקבלי מכתב ממנה — לא היה קץ לשמחתנו. — „נכון, אמא, שזאת כותבת פניה המשוררת"? כמוני אהבו אותה. לא פעם תקף אותי פחד מהמחשבה על בריאותה הרופף. הלב רצה בנס. רצה והאמין, אך... נשמתה הן בת אלמות היא.

שרה ברלינר (עין הים)

ישראל (זליה) ברגשטיין

ישראל אחיה של פניה היה רופא בעל מעמד בוורשה. גוייס, עם פרוץ המלחמה, לצבא הפולני ונפל בשבי הרוסים. שוחרר וקיבל משרת רופא בביאליסטוק. עם כניסת הנאצים נלקח למחנה ריכוז ושם שירת כרופא. ביום התקרב הצבא האדום למקום המחנה נקראו נציגי המחנה להתייצב בפני המפקד הנאצי. חברים יעצו לו להסתתר, אך הוא מאן „כרופא — חייב אני לעמוד על משמרתי" — טען. בו ביום הוציא המפקד להורג את הנציגים שהתייצבו, וביניהם — ישראל ברגשטיין. עם ערב שיחרר הצבא האדום את עצירי המחנה.

שלמה פלוצינסקי

כשאני נזכרת בשלומקה, רואה אני את העיירה אוגוסטוב, את בית אחות־אמי רייזל, את הדוד מאיר, ואת ילדיהם: חינה, ישעיהו, שלומקה וברל׳ה הקטן.

רואה אני בעיני רוחי את החנות שלהם לגלנטריה בככר השוק, מתחת הגגון הגדול. הדירה הצמודה לחנות — נקייה. אני רואה את חינקה, חברתי הטובה, הנערה היפה; ואת שעיה — הבחור הרציני, השקוע בספרים ומטפל במסירות בספריה; ואת הבן השלישי במשפחה את שלומקה — תמיד עליז ותמיד מתלוצץ. אני נזכרת בימי ה„יריד", שהתקיימו פעמיים בשנה. המוני איכרים באו לקנות, ואנחנו הילדים עזרנו למבוגרים בעסקים. שלומקה היה אז איתנו. זוכרת אני איך כולנו נדבקנו מעליצותו, ומה„חכמות" שלו. היה פעיל ב„החלוץ הצעיר", ואח"כ — ב„החלוץ". ב־1928 יצא להכשרה. כשהיה בא לחופשה קצרה הביתה, היה מלא התלהבות וטרוד בדאגות הפלוגה, בה הכשיר עצמו לעליה. הגיעה שעת העליה. הוא בא להפרד וכיבדני בתצלומו. מעבר לתצלום היה כתוב: „זכרי חינה כי בלי חושך אין טעם לאור, ובלי כאב אין טעם לגיל".

נפטר בגבעת השלושה 17.10.52. יהי זכרו ברוך!

חינה שרגא (ברגשטיין)׳ בית השיטה

עם שלמה׳קה בהכשרה

ימי ההכשרה, לפני העליה לארץ, מהוים חלק נכבד בחיי כל אחד מאתנו. צעירים ורעננים היינו, ועל כן הלב היה פתוח לראות את האדם בגלוייו השונים.

את שלמה׳קה פגשתי בקבוץ „תל־חי" בהתחלת שנת 1928. מלא מרץ, רוך, הומור, כולו תוסס, התבלט בחיי החברה. הוא בא לקבוץ אחרי גמרו את הסמינר של „החלוץ הצעיר" בוורשה. בן אוגוסטוב היה. פעיל מאוד בסניפי „החלוץ הצעיר" שבגליל גרודנה ביאליסטוק.

בלהט נעוריו התבלט בכל ענפי הפעולה החברתית והתרבותית בקבוץ.


המצב בקבוץ לא היה קל. החורף קשה, שלג וכפור. עבדנו במנסרה. לעתים היינו מחוסרי עבודה. שערי הארץ היו סגורים ולא פעם פשה היאוש בין החברים. אך שלמה'קה היה מלא תקוה ואמונה, מעודד, מתלוצץ, ועוזר להפיג את היאוש.

והוא עולה ארצה בין ראשוני „תל־חי", באניה האחרונה לפני פרוץ מאורעות 1929.

רבקה ב. (גבעת השלשה)



שלמה פלוצינסקי



ישראל לוי

ישראל לוי

נולד ב־1914 באוגוסטוב למרים ולראובן לוי, זכרונם לברכה, מורים לעברית.

עלה לארץ ב־1922, עם אמו ואחיותיו. אביו עלה שנתיים לפני כן. בקבוצו גינוסר היה המפקד של הפל"ם (פלוגה מיוחדת) בתקופת מלחמת השיחרור. ביום ראשון, כ"ח אייר תש"ה, 6.6.48, באישון ליל, יצא בראש מחלקה לכבוש משלט מעל לכפר הערבי ג'וער, משם צלפו על העובדים בשדות. עם שחר, לאחר שהתבססה המחלקה, ולפני הזינוק להתקפה — התרומם כדי לסקור את השטח, ונפגע בכדור בראשו. תחת מטר אש הביאו את ישראל לבית החולים, שם הוציא נשמתו.

ארבע עשרה שנים נתן את כולו לבנין המשק והחברה בקיבוץ גינוסר.

יהי זכרו ברוך.

צילה בז'נט

צילה ז"ל נולדה, בי"ט בחשון תש"ד (17.11.43), בכפר ורבורג להוריה מאירה ויצחק. מצד אמה הנה דור שלישי בארץ — נכדת ר' אליהו גלזר מראשוני בוני רחובות.



צילה בז'נט



ביילקה פפירוביץ
נהרגה ע"י ערבים בדרכה לאוניברסיטה
בהר הצופים.



טוביה רבינוביץ



ברוך חוסיצ'ר

אביה — מראשוני העולים מאוגוסטוב. את גן הילדים ובית הספר היסודי סיימה בכפר ורבורג, ויצאה לקנות דעת נוספת בבית הספר התיכון שברחובות.

עם גמר בחינות הבגרות ועד לגיוסה לצה״ל באוקטובר 1961 — פרח לפתע כשרונה הספרותי והאמנותי. מחברות ספרות ופיוט נתמלאו על ידה; ציורים המביעים יופי נפשי ועבודות־יד שונות מילאו את הבית.

בצה״ל עברה קורס פקידות בהצלחה והוצבה בהתאם למקצועה, — עד ליום המר בו נקפד פתיל חייה בתאונת דרכים. נפטרה כ״ט בסיון תשכ״ב (1.7.62).

תהא נשמתה צרורה בצרור החיים.

טוביה רבינוביץ

טוביה רבינוביץ ז״ל נולד ב־1895 באוגוסטוב ליחזקאל ולחיה־ציפה (לבית פלוט־נובסקי). הוא למד בחדר ואחרי זה המשיך בגמנסיה העברית של כגן בוילנא.

ב־1920 יצאה מאוגוסטוב קבוצת עולים ראשונה לארץ־ישראל. הוא היה ביניהם. ראשית עבודתו בארץ היתה במרחביה. כעבור זמן קצר הוא עבר יחד עם חבריו לרחובות, ועבד שם בפרדסים.

בפרדסי רחובות התארגנו חבורות פועלים לעבודות הממשלה הבריטית בסרפנד. טוביה הצטרף לאחת מהן.

משם עבר טוביה לעבוד במשרד לעבודות ציבוריות, כיום „סולל-בונה״. קבוצתו נקראה בשם ט״ו, בהתאם למספר חבריה. לאחר מכן עבד בעיר גנים, כיום רמת-גן. מעבודת הבנין חזר לחקלאות, הפעם — בפרדסים של גן־חיים. בזמן ההוא החלו הפועלים החקלאיים להתארגן בארגוני התישבות, שנקראו אחר כך בשם הכולל „התישבות האלף״. כלומר, סך הכל אלף משפחות התישבו באותה תקופה במושבים שונים. היה זה מבצע כביר באותם הימים, וטוביה לקח בו חלק פעיל.

ב־1933 התישב טוביה במושב צופית. נטע פרדס של שבעה דונמים, הקים רפת, ועבד גם מחוץ למשקו. במאורעות 1936, הוא נפל על משמרתו בצופית. השאיר אחריו אשה הרה, ילד בן שש, משק בבנייתו, ומשפחה וחברים אבלים.

במרוצת השנים עזבה אשתו את המקום ועברה העירה. את המשק היא השאירה למשמרת אצל ועד הכפר עד אשר יגדלו הבנים. 20 שנה לאחר מותו של טוביה חזר בנו הבכור, יחזקאל, למשק בצופית, וממשיך בדרכו של אביו.

אחיו ישראל רבינוביץ (מושב חרות)

ברוך חוסיצ׳ר ז״ל

נולד באוגוסטוב בשנת 1910. בן בכורם של יצחק ורחל. אחרי סיימו את בית הספר העממי המשיך ללמוד ב„ישיבה״. למרות חינוכו המסורתי הוא מצטרף ל„החלוץ הצעיר״. כיון שקשר את עתידו בעליה לארץ ישראל — הבין ברוך, שעליו להכשיר את עצמו ע״י לימוד מקצוע, ובחר בצבעות.


בימי מאורעות תרפ"ט (1929) הוא מחליט לעלות לארץ־ישראל. למרות אהבתו להוריו, הוא לא נענה לבקשתם לדחות את עלייתו עד לאחר שהארץ תשקוט. בארץ הוא עובד קשה, כדי לחסוך אמצעים להעלות את המשפחה. בשנת תרצ"ו עולה הדבר בידו. הוא פעיל מאוד ב"הגנה". בשנת תרצ"ו הוא מתגייס למשטרת הישובים העבריים, ומשמש למעשה מזכירו של מפקד ה"הגנה" בנפת רעננה. נפש פיוטית שכנה בקרבו, בזמנו הפנוי הוא מתמסר לציור ולמוסיקה.

עם הכרזת המדינה הוא מועבר למנגנון המטכ"ל. ב־4.6.1948, הפציצו אוירוני המצרים את המטה הכללי. חבריו לעבודה ביקשוהו לרדת למקלט, אבל ברוך לא רצה להפסיק את עבודתו. רסיס של פצצה פגע בו והרגו במקום. בפקודת המטכ"ל מיום 29.9.48, הוענקה לברוך דרגת סגן, בהתאם לתפקידו בשרות "ההגנה".

א ב א

אבינו, ר' יעקב יעווריסקי (עברי), היה תלמיד חכם. הוא למד בישיבת סלובודקה, את הסמיכות לרבנות קיבל בישיבת וולוז'ין. הוא הצטיין בזכרון ובשקידה בלתי רגילים. לבו לא נמשך לכסא-הרבנות ופנה למסחר העצים, אבל תמיד מצא שעות פנויות ללמוד תורה. הוא התהלך בידידות עם תלמידי החכמים בעירנו, ובפרט עם הרב קוסובסקי, רבה של אוגוסטוב. הוא פעל הרבה למען ה"תלמוד תורה" בעיר, ודאג לכלכלתם של ילדי עניים ע"י סידורם אצל משפחות אמידות. הוא נסע בשליחות ישיבת "הרי"מ" בוילנה לאמריקה. בשהותו שם התחבב על יהודי ברוקלין והם מינו אותו לרבם. שבע שנים ישב על כסא־הרבנות בברוקלין. שם נפטר שבע מעשים טובים.

אסתר איגר (עבריה)



ר' יעקב ייברייסקי (עברי)



ר' שמעון ורהפטיג

א ב א

אבי שמעון בר׳ שמואל ורהפטיג ז״ל עלה ארצה ב-1922. לאחר שנה חזר לאוגוסטוב על מנת להעביר ארצה את מכונות הדפוס. ב־1925 עלה שנית והתיישב בחיפה. בשנת 1926 החל לכהן כרב במשרד הרבנות בחיפה, שלא על מנת לקבל פרס.

הוא נפטר בשיבה טובה בצום גדליה 1936. בן 80 היה במותו. הובא לקברות בבית העלמין בחיפה.

נח ורהפטיג

אבי ואחי

אבי, ר׳ יוסף, איש עסקים, קבלן בתקופת הרוסים לבנינים וגשרים, קבע עתים לתורה. על אף עסקיו המטרידים הגה יום יום, עד שעה מאוחרת בלילה, בש״ס. בימי המלחמה, כשהסכנה ארבה ליוצאים החוצה בלילה, — היה ר׳ יוסף מתחמק מביתו, ואץ לבית־הכנסת שברחוב מגוריו, „רחוב הגשר״, כדי ללמוד את שיעורו בגמרא ללא מפריע. הוא פעל לשיפוץ בית הכנסת, בו התפלל ובו גם נתן שיעורים בתלמוד.

שתיים מבנותיו זכו לעלות לארץ ישראל. שאיפתן לעליה התגבשה בהתרפק אביהן על ציון וירושלים בברכת המזון. בנו יחידו משה אריה, מפעילי „בית״ר״ בעירנו, לא הספיק לעלות וניספה עם משפחתו בשואה. הי״ד.

אחי היה יושב־ראש ארגון הסטודנטים בוילנא, ועסק במחקר על קהילות יהודיות מסוימות. כן היה כותב בעתון „דער טאג״ על בעיות הסטודנטים היהודים.

*

סנדר משה לנזינגר היה יושב ראש „המזרחי״ בעיר. הוא ואשתו גולדה, לבית קריניצקי, פעלו רבות להעלאת חלוצים וחלוצות ארצה. כשכבשו הבולשביקים את אוגוסטוב הגלו אותם לרוסיה. הוא חזר לפולניה שבור ורצוץ. הם זכו לעלות ארצה, אך הוא לא החזיק מעמד, אלא זמן קצר.

אסתר טוקר (לבית גליקשטיין)

בית אבי

בשולי העיר אוגוסטוב היהודית, לפיתחם של בתי הגויים (אונטערן ברום) — עמד בית הורי. בבית זה ראו אור העולם צאצאים רבים ממשפחת אמי. בזמני, נראה היה כבר הבית כמט ליפול. אבי בא לאוגוסטוב מישיבת סלובודקה. לאחר שנשא את אמא לאשה עבר לגור בבית משפחתה. פרנסתו היתה עַל חנות קטנה. הוא היה אדם צנוע ושקט, התרחק מעסקנות ושמח בחלקו. חמשה אחים ואחיות היינו. תמיד הסב אל שולחננו אורח. אמא היתה מקבלת כל אורח בסבר פנים יפות. החלוצים, שקבלו הכשרתם בנגרות בחצר שכננו פונימונסקי, היו אורחים רצויים בביתנו.

בשנת 1925 עזבנו, אחי יחזקאל ואני, את הבית ועלינו ארצה. לאחר מכן העלינו את אחותנו רחל. ההורים, אחותי פרדקה, ואחי אליעזר — ניספו בשואה. הי״ד.

יצחק שרמן

א ב י

אבי, יצחק בר' שמואל־יוסף סרביאנסקי ז"ל, נולד ב־1889 בכפר טשארני־בראד, על־יד אוגוסטוב, להורים אמידים. שנים אחדות לפני מלחמת העולם הראשונה, מכרו את אדמתם בכפר, וקנו בית בן שתי קומות באוגוסטוב.

אבי ניהל עסקים גדולים. היה קבלן לצבא הגרמני, ואחר כך — לצבא הרוסי. היה קונה עצים ביערות של „פריצים" ושל הממשלה. פועלים מהכפרים היו כורתים את העצים, ומגלגלים אותם מההר למטה, למים. שם היו קושרים אותם לרפסודות, לאחר מכן, קושרים רפסודה לרפסודה, עד לאורך של כ־148 מטר. באגמים ניצקו, רוספודה, סאינו, ביאלה נמשכו הרפסודות ע"י סוסים, או נדחפו ע"י פועלים כשבידיהם מקלות דקים ישרים באורך 5—6 מטרים שבקצם תקוע קרס. בנהרות נרב, בוג, נימאן וויסלה שטו הרפסודות בכוח הזרם החזק, עד שהגיעו לנמל גדיניה על שפת הים הבאלטי.

אבי היה אדם יפה, גבוה, רחב גרם, חזק וטוב לב. בחצרנו היתה אורווה ענקית שבנו בשביל סוסי הקוזאקים. לפני מלחמת העולם השניה נדדו יהודים קבצנים מהסביבה, וגם מרחוק, עם עגלות רתומות לסוסים (כמו הצוענים) מעיר לעיר לקבץ נדבות. בעירנו היתה אכסניה אחת „הכנסת־אורחים" או „הקדש", אבל היא היתה תפוסה ע"י קבצני עירנו. ובכן, אבא הרשה לנודדים הללו להכנס עם טפם והסוסים לאורווה שלנו. כשירד גשם עז היו אבא ואמא שולחים אותי להזמין לביתנו את הילדים והחולים שהיו ביניהם.

בשנת 1939 חלה אבא בסכרת. תרופות אינסולין אי אפשר היה לקבל. בראש חודש אדר ב' 1940, נפח נשמתו והובא לקבורות. הוא זכה להקבר בקבר ישראל, עוד לפני בוא הנאצים.

א מ י

אמי, מרת ליבה בת אידל ור' אלחנן שטיינדם, נולדה בראצק ע"י אוגוסטוב בשנת 1896, למשפחת סוחרים אמידה. בשנת 1918 נישאה לאבא והתישבה באוגוסטוב. נולדו להם שני בנים ושתי בנות. אני הבכור, נשארתי בחיים בדרך נס, אך שאר הילדים ואמי — נהרגו או נשרפו בידי הנאצים.

אמי היתה אדוקה, צדקנית, אשת־חיל, וטובת־לב. בימים ההם היו באוגוסטוב בחורי־ישיבה שברחו מרוסיה, וגם ילידי פולניה, שנפשם חשקה בתורה. הם למדו בבית־המדרש או ב„יטקע־קלויז", ואכלו „ימים" בבתי היהודים. אחד מהם היה יענקל'ה. ארבע שנים התגורר בביתנו. לא פעם היה חולה, ואמא היתה מטפלת בו. בחור־ישיבה אחר היה פליט מרוסיה. שבס'לה קראו לו. שנים רבות היה באוגוסטוב, ומהן — ארבע שנים בביתנו. הוא היה קטן, רזה וחולה. במסירות רבה טיפלה בו אמא. ועוד ממעשיה של אמי: הדודה חנה בובריק, אחותו של אבא, מתה, והשאירה 2 יתומים קטנים. אמא היתה הולכת אליהם יום־יום, מאכילה אותם ורוחצת אותם, ומטפלת בהם כמו אם.

אחי

אחי שמואל־יוסף סרביאנסקי נולד בשנת 1924. חלק הארי מחייו היה חולה. בהגיעו לשנת ה־11, הבריא. נרצח או נשרף ע״י הגרמנים המרצחים בגיל 17 שנה.

אחותי לאה

אחותי לאה, נולדה בראש חודש אייר שנת 1922. היא למדה בתלמוד־תורה, ולאחר מכן — בבית ספר העממי הפולני. היתה המדריכה של „פרייהייט" עד שנת 1939.

אחותי ולה

אחותי ולה, נרצחה ע״י הגרמנים בהיותה בת 6 או 7 שנים.

אלחנן סרביאנסקי, כפר מל״ל

רבקה יפה, אלמנתו של ד״ר הלל יפה, מתה אתמול בירושלים.

רבקה יפה, לבית גליקשטיין, נולדה באגוסטוב. עלתה לארץ בשנת 1895, נישאה לד״ר יפה, מחלוצי הרפואה בארץ וליוותה אותו בכל עבודתו.

